STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06507

DOS LEBEN UN SHTREBEN IN SOVET RUSLAND

Alfons Goldschmidt

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דאָס לעבען און שטערבען אין
סאָוועט רוסלאַנד

פון דר. אַלפאָנז גאָלדשמידט

איבערזעצט פון
נ. בוכוואלד

ארויסגעגעבען פון דער
מאַרקס ליטעראטור געזעלשאפט און פארלאג „נייע וועלט"
ניו יאָרק, 1921.

ALLIED PRINTING TRADES COUNCIL 200

Copyright, 1920, in the U. S.
by the
MARX PUBLICATION SOCIETY
Published January, 1921.
All rights reserved.

אינהאלט פארצייכניש.

זייט

די שיף — 7
גרעניצען — 10
די אייזענבאהן־רייזע נאך מאסקווע — 14
אין פעטראגראד — 19
דער ערשטער מאי — 22
דער סאוועט האטעל — 25
גאסען און פלעצער — 29
דער בולוואר — 33
קליידער — 37
בעטלער — 42
קירכען — 46
דער גרויסער טעאטער — 50
די ענגלענדער רעדען — 53
פראלעטארישע מיטינגען — 56
פלאקאטען — 60
לעבען און ליעבקנעכט — 65
דער מעהל־טראנספארט — 68
א באזוך אין א פאבריק — 69
אן אויפרויס — 77
די פארטיי — 79
מאסקווער צייט — 83
דער דריטער אינטערנאציאנאל — 85
אין א בורזשואזען הויז — 87
געהיימער האנדעל און סאבאטאזש — 91
בוינאכט — 95
פערד הינט, חיות און חיה׳לאך — 98
דער רובעל — 101
אהן אלקאהאל — 104
מאסקווער פיגורען — 108
אין דעם אויבערשטען פאלקווירטשאפט־ראט — 121
אין דייטשען ראט — 124
אהיים־קעהר — 127
מיין צוריק־רייזע — 130

דר. אלפאָנז גאָלדשמיט איז איינער פון די אָנגעזעהענע פיר־גורען אין דער רעוואָלוציאָנערער באוועגונג אין דייטשלאַנד, אַ פּראָמינענטער פיהרער פון דער ראדיקאלער שטרעמונג אין דער דייטשער אומאָפּהענגיגער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּארטיי. ער איז געווען איינער פון די מיטגלידער פון דער קאָמיסיע וואָס זיין פּארטיי האָט געשיקט קיין רוסלאנד.

גענ. גאָלדשמיט איז אן עקאָנאָמיסט און האָט שטודירט די עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציע פון די סאָוועטען געגנוי און אלזייטיג. ער איז אָבער נישט קיין קאַבינעטנער געלעהרטער, נאָר אַ וויסענ־שאַפטס־מאַן מיט אַ ווייטען קוק, מיט אַ חוש פאר סאָציאַל־עקאָ־נאָמישע קרעפטען וואָס לאָזען זיך נישט איינפאסען אין די ענגע ראמען פון סטאַטיסטישע טאַבעלען.

אין דעם דאָזיגען בוך גיט ער איבער זיינע באָאבאכטונגען אין סאָוועט רוסלאַנד, באזונדערס אין מאָסקווע. אין אַ לייכטען עלעגאנטען סטיל, גאָר נישט מעשה דייטשער געלעהרטער, שילדערט ער דאָס לעבעדיגע, פולסירענד לעבען פון דעם האַרץ פון דער רוסישער רעוואָלוציע — מאָסקווע, און ברענגט אונז אין אינ־טימער באריהרונג סיי מיט דער פּראקטיק און סיי מיט דער פסיכאָלאָגיע פון דעם פּראָלעטאַרישען איבערבוי.

איבערזעצער.

די שיף.

א שיף אין רעוואלוציאנערע צייטען איז ניט קיין געוועהנ־ליכע שיף. דאס איז ניט קיין פריעדענס־שיף, וואו מען פאר־ברענגט דעם טאג אהן באזונדערער באאונרוהיגונג, וואו מען גע־ניסט פון די איינדריקען פון ים און ברעג און מען ערווארט דעם אפרוה פון האפען.

ס'איז ניט גרינג אנצוקומען אויף א שיף, באזונדערס אויף א שיף נאך מזרח. מען דארף דורכגעהן דורך א שטרענגען פאס־פארט־קאנטראל און דורך א צאל־קאנטאל, און ווען מען טוקט זיך ניט איין, שנעל און אומזיכטבאר, אין אלע רעוואלוציאנערע וואַ־סערען מיט א מאל, קאן מען דורך דעם האזיגען קאנטראל ניט דורכגעהן. דא זיצען קאנטראבאנד־שפיאנען, וואס זוכען אלערליי קאנטראבאנד און האבען אויגען מיט „איקס־שטראהל” בליקען. און פריהער דארף מען דורכגעהן דורך די פאדער־צימערען פון גהינום ווי, צום ביישפיעל, דאס פאליציי־מיניסטעריום, וואו מען קוקט און מען שמעקט ארום אלע די וואס פאהרען נאך מאסקווע און מען גיט זיי ניט קיין הסכמה ביז זיי באווייזען ניט, אז זייער רייזע איז פארבונדען מיט די אינטערעסען פון פאטערלאנד.

מען קומט שוין אן אויף דער שיף, דאס הייסט מען איז ארומ־גערינגעלט ניט אזוי פון זאלץ־לופט ווי פון די גערוכען פון זשע־געכץ און ברען־אויל. אויף דער שיף וואס פאהרט אין רעוואלו־ציאנערע צייטען הערשט א מגפה. די לופט איז דא פארפעסטעט פון אלערליי עקלהאפטע מינים שפיאנאזש. שפיאנען, פארשטעלט אלס דיענסט־מיידלאך, אלס שיף־ארבייטער זוכען און שמעקען און נישטערען ארום אייער באגאזש און אין אייער קאיוטע. די גאנצע וועלט איז פארפעסטעט. אויף א שיף וואס פאהרט אין רעוואלו־ציאנערע צייטען הערשט קאנצענטרירטע פעסט, געדיכטער חשד.

און אלע ריכטונגען, אלע גראדאציעס פון פארמעגענס און וועלט־אנשויאונג, אלע קלאסיפיצירונגען פון רייכטימער, פליכטען,

פעהיגקייטען, דומהייטען, וואס די רעוואָלוציע האָט באשאפען, זיי־
נען דאָ פארטראָטען. נייע פארמעגענס פון ספעקולאציע מיט געלד
און ווערט־פאפירען, דער עלענד פון די עמיגראנטען וואס געפינען
זיך אויף דעם דעק, וואו זיי ווערען אנגעגריפען פון האָגעל און
קעלט, בלייכע אויפאָפפערונג פאר א גרויסען אידעאל און מיט פעט
באגאָסענע, פארשימעלטע גדולים פון דער אלטער וועלט.

באלד האָט זיך דער רעוואלוציאנער־ער בבל פאנאנדערגעטיילט
אין אייגענטימליכע גרופען. ביי א באזונדערען טיש זיינען גע־
זעסען א גרופע אויסגעשווענקטע פון סאָוועט־רוסלאנד, וועלכע האָ־
בען זיך ווידער אמאָל איינגעפונדעוועט אין די גרעניץ־לענדער, וואו
זיי האָבען ערוואַרטעט רוה און מזל און ברכה. דאָרט זיצט א גע־
וועזענער הויכער באאמטער אונטער'ן צאַר, מיט א כאראקטערלאָזע
טאָלסטאָי־באָד, מיט א קאָפ ווי אן איי און מיט א גוואלדיגען
אפעטיט פאר קאָניאק. ער איז א גרויסער מבין אויף וואליוטעס
און ווערט־פאפירען און זשאָנגלירט מיט די געלד־קורסען ווי אן
אקראָבאָט מיט קוגלען. אנטקעגען איהם זיצט א צארען־לייטע־
נאַנט מיט דער גאנצער מאניערליכקייט און צערעמאָניאלער העפ־
ליכקייט פון דער אלטער צייט. נעבען איהם — א רוסין מיט א שאַל
אויף די פלייצעס, מיט בריליאנטענע טראָפענס אין די אויערען
און אויף דער ברוסט. דאַן — צוויי דורכגעטריבענע געשעפטס־
לייט, מעקלער, ספעקולאנטען פון ערגסטען סאָרט.

פלעשער נאָך פלעשער קאָניאק און רויט־ווייַן ווערען אויף דעם
דאזיגען טיש אויסגעלעדיגט. דאָ ביים טיש איז דער באלטישער
צאָרן געגען סאָוועט־רוסלאנד צוזאמענגעמישט מיט שנאַפּס און
וואליוטע־געשפּרעכען, וועהרענד אין דרויסען פריהרען קליינע
פליכטלינגס־קינדער און אויסגעמוטשעטע אידען און קריעגס־גע־
פאנגענע בענקען נאָך דער היים און א רוהיגען לעבען, קלאָגט מען
דאָ ביים טיש וועגען צרות, וואס זיינען גאָר קיין צרות ניט. דער
יאמער ווערט דערטרונקען אין קאָניאַק און רויט־וויין און ווערט
פארוואנדעלט אין פרייד. ניטאָ דאָ קיין געדאנקען, קיין זין —
בלויז האָפנונגען אויף א גינסטיגער ענטוויקלונג פון דער וואליוטע.
אויף די ברעגען פון ציעל־באוואוסטזיין ,אין אנהויב פון אן ענער־
גישער רייניגונג און לייטערונג וועט מען אלע מאָל געפינען אזא

מיסט אין שווענק־וואסער. אזוי איז עס געווען אין קריסטוס׳ צייטען, אזוי איז עס געווען אין דער צייט פון דער פראנצויזישער רעוואלוציע, אין דער צייט פון דער אמעריקאנער שקלאפען־באַפרייאונג, און אזוי וועט עס אלע מאָל זיין אין אַנהויב פון אַן ענערגישער לייטערונג.

צוועלף שעה זיינען מיר געפאהרען פארביי די פאנטאסטיש־שעהנע ברעג־פעלזען און אינזלען פון פינלאנד, ביז מיר זיינען געקומען קיין האַנגאַ. פון דאנען אַן איז דער וועג געווארען געפעהרליך, ווייל די וואסערען זיינען געווען באדעקט מיט מינען. מיר זיינען געפאהרען דורך מינען־פראנטען און מינען פעלדער, וועלכע זיינען נאָך ניט אפגערייניגט געווארען זייט אָקטאָבער 1918, ווען די מלחמה האָט זיך אפיציעל געענדיגט. אונזער קאפּיטאַן איז געווען א פארזיכטיגער מענש און האָט זיך געהאלטען שטרענג אַן דער אפיציעלער מינען־קארטע, און ווען די שיף איז איינגעהילט געווארען אין נעבעל, האָט ער פארווארפען דעם אנקער. א דאנק דער דאָזיגער פארזיכטיגקייט פון אונזער קאפיטאן, איז די שיף אנגעקומען גאַנץ און טרוקען נאָך העלסינגפארס מיט איהר פראַכט פון זאלץ, סאציאלע שיכטונגען, פארשיעדענארטיגקייטען, אפּפערוויליגקייטען, געמיינהייטען, טרוימערישע שטרעבונגען, בענקענישען, וואליוטע האָפנונגען, וואורשט און שינקע־געררוך און נאָך אזוינע ליעבליכקייטען.

פון העלסינגפארס, א שטאָדט, וואָס איז געווען באזונדערס פרוכטבאר אין שחיטות און שרעקענס־טעג, זיינען מיר אפּגעפאהרען נאָך רעוועל און ווידער האָבען מיר געמוזט פאהרען דורך מינען קייטען און פעלדער אָהן ים־צייכענס. פון ים שטעלט מיט זיך רעוועל פאר א הערליך בילד. קליינע אינזלען היטען דעם אריינפאָהר אין האַפען אריין, דער האַפען אליין איז זויבער און צירליך; אין דער לענג פון ברעג ציהען זיך שעהנע שפּאציר־גאסען. דאָס בילד פון דער דאזיגער שטאָדט איז פיעל הערליכער ווי דאס לעבען איהרס, ווייל די שטאָדט איז איצט א גראָטעסקע און אַ קאליעזשע. די שטאָדט האָט וואונדערבארע מויערען, שאָסעען, קופּאָלען און שפּאציר־גאסען. אָבער זי איז איצט א גראָטעסקע און אַ קאַליעזשע.

גרעניצען.

אויך פריהער פאר דער מלחמה זיינען גרעניצען געווען גרעניצען. אויך פריהער פלעגען זיין צאָל־באאמטע, כאבאר, פאָליציי־שפּיאָנען, און נאָך אזוינע אנגענעהמליכקייטען. עס פלעגען זיין נאציאָנאלע אָפּגרענצונגען, געדרעהטע ליניען ארום די שטאאטען. אבער ס׳איז דאן ניט געווען דער חשד, דאָס מיסטרויען פון היינט. ס׳האָט געהערשט א געפיהל פון פרייד און פריינדליכקייט, מ׳האָט גאנץ שוואך באוואכט ד י ז י י ט און י ע נ ע ז י י ט. טור־ריסטען האָבען זיך באגעגענט און זיך געזעגענט ביי די גרעניצען, מ׳האָט זיך געפרעהט און געדריקט די הענט. היינט אבער איז עס אנדערש.

היינט איז דער גרעניץ פיעל מעהר ווי פריהער אן אנרייץ פאר שמוגלעריי, א קאָרדאָן פון קארופּציע. ער איז די פארקערפּערונג פון מויער־הויכען מיסטרויען, פון פּראָוואָצירענדער נאציאָנאַליסטישער פארגרעסערונגס־משוגעת. באזונדערס איז דאס דער פאל מיט די נייע קליינע לענדער, די פּראָדוקטען פון דער אזוי גערופענער זעלבסט־באשטימונג פון פעלקער. דאָ הערשט אן אמת׳ער וואהנזין. מען באמערקט דאָ נישט קיין סימן פון דער פריינדליכקייט, פון דעם ווירדיגען זעלבסטבאוואוסטזיין, וועלכער דער פעלקער־בונד האָט פּראָקלאמירט. פון דעם האפען פון העלסינגפארס זעהט מען די שטייפע צאָל־באאמטע און די פינישע פאָליציסטען אנגעטאָן נאָך דעם מוסטער פון זייערע לאָנדאָנער קאָלעגען. דער האפען איז האלב טויט. ווילסטו פארלאזען די שיף, טרעט דיר אנטקעגען א קאָמישעם פּרייסענטום, וואס פּאסט זיך גאָר ניט צו דעם דאָזיגען לאנד פון אור־וועלדער, פון מאסען אייז און וואסער־וועלטען. א קאָמישעם פּרייסענטום מיט נייע בריעף־מארקען, מיט פלאגען, מיט „אייגענע” פארבען אויף אלע זייטען און ביי יעדער געלעגענהייט, אבער באהערשט פון פרעמדער וואַליוטע.

די וואליוטע און דער שרעק פאר דעם אריינדרינגען פון דער פּאליטישער מגפה באהערשען די פינישע און עסטאָנישע גרעניצען.

אנשטאט צו העלפען איינער דעם אנדערען, שטעלט זיך איינער דעם אנדערען אנטקעגען. טאָמער איז די קויף־קראפט פון פינלענדי־שען מארק שטארקער פון דער קויף־קראפט פון דעם עסטאָנישען מאַרק, פוילט עסטאָנישער קאַרטאָפעל אין האפען פון העלסינג־פאָרס, כאָטש פינלאנד ליידט פון א קאַרטאָפעל־הונגער, ווייל מען וויל ניט ליידען, אז די עסטאָנישע קארטאָפעל זאל אויסנוצען די קויף־קראפט פון פינישען מארק. בעסער זאל דער עסטאָנישער קאַרטאָפעל פוילען. דאס, פארשטעהט איהר מיך, איז די זעלבסט־באשטימונג פון פעלקער. דאס לאנד האָט א וואַליוטע, דיריגירט פון א פרעמדען מאגען, אבער עס קאן ניט שטילען זיין קארטאָ־פעל־הונגער, ווייל די זעלבסטבאשטימונגס־רעגירונג אפעריערט מיט דער וואַליוטע און ניט מיט קארטאָפעל.

קיינמאָל האָב איך ניט געזעהען אזוי פיעל אויגען געריכטעט אויף אַ זאַך, ווי די אויגען פון פינישע אגענטען אויף אונזער שיף. אויגען פון אַן אָכרנאַ. אויף מיין צוריק־רייזע איז די שיף ווידער געפאהרען דורך העלסינגפארס, און דעמאָלט האָב איך געזעהן נאָך מעהר אכראַנע אויגען ווי אויף מיין ערשטער רייזע, געריכטעט אויף דער שיף און אויף מיר. איך בין געווען אין סאָוועט־רוסלאנד, און דער וואס איז געווען אין סאָוועט־רוסלאנד איז, אין די אויגען פון דער פינלענדישער פאָליטישער פאָליציי, א וואנדלענדע אנשטעק־קעניש.

אויף דעם עסטאָנישען גרעניץ, אין דעם רעוועל האפען איז די אַטמאָספערע ניט אזא אנגעצויגענע. דאס שמוגלען געהט דארט אן לייכטער ווי אין העלסינגפאָרס און דער שרעק פאר דער פאָליטישער מגפה איז דארט אויך מילדער.

ווייטער האָבען די לענדער וואָס זייַנען אויפגעבויט געווארען אויף דער אזוי גערופענער זעלבסטבאשטימונג, פארשאפט בריעף־מאַרקען און פלאגען. אויך האָט יעדעס לאנד געשאפען א מחנה באאמטע, און די פענסיאנס־ארגאניזאציעס גיבען א רייע גרויס־ארטיגע געלעגענהייטען פאר די שטאָלצע אוניפארמירטע לעדיג־געהער. די קליינע קארטאָפעל־רעפובליק פון עסטלאנד האָט 25 טויזענד באאמטע און אם ווענינגסטענס 20 טויזענד סאלדאטען מיט א באפעלקערונג וואס באטרעפט אומגעפעהר אַ מיליאָן און א פער־

טעל. די פלייסיגע פויערים דארפען אויפהאלטען 45 טויזענד מענ־שען, וועלכע זיינען כלומרשט באשעפטיגט, אבער וועלכע האָבען נים וואס צו טאָן. ווען איך האָב פארלאזט רעוועל, דעם 9טען יוני, 1920, זיינען אויף דער שיף געווען פינף אדער זעקס קאיוטע־פאסאזשירען, און נים ווייניגער ווי צוועלף צאָל־באאמטע זיינען געקומען אויף דער שיף דורכצוקוקען זייער באגאזש און אויפצו־מאָנען גרעניץ־צינזען.

רעוועל'ס אמטליכער אפאראט איז געגרינדעט געווארען פון דער דייטש־באלטישער ארמיי, און עסטלאנד האָט דעם דאָזיגען אפאראט נאָך פארגרעסערט. אין יעדער גאס געפינט מען אן אמט אדער עטליכע עמטער. זיי הערשען, פאראָרדנען, אבער זיי שאַ־פען גארניט. רעוועל איז א קאָלאָניע פון דעם ענגלישען סטער־לינג. דער פונט סטערלינג איז דאָ דער טאָן־געבער. די דאזיגע דעמאָקראטיע איז שרעקליך און גראטעסק. דער דאָזיגער נייער נאציאָנאליזם פרעסט אויף און פארצוקט. ער דערשטיקט אידעאַ־ליסטען, פארפיהרט און נארט אָפּ די עהרליכע און גרינדעט באנקען אין געמיינשאַפט מיט דער סטערלינג'ס קרעדיט־נאָטע. מיניס־טאָרען קומען און געהען און די באנק־דירעקטאָרען ווערען רייך, וועהרענד דאס ארבייטענדע פאָלק ווערט אלץ אָרימער און בענקט אלץ מעהר נאָך אמת'ער אומאפהענגיגקיים. אלעס רייסט זיך און שלעפּט זיך נאָך פרעמדער וואַליוטע, און דער מאן וואָס שאפט, קאן מעהר נים לעבען. דער האפען איז שטיל, די אינדוסטריען צו־בראכען. דאס לאנד קוקט צו מזרח צו, אבער די באאמטע קירעווען צו מערב צו.

אין רעוועל קאָנט איהר געפינען וואס דאס הארץ גלוסט: בופעטען, וואו מען קאָן גאנץ שעהן פארבייסען, עפעל — דריי עסטאָנישע מארק א שטיק, גאסען־מיידלעך, טעאטער, א וואהנ־זיניגע שטייער־פּאָליטיק, מיט גיפט־געפארבטע בריעף מארקען.

רעוועל איז, אזוי צו זאגען, דער פענסטער נאָך סאוועט־רוס־לאנד. אבער די וואס קוקען דורך דעם פענסטער זעהען גארנישט אדער זיי זעהען פארדרעהט. פון דאנען געהען ארוים איבער דער וועלט אלע פּאָליטישע בבא מעשות. פון דאנען קומט ארוים די מגפה פון ליגנערישע נייעס און פארשפּרייט זיך איבער

די מערב לענדער. בלינדע טענדענץ־מאכער, זיצען זיי און מעלדען אונז בייזוויליגע נארישקייטען.

ארמייען האָבען שטאַבען, און שטאַבען זיינען זעהר וויכטיגע אינסטיטוציעס. באַזונדערס שטאַבען פון גרעניץ־דיוויזיעס מיט גענעראַלען אַן דער שפּיץ זיינען איצט די באַשיצער פון וועלט־גליק. וועלט־גליק — דאָס איז די קאָנסערווירטע זויבערע דעמאָ־קראַטיע. מען קאָנסערווירט זי, מען באַשיצט זי מיט שפּיזען, שטעכיגע דראָטען, באַיאָנעטען און ליגענס. אין נארווא האָב איך באַגעגענט טיפען, וואָס דערמאָנען אַן אַמאָליגען פּרייסען. אדיו־טאַנטען מיט אַ פאַרנייגונגס־גראַציע ווי אויף דעם קייזערליכען באַל אין בערלין, מיט אַ פיער־עקיגער, קוואדראַטנער קאָרעקטקייט און מעסער־קלאַפּיגע באַוועגונגען. ענדליך האָב איך ווידער דערזעהן לייטענאַנטען, ווי לייטענאַנטען דאַרפען זיין, לייטענאַנטען אויף גרעניץ־פּאָסטענס, באַשיצער פון דעם וועלט־גליק. זעלבסטפאַר־שטענדליך גיט זיך זיי נישט איין צו באַשיצען דאָס וועלט־גליק. דער אומגליק דרעהט זיך ארום, און שטעלט מען אויף איהם אַן באַיאָנעטען — דרעהט ער זיך פון זיי אוים און איז ווידער דאָ.

אונזער לאָקאָמאָטיוו איז עטליכע טעג פאַרהאַלטען געוואָרען אויף דעם וועג, נאַטירליך, אוים דעם אַנגסט פאַר דעם וועלט־גליק. אָבער אַחוץ דעם איז עס אַפּגעגאַנגען גלאַט אַהין און צוריקוועגס. פון סאָלדאַטען מיט דראָהענדע באַיאָנעטען האָבען מיר זיך ניט באַפרייט. צוויי סאָלדאַטען מיט אָנגעשטעלטע באַיאָנעטען האָבען באַוואַכט דעם אַפּיציעלען סאַוועט־וואַגאָן. זיי זיינען געווען אָנ־געשטעלט זאָגאר געגען דעם מיטגליעד פון ענגלישען פּאַרלאַמענט טאָמאַס שאָו, דאָס הייסט, געגען אַ פריינדליכען מענשען. זיי זיינען געווען אָנגעשטעלט געגען דעם אַלטען בען טוירנער, דעם ענגלישען פיהרער פון די טעקסטיל ארבייטער, וועלכער איז זיך אַזוי געמיטליך געלעגען אויף דער סאָפע פון זיין קופּע. יאָ, אויך געגען די דאָזיגע צוויי ענגלענדער זיינען די באַיאָנעטען געווען אָנ־געשטעלט, אַ פּשיטה שוין ווי זיי זיינען געווען אָנגעשטעלט געגען מיר. אָבער איך בין געקומען בשלום אַהין און צוריק, באַגלייט פון השד, מיסטרויען, פאַראַכטונג, פאַרדאַמונג און נאָך אַזוינע געמיינ־הייטען.

אָט אזא פאַרגעניגען איז אַריבערצוגעהן א גרעניץ נאָך מזרח. אבער זייט געטרייסט, איהר וואס ווילט אדער מוזט אַריבערגעהן די דאָזיגע גרעניצען, ווייל פון העלסינגפאָרס האָבען מיר אויף דער שיף באקומען שינקע און וואורשט, און אין נאַרווא קאָנט איהר זיך פאַרדאַרבען דעם מאָגען מיט א דעמאָקראטישען חזיר־קאָטלעט.

די אייזענבאהן־רייזע נאָך מאָסקווע.

טויזענד מענשען האָבען מיך געפרעגט: „ווי אזוי קומט מען אָן קיין מאָסקווע?” היינט קאן איך זיי זאגען, אז דאס איז גאר־ניט קיין קלייניגקייט. איהר ווערט געזיפּט, זיעבען מאָל זיפּט מען אייך און דערנאָך ערשט טרויעט מען אייך ניט. סאָוועט רוסלאנד האַלט מלחמה; פאר די לעצטע זעקס יאָהר געהט דאָרט אָן א מלחמה, און מען האָט דארטען אלערליי זאכען איבערגעלעבט. אויך האָב איך אין מאָסקווע געזעהן אן אינטערנאציאנאל, וואס האָט גאר קיין שייכות נישט מיט דעם דריטען איטערנאציאנאל, נאָר ער איז צוזאמענגעשטעלט פון העכסט צווייפעלהאפטע עלע־מענטען.

די רוסישע גרעניצען זיינען לאנג ווי בויך־ווערים, אבער ווען איהר ווילט אריבערגעהן מיט אלע געזעצליכקייטען, מוזט איהר געפּרובירט ווערען און געפונען ווערען כשר. ווייל אין סאָוועט־רוסלאַנד האָט מען געהאט ביטערע ערפאהרונגען. אין מאָסקווע זיינען געווען און זיינען נאָך פאראן „וויכטיגע” מענשען. אייניגע געהען ארום מיט קריעגס־אָרדענס באפּוצט, מיט פאראַורטייל־אויגען אין קאָפּ און גיפט־שפּריצען אויף דעם צונג און רעדען לשון הרע. אנדערע זיינען גלאַטער און רעדען לשון הרע שווייגענדיג. זיי האָבע גארניט אין זינען צו ווייזען זייערע געפיהלען דורך קאָנ־קרעטע טאטען. זיי קומען קיין מאָסקווע אלס אלימפּיער. אבער זיי ווייזען גארניט, כאָטש זיי זעהען א סך. זייערע אויגען זיינען באַטריבט און מיט באַטריבטע אויגען ווייזט מען גארניט. די סאָוועט־פארטרעטונג אין רעוועל האָט רעכט ווען זי זיפּט. דער טעלעגראף פון רעוועל נאָך מאָסקווע שיסט פּרוביר־שטראמען הין און צוריק און אָפטמאָל קלאַפּט מען אן דער טיר וואָכען און חדשים

איידער טשיטשערין עפענט זי. אָבער איינמאָל ווערט זי געעפענט איז דער אָנגעקומענער א גאַסט פון דער סאָוועט־רעגירונג און פאָהרט אין א קוריער וואַגאָן נאָך מאָסקווע אומגעשטערט, און שלאָפט, עסט, קוקט ארויס פון די פענסטער און פלוידערט מיט דער מאַנשאַפט — אין א רוסישען וואַגאָן פון ערשטען אדער צווייטען קלאַס מיט רוסישע אייזענבאַהן־באַקוועמליכקייטען.

פון צוואַנציג ביז פינף־און־צוואַנציג קילאָמעטער א שעה לויפט דער לאָקאָמאָטיוו, מעהר נישט. קיין שנעלצוגען זיינען איצט ניטא אין סאָוועט־רוסלאַנד און די לאָקאָמאָטיווען פון די פאַסאַזשיר־צוגען ווערען באַהייצט מיט האָלץ, זיינען אַלט און קוים וואָס זיי שלעפען זיך. זיי איילען זיך ניט. קוקענדיג אויף די דאָזיגע לאָקאָמאָטיווען זעהט מען פאַר זיך די שווערע פאַרקעהר־פּראָבלעם, וואָס פון איהר לייזונג ווענדט זיך די נאָהנטע עקאָנאָמישע צוקונפט פון רוסלאַנד.

דער רעלסען־וועג פון יאַמבורג (א גרעניץ־סטאַנציע) צו מאָסקווע איז ריין אבער אפּגעטראָגען. דער אויבערשטער בוי־מאַטעריאַל איז ניט מעהר געזונד. דאָס איז זעלבסט־פאַרשטענדליך, און דאָס איז די הויפּט נויט פון דער רוסישער ווירטשאַפט. די אָדערען זיינען פאַרהאַרטעוועט, זיי מוזען אויפגעפרישט ווערען. מיר האָבען באַשלאָסען פון דייטשלאַנד אַלעס צו טאָן אום זיי אויפצופרישען. שוין אויף דעם וועג נאָך מאָסקווע האָבען מיר דאָס באַשלאָסען.

אויך אין עסטלאַנד איילען זיך ניט די באַהנען. פון רעוועל ביז נאַרוואַ פאָהרט מען צוועלף שעה. אין רעוועל האָב איך געזעהן א מוזעאום־לאָקאָמאָטיוו ביי דער ארבייט. די בערלינער לאָקאָמאָטיוו פאַבריק „שוואַרצקאָפּף” האָט ־עם דאָזיגען לאָקאָמאָטיוו געמאַכט אין 1871. אמאָל האָט ער געהערט, צוזאַמען מיט די קאַנאָנען־שיפען און אנדער אייגענטום, צו רוסלאַנד. היינט באַשטימט ער זיך זעלבסט און ער טוט עס מיט דעם זעלבען שנייי־דענדען טאָן ווי די עסטאָנישע באַאַמטשאַפט. עס איז, אזוי צו זאָגען, א סימבאָלישער לאָקאָמאָטיוו אבער ער איז שוין פאַרפלוכט אַלט. אויך די זעלבסט־באַשטימונגס־אידעע איז פאַרפלוכט אַלט און פאַרזשאַווערט.

א פערטעל שעה רייזע הינטער נאַרווא ליגט די גרענעץ־שטאָדט יאַמבורג. אויף דעם גרעניץ, קאָן מען זאגען, לויערט דער פריעדען, אבער דער קריעג שלאָפט נאָך ניט. די עסטאָנישע און רויטע פּאָס־טען — א שפּאַן ווייט, א רוף ווייט איינער פון דעם אנדערען.

יאַמבורג טראגט נאָך די שפּורען פין יודעניטש'ען. די קליינע שטאָדט איז צושאָסען געווארען פון גראנאַטען און קאַנאָנען־קוילען. ווייניג לעבען און א סך קאמף־שפּורען. צובראכענע פענסטער, דער שעהנער קופּאָל פון קירכע צושמעטערט. איך קאָן דאס בילד נאָך פון בעלגיום און פראנקרייך פון יאהר 1914. ס'איז א טרויריג בילד — פארגליווערטער מאָרד, שטומער יאָמער. ווען איך בין פארבייגעפאהרען יאַמבורג אויף מיין צוריק־רייזע, האָט דער סאָ־וועט מיך און די ענגלענדער איינגעלדען אויף וועטשערע. מיר האָ־בען געגעסען און געזונגען און מען האָט מיך געבעטען צו לאָזען עפּעס אן אנדענקען. איך האָב שעל אָנגעשריבען אן אַלבאָם־בלאַט. שלעכט ווערסיפיצירט אָבער עכט געפיהלט:

גראנאַטען האָבען פארוויסטעט די שטאָדט,
וואו ס'האָט די אידעע געשטורמט און געדראָהט;
די פענסטער זיינען צושמיסען,
דאָס לעבען שיינט צוריסען;
דאָך שפּראצט שוין די אידעע
דורך חורבות, יאָמער, בלוט און וועה.

באָלשעוויסטישע ארבייט אין יאַמבורג: רויטע וואכען, פאר־שטארקט בייּנאכט (איינס א זייגער בייּנאכט קאן קיינער ניט דורכ־געהן אָהן א לאָזונג־וואָרט. אין די ווייסע נעכט זעהט מען קיין מענשען ניט אויף די גאסען פון יאַמבורג). א סך פּראָפּאַגאנדא פּלאקאטען אויף דער באהן־סטאנציע און אויף די הייזער. רויטע פאָהנען. א קלוב פאר מיידלאך און אינגלאך. א צייטשריפט „סטענד" מיט דעם אילוסטרירטען מאָנאַטשריפט פון דעם דריטען אינטערנאציאָנאַל. די אַפּטייק גיט מעדיקאַמענטען נאָר אויף א געשריבענעם רעצעפּט. רוסלאנד האָט ווייניג מעדיקאמענטען. די פארטיילונג פון מעדיצינישע שטאָפען מוז שטרענג רעגולירט ווערען.

איך בין אַרײַן אין דער יאַמבורגער אַפּטייק און געבעטן אַ רפואה — צו ראַטעווען זיך. אָבער איך האָב קיין רעטונג ניט געקראָגן, ווײַל כ'האָב קיין רעצעפּט ניט געהאַט. מען האָט אַפילו גאַנץ פרײַנדליך באַגריסט דעם מיטגליעד פון דער דײַטשער דעלעגאַציע, אָבער קיין רפואה פאַר'ן מאָגן האָט מען איהם ניט געגעבען. און ס'איז געווען רעכט אַזוי, ווײַל אָהן אָרדנונג קאָן גאַרנישט געדײַהען (ווי מען זאָגט אין דײַטשלאַנד).

כ'האָב פאַרגעסען די רויטע פאָהן אויף דעם גרעניץ. זי פלאַטערט, שוין אָפּגעבלאַקירט ביז צו אַ ראַזעווען קאָליר, צווישען גראַנאַטען חורבות, אויף אַ דינעם בערעזענעם שטאַנג. זי פלאַטערט זינט ס'איז געשלאָסען געוואָרען שלום צווישען סאָוועט רוסלאַנד און עסטלאַנד. זי איז גאָר ניט בלוט־רויט, ווילד־רויט, סטראַשנע־רויט — זי איז זאַנפט־רויט, לעמעלע־רויט (אויב ס'איז דאָ עטוואָס אַזעלכעס). אָבער אין יאַמבורג אין דער קאָליר פון דער פאָהן העלער. זי פלאַטערט העל איבער דעם סאָוועט־הויז און מיט גרויסער וואַזשנעקייט און פאַראַד — איבער די געביידען פון דער באַהן־סטאַנציע. העלער איז אויך די פאַרב אויף די סאָוועט־פּלאַקאַטען. מען גרייט זיך צום ערשטען מאַי. פון אַ צוג, וואָס איז אָנגעקומען פון פּעטראָגראַד, טראָגט מען אַרויס רויטע דראַפּירונגען, טיכען צו באַפּוצען די רעדנער־ביהנען. די באַדײַטונג פון דעם ערשטען מאַי ווערט שוין פון די מויערען אָנאָנסירט. די אַרבייטס באַדײַטונג פון דעם ערשטען מאַי. די באַדײַטונג פון הײַנטיגען ערשטען מאַי איז דאָ אַן אַנדערע, ווי אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער. אין קאַפּיטאַליסטישע לענדער דעמאָנסטרירט דער פּראָלעטאַריאַט זײַן איבערגעבענהייט צום סאָציאַליזם דורך אַרבייטס־רוה, אין סאָציאַליסטישען רוסלאַנד — מיט מעהר אינטענסיווער אַרבייט.

אין אַלע וואָקזאַלען — רויטע, באַוואַכטע וואַכען. אָפּט — טראַנספּאָרטען מיט סאָלדאַטען. ווייניג פּראָדוקטען ווערען געשיקט. ווידער אַמאָל די פאַרקעהר פּראָבלעם. די מלחמה פאַרהאַרטעוועט די אָדערען. אין אַלע באַהן־הויפען ליגען קלאַפּטער האָלץ, אָפּטמאָל ריעזיגע קופּעס האָלץ. דאָס גרייט מען זיך צום ווינטער. מען האָט געלערענט פון דער נויט פון דעם לעצטען ווינטער. די לאָקאָמאָטיוו באַהייצונג, דער נויטווענדיגער ברען־מאַטע־

ריאל פאר די פאבריקען, די נויטיגע באהייצונג פאר די הייזער — דאָס מוז זיין צוגעגרייט.

ד ווינטער־געזייטע פעלדער גרינען שוין (אין אפריל). לאנגע שמאָלע פאסען פעלדער — מיט עראינערונגען. וואלד, וואלד, וואלד. קירכען, קירכען, קירכען. קופּאָלען — זילבערדיג ווי קינ־דער־גליק, אַלט־גרין, בלייך־רויט, גאָלדען (העל־גאָלדען, מאַט־גאָל־דען, גאָלדען אין אלע שאַטירונגען). מען בעט נאָך גאָט אַ היבש ביסעל אין סאוועט רוסלאנד. איך וועל וועגען דעם שפּעטער דער־צעהלען. מיליאָנען זיינען נאָך פול מיט התפעלות פאר דעם הימעל.

וואלד, וואלד, וואלד. צווישען איין מאסע וואלד און דער צווייטער — שמאָלע, זויבערע פעלדער־פאסען. אבער באארבייט פון דער סאָכע. די סאָכע, דער פּרימיטיווער האָרן־פּלוג, איז דער גרונטאָוועה איבעל פון דער רוסישער לאנד־ווירטשאפט. דער דאַ־זיגער פלוג ווערט פון גאָט געפיהרט.

וואלד, וואלד, וואלד.. אונגעהויערע מעגליכקייטען פאר עקס־פלואטאציע, שוין דאָ אין דעם נישט פיעל געבעגשטען ווינקעל. פיעלע ווילא־שלעסער, אויך פאבריק־פּלעצער. ענטציקענדע דאַט־שעס, זויבערע הייזקעס, ברוינע האָלץ־אידיליען אונטער דעם קנאָס־פּענדען גרין־געשלייערטען פריהלינגס־טאָג.

פינף און פערציג ווערסט פון פּעטראגראד ליגט גאַטשינא, אַ מין פּאָטסדאם. אַ באלקאָן פון דעם גרויסען שלאָס פון דער צארין איז דראפּירט מיט רויטע פאָהנען. דאָס איז אַ רעדנער־באלקאָן פאר דעם ערשטען מאי. ביז גאַטשינא איז יודעניטש דער־גאנגען. פּעטראגראד איז באלד פארוואנדעלט געווארען אין איין ווירבלענדער פעסטונג, אין איין פארטיידיגונגס־ווילען פון דעם קאמפּס־ארגאניזירטען פּראלעטאריאט. מענער און פרויען האָבען זיך גענומען פאַר געוועהר. פּעטראגראד איז געשטאַנען גרייט אָנצופאלען אדער זיך פארטיידיגען און בלויז אַ קליינע גרופּע פון קאָנטר־רעוואלוציאנערע אפיצערען האָט דער שטאָדט געדראהט פון אינוועניג. אויך סאוועט־פיהרער האָבען גענומען די ביקס אין דער האַנט. מאַסין איז געפאלען און אויך אַנדערע. די פרויען האָבען געקעמפט ווי די ווייבער פון די אמאָליגע גערמאנישע שטאַ־מען. יודעניטש האָט זיך געמוזט צוריקציהען. שוין היי״ט איז

דער דאזיגער קאמף איינגעהילט אין לעגענדען. איך האָב געהערט פארשיעדענע שילדערונגען און אלע שילדערונגען זיינען געווען שטאָלץ מיט דעם אויפטו.

אין פעטראָגראַד.

פעטראגראד! מיר קומען אָן אויף דעם באַלטישען וואקזאל. א גאָס־רעגען. דער וואגאן אונזערער ווערט שטונדען־לאנג גע־שלעפט און געשטופט ביז ער שטעהט אויף דעם ניקאָלאַיעווסקען וואקזאל. מיר שלאָפען אין וואגאן. צווישען א געפאנצערטען צוג און א עטוואס ווילד־באמאָהלטען פראפאגאנדא צוג מיט דעם אויפשריפט: „דאָס בוך געהערט צום פאָלק". מיליאָנען ביכער ווערען אזוי ארומגעפיהרט דורך סאוועט־רוסלאנד און ווערען אי־בעראל פארטיילט. פראפאגאנדא רעדנער, קינסטלער אויף אלע געביטען פאָהרען אין דעם דאָזיגען מיט פלאקאטען באדעקטען צוג דורך די שטעדט און דערפער און רעדען, שפיעלען, זינגען און טאנ־צען פאר דעם קאָמוניזם. דער באקאנטסטער פראפאגאנדא צוג איז דער לענין־צוג מיט דעם שמייכלענדען דיפלאָמאטען־קאָפ, מיט'ן מיניסטאָרישען פויער־קאָפ, מיט דעם געמיטליכען רעוואלוציאנע־רען פייער־קאָפ איליטש (אזוי רופט מען לענינ'ען צערטליך) אויפ־געמאָהלט אויף די ווענט.

מיט דעם הויפט פון אונזער דעלעגאציע געה איך אין שטאָדט אריין. קיינע לייזיגע שטרעקען, קיין שטיל־שטעהן, קיינע פוסטע גאסען. לעבעדיג לעבען. פולע, נישט זעהר איבערגעפיל־טע עלעקטרישע טראמווייאיען לויפען ארום דעם ניקאָלאַיעווסקען וואקזאל. איך זעה די ערשטע סאָוועט־אויטאָמאָבילען. זיי לויפען מיט א מורא'דיגער שנעלקייט, א מיליטער־שנעלקייט, א פעלד־צוג שנעלקייט, ווי עס וואָלט געגאנגען אום לעבען, ווי מען וואָלט געמוזט באלד צושטעלען אמוניציע כדי אָנצוהאלטען דעם פראָנט. די האָר שטעלען זיך קאפויר.

דער ערשטער איינדרוק איז — א שטאָדט פון פראָלעטאריער. מיר קומען ארויף אויף נעווסקי פראספעקט, די ציערונגס־גאס פון דעם צאר'ס הויפט־שטאָדט, די גאס פון גלאנץ און רייכע גע־

שעפטען. פיעלע קראָמען זיינען פארקלאפּט מיט ברעטער. אבער ס'געהט אָן — מען זעהט עס באלד — אן אויספארקויף פון די איי בערפליסונגען — גאלאנטעריי־סחורות, פאָטאָגראפיען, בילדער, פארפיומען, א. ז. וו. א קליין פלעשעלע פארפיום קאָסט 400 סאָ־וועט־רובעל. שפּעטער באגרייף איך די געלט פּראבלעם און הידוש זיך מעהר נישט.

ארום צוועלף א זייגער בייטאג איז דער נעווסקי פּראספּעקט זעהר באלעבט. אויף די ווינקלען שטעהען פארקויפער פון סיגא־רעטען און קליינע קיכעלאך. איבעראל הענגען נאָך די אלטע שילדען פון קאָנדיטאָרייען, שניידער־געשעפטען, א. ז. וו. דעם פינאנץ קריטיקער אינטערעסירען איבערהויפּט די באנק־געביידען. אין די דייטשע האנדעלס־בלעטער האָב איך געלייענט איינגע קריטישע ארטיקלען איבער ספּעקולאציע אין פּעטערבורג. איצט שטעהט די געביידע פון דעם פּעטערבורגער אינטערנאציאנאלען האנדעלס־באנק, דער געוועזענער רוקען־ביין פון רוסלאנד'ס פינאנסען, מיט ליידיגע אויגען. הינטער די שויבען איז מעהר נישטאָ גאָר־נישט. די רוסישע באנקען האָבען אויפגעהערט צו זיין באנקען. ס'איז בלויז פאראן נאָך איין „קלירינג" אין מאָסקווע — דער שטאאט־באנק, וואס איז בלויז א צענטער פאר דער פארטיילונג פון פאפּיר־געלט, מיט אפּטיילונגען איבער דעם לאנד פאר דעם זעלבען צוועק.

פארברייטונגען פאר דעם ערשטען מאי ווערען אין פּעטראָ־גראד אנגעפיהרט מיט באזונדערער טיכטיגקייט. רויט, רויט, רויט. אויף דעם פּראספּעקט — סאָלדאטען, אין דאָ און דאָרט — גרו־פען געפיהרט פון באוואפענטע פרויען. אויך בורזשוא צווישען זיי, אומעטיגע, דערשלאָגענע, צוגעפּאסטע און זאָגאר פרעהליכע. פון מעראָר, פלינדערייען, טויטע קערפּערס, עפּידעמיעס, שטארבען פון הונגער אין די גאסען — פון דעם אלעם איז קיין סמין נישטאָ. די גאס איז אפּגעריבען אבער ריין. „דראָזשקעס" פאָהרען, אויי טאָמאָבילען פליהען, מענשען געהען אונגעשטערט. איבעראל אין רוסלאנד האָב איך געהערט לויב־געזאנגען לכבוד זינאָוויעוו'ן, דעם אָרגאניזאטאר פון פּעטראגראד. איך דערצעהל וואס איך האָב געזעהן. נישט מעהר און נישט ווייניגער.

פון פּעטראגראד נאָך מאָסקווע געדויערט די רייזע 23 שעה.

די וואגאן־קלאסען זיינען נאָך דאָ, אבער די קלאסיפיצירונג פון די פאסאזשירען לויט דעם אינהאלט פון זייערע טייסטערס איז פארשוואונדען. די זעלבע פרייז גילט פאר אלע אָפטיילונגען. מען קאָן פאָהרען בלויז ווען מען האָט ספעציעלע רייזע־ערלויבנישען (די טראנספארטאציאָנס־פראבלעם). אָבער מען פאָהרט נישט נאָר מיט אזעלכע ערלויבנישען, פיעלע פאָהרען אלס בלינדע פאסאזשירען. מען סטראשעט אפילו מיט שטראפען, אבער דאס שרעקט קיינעם נישט זעהר פיעל. דאָס לעבען וויל לעבען, רייזען, דער פארקעהר פונקציאָנירט נישט קוקענדיג אויף אלע דראהונגען. די דראהונגען קלינגען שרעקליכער ווי זיי זיינען. די רוסישע דעקרעטען זיינען אפט פראפאגאנדע־דעקרעטען און נישט קיין געזעץ־דעקרעטען. אזוי אדער אנדערש פאָהרען מענשען מיט די אייזענבאהנען, באזוכען איינע די אנדערע, קויפען אויף די וואקזאלען פאר 125 רובעל א גלאָז מילך, טראגען טשייניקעס הייס וואסער, האָבען הנאה, שוויצען, זיינען פארזארגט, זינגען, שלאָפען — —אלעס אין די אייזענבאהן וואגאָנען. ווייל דער רוסישער אייזענבאהן וואגאן איז א פאָהרענדעם הויז, מיט אלע קליפערלאך, אפילו מיט וואסער־קלאָזעטען.

ס'געהט לאנגזאם, אבער ס'געהט.

אויב איהר בענקט נאָך וועלדער, נאָך ווייסע בערעזעס צווישען טאנען בוימער, נאָך גראזען צווישען וועלדער און נאָך זומער־הייזער אויף די גרויסע וועגען — דאן פאָהרט פון פעטראגראד נאָך מאסקווע. דאס איז א הערליכע רייזע, א פרעהליכע רייזע, א פריהלינגס רייזע. ס'איז נישטאָ קיין סך צו זאגען וועגען דער דאָזיגער רייזע. איהר פאָהרט פארביי שטעדט מיט קופאלען פון קירכען, גרופען דאטשעס און ווייטער וואלד, וואלד, וואלד. קיין לאנד האָט נישט אזוי פיעל וואלד, ווי רוסלאנד (א פראבלעם פון קאָנצעסיעס און אויסלענדישען האנדעל).

מאָסקווע פרעסט זיך נישט איין אזוי ברוטאל אין דער סביבה ווי פעטראגראד. די סביבה ארום פעטראגראד איז א הארטע, אן אינדוסטריעלע. ארום מאָסקווע בליהט די אידיליע.

דעם ערשטען מאי, מיטאָג־צייט, אונטער א פרעכטיגען הימעל, דעם ערשטען מאי; דעם פראלעטארישען יום טוב, דעם

וועלט־יום טוב, דעם רויטען טאָג, זיינען מיר אָנגעקומען קיין מאָסקווע.

דער ערשטער מאַי.

אין די ביוראָס קאָן מען קיין מענשען ניט געפינען. אלע זיינען פארנומען מיט'ן קאָמוניסטישען יום־טוב, אלע זיינען פארטאָן אין דער פייערונג פון ערשטען מאַי. מיר וואַרטען דריי שעה אויף דעם ניקאָלאַיעווסקי וואָקזאַל און באַטראַכטען די מיידלעך מיט שמייכלענדע פנים'ער, וואָס רייניגען די רעלסען און שייערען די וואַגאָנען. צווישען זיי געפינען זיך מיידלעך אין סאַמעטענע קליידער מיט גוטע רוסישע פּאַטשיילעס אויפ'ן קאָפּ, מיט הענטשקעס און מיט געפּוצטע נעגעל. זיי רייניגען דעם וואָזאַל פון שטויב און שמוץ. ס'איז ניט קיין אנגענעהמע ארבייט, אבער זיי אַמוזירען זיך דערביי. א גאַנצע שעה האָב איך באָאָבאַכטעט א גרופּע פון פינף מיידלעך, אלע שעהנע מיט רויטע באַקען. פאַרסאָפּעטע, שטופּען זיי א וואָגען אָנגעפילט מיט מיסט. איינע טראָגט א רויטע בלום אין איהרע שווארצע האָר און א רויטען גאַרטעל ארום איהר סאַמעטענער טאַליע. איינע שייערט די טרעפּ פון וואָקזאַל. מיר קומען פארשיעדענע געדאַנקען אין קאָפּ אריין. איך דערמאָן זיך, צום ביישפּיעל, אָן דעם פּארפיום־פּאַרפּעסטעטען קורספירסטענדאַם אין בערלין, אָן אָט דער סדום גאַס, וואו יעדע לעבענס־מעגליכקייט ווערט פּאַראומרייניגט.

די קאָמוניסטישע זונטאג־ארבייט, די קאָמוניסטישע יום־טוב ארבייט איז מעהר אָן ערציהונגס־ארבייט, מעהר א דעמאָנסטראַציאָנס־ארבייט ווי אָן ארבייט וואָס לייסטעט ממשות'דיגע נוצען. אבער זי איז דאָך א געמיינשאַפטליכע ארבייט און ניט קיין העסליכקייט, ווי אויף קורפירסטענדאַם אין בערלין. און אמאָל איז עס אויך ניצליכע ארבייט. ווען איך בין צוריקגעפאָהרען האָב איך געזעהן הונדערטער אייזענבאַהן־וואַגאָנען מיט לויב עמבלעמען. די דאָזיגע עמבלעמען האָבען געלויבט די קאָמוניסטישע ארבייט, וואָס איז געטאָן געוואָרען אויף די וואַגאָנען דעם ערשטען מאַי.

אלע האָבען געארבייט דעם ערשטען מאי אין מאָסקווע, אלע

א חוץ די כראַנישע פּוילענצער און די באוואוסטזיניגע סאַבאָטאַזש־ניקעס. אונזער טאַלמאַטשער, וועלכער איז אוועק אין שטאָדט אריין צו באַזאָרגען א וואוינונג, האָט אונז דערצעהלט, אז ער האָט געזעהן בוכאַרינ׳ען קעהרען די גאַסען. לעניז האָט דעם ערשטען מאי אויפגעראַמט איינעם פון די הויפען פון קרעמעל. דאָס זיינען דעמאָנסטראַציעס, איך ווייס עס גאַנץ גוט. אָבער קיינמאָל פריי־הער זיינען נאָך אַזוינע דעמאָנסטראַציעס ניט געמאכט געוואָרען.

מיר זיינען געזעסען אומגעדולדיג גאַנצע שטונדען אויף די טרעפּ פון דעם וואָקזאַל. א גרופּע פאבריק־ארבייטער זיינען פאַר־בייגעגאַנגען. זיי האָבען געזונגען „די רויטע פאָהן”, דאָס ליעד פון רעוואָלוציאָנערער שטרעבונג, דאָס ליעד פון פּראָלעטאַריער־טוּם, דאָס ליעד פון שטאָלצער אויפאָפּפערונג.

איך וועל שפּעטער מעהר דערצעהלען וועגען דעם דאָזיגען ליעד. די ארבייטער האָבען מארשירט מיט דעם ליעד, דאָס ליעד האָט מארשירט מיט די ארבייטער, די רויטע פאָהן פאראויס. אויטאָמאָבילען באַפּוצט מיט רויטע פאהנען און רויטע שטערען זיינען פארבייגעפאָהרען אויף דעם וועג צו די מיטינג־פּלעצער. איבעראַל — אויף די פּלאַצען, אויף די ריעזיגע מאָסקווער פּלאַש־טשאַדען, אין די פאבריק־הויפען, אין האָלס ווערען היינט אָפּגע־האַלטען מיטינגען.

די שטאָדט איז געווען איינגעטונקט אין רויטען. רויטע פאָהנען, רויטע בענדער ארום ווייסע ארבלען, רויטע פאהנען אויף די מויערען. רויט, רויט, רויט.

אין א קלאַפּענדען, סקריפּענדען טראַכט אויטאָמאָביל האָט מען אונז אָפּגעפיהרט צו א סאַוועטען־הויז. מענגעס קינדער געהען פארביי זינגענדיג, אחוץ דעם אָבער איז די שטאָדט שטיל, ווייל אַלע זיינען פארנומען מיט דער יום־טוב ארבייט. ערשט שפּעט נאכמיטאג הויבט זיך אָן די פייערונג.

נאָכמיטאג געהען מיר צום דייטשען ראַט. דער דייטשער ראַט איז דער צענטראַל פאַר די דייטשע מלחמה־געפאַנגענע, באַ־זונדערס באשעפטיגט ער זיך מיט אפּשיקען זיי צוריק אהיים. מען האָט אונז איינגעלאַדען אויף דער מיי־פייערונג פון דעם דייט־שען ראַט אין דער געביידע פון דעם דריטען אינטערנאציאָנאַל.

דער זאַל (אין וועלכען גראף מירבאך איז ערמאָרדעט געוואָ־רען) איז פול. מלחמה־געפאנגענע מיט זייערע פרויען (געהייראַט אין רוסלאנד), געסט און אָנגעשטעלטע פון דעם דייטשען ראַט ווארטען אויף דער ערעפענונג פון מיטינג: און אויף דער רעדע פון באלאבאנאָווא, די סעקרעטערין פון דעם דריטען אינטערנאציאָנאל.

א שווארץ געקליידעטע פרוי פון נידעריגען וואוקס, גרויע פעדים אין די האָר, אין דער האנד א שטעקעל. זי הויבט באלד אן איהר רעדע, נאָך קוים וואס זי כאַפּט דעם אָטעם פון דער שנעלער אויטאָמאָביל־רייזע. עטוואס פלאכע באגייסטערונג. קיין דונערען, קיין באָמבאסטיק, קיין בלומען־שפּראך. אין דער דאָ־זיגער פרוי אין אלעס הארץ. זי ערקלערט די באדייטונג פון דעם יום־טוב און זינגט א ליעד, א הויך ליעד וועגען דער סאציאליס־טישער מענשליכקייט. אין דעם דריטען אינטערנאציאָנאל פאר־טרעט זי די איטאליענישע פארטיי. אין הויכע ווערער לויבט זי די איטאליענישע גענאָסען פאר זייער הילף צו עסטרייך. די איטאליענישע גענאָסען נעהמען צו זיך, אין דעם ווארימען ציט־ראָנען־לאנד, די בלוטלאָזע, הונגער־אויסגעבלייכטע עסטרייכישע קינדער.

נאָך איהר רעדע קומען טענץ און פארשטעלונגען. צוויי „לע־בעדיגע בילדער" שטעלען פאר די הערשאפט פון דעם פּראלעטא־ריאַט און דער בורזשואזיע, און אלס קאָנטראסט — די זעלבע אר־בייטער אלס באפרייטע און די בורזשואזיע — אויף דער ערד, געבונדען אין קייטען.

איך האָב דאָרט געזעהן א טענצערין פון גרויסען באלעט, אין שיך אָבער מיט נאקעטע פיס. זי האָט געטאנצט וואונדער־באר, און דאָך איז עס ניט געווען קיין נאקעטער טאנץ. ס'איז גע־ווען א טאנץ מיט נאקעטע פיס, אבער ניט קיין נאקעטער טאנץ.

פון פּראָלעקולט*) האָב איך דאָ געזעהן גאנץ ווייניג. די קונסט אין רוסלאנד איז נאָך הויפּטזעכליך א פּראָפּאגאנדא־מיטעל. איך וועל שפּעטער וועגען דעם מעהר דערצעהלען.

*) די ארגאניזאציע און באוועגונג פאר פּראלעטארישער קולטור. א באראקטעריסטישע פארקירצונג פון א לאנגען נאָמען. — איבערז.

ארום צוויי אזייגער ביי־נאכט, נאָך לאַנגע געשפּרעכען, מיעד פון איינדריקען, זיינען מיר א פאַל געטאָז אין אונזערע בעטען.

דער סאָוועט האָטעל.

קיין האָטעלס אין אייראָפּעאישען זין זיינען ניט פאַראַן ניט אין פּעטראָגראַד און ניט אין מאָסקווע. ס'זיינען אפילו פאַראַן געפּעק־טרעגער און דראָזשקע־קוטשערס אָבער הויז־קנעכט מיט פירמע־היטלען ווארטען ניט ביים וואָקזאַל. אויב מען האָט גע־לאָזט וויסען פון רעוואַל, און אויב מען האָט גליק דערצו, ווארט אויף אייך אַן אויטאָמאָביל פון דעם אויבערן קאָמיסאַריאַט אָדער פון דעם דריטען אינטערנאַציאָנאַל. כאָטש מען האָט וועגען מיין קומען געלאָזט וויסען פון רעוואַל, האָב איך אָבער קיין גליק ניט געהאַט, ווייל ס'איז געווען דער ערשטער מאַי און דעם ערשטען מאַן זיינען מיר קיינעם ניט געלעגען אין קאָפּ. ס'זיינען געווען וויכטיגערע זאַכען צו טאָן.

עס זיינען פאַראַן סאָוועט־געסט, וואָס ווערען באַהאַנדעלט לויט א פּראָגראַם, דאָ סהייסט, מיט דעם אפיציעלען אַפּאַראַט. אנדערע ווענדען זיך צום אויסערן מיניסטעריום, וואו די פאַרטרע־טער באַהאַנדלען אייך זעהר פריינדליך און ליעבליך. אין אַלצ־דינג מערקט זיך די ליעבענסווירדיגקייט פון דעם רוסישען כאַ־ראַקטער. אין רוסלאַנד ווערט פיעלעס צוגעזאָגט און געוויס ניט יעדער פאַרשפּרעך ווערט געהאַלטען. דאָס, אגב אורחא, איז אַן אָרגאַניזאַציאָנס־פּראָבלעם פון דער גרעסטער באַדייטונג. יעדענ־פאַלס קאָן עס ניט שאַטען צו דערמאָנען זיך אָן דעם צוגעזאָגטען. קאַראַכאַן ווערט ניט אין כעס, נאָר פאַרקעהרט, ער שמייכעלט, ווען איך דערצעהל איהם, אז טראָץ דעם וואָס מען קריגט אַן אָנ־ווייזונג פון דעם אויסערן מיניסטעריום פאַר א פּלאַץ אין א האָטעל, געהט מען אמאָל ארום אין מאָסקווע עטליכע טעג אהן א געזעצ־ליכען וואוינונגס־פּלאַץ.

יעדער האָטעל, ד. ה. סאָוועט־הויז, האָט א קאָמענדאַנט. דער קאָמענדאַנט איז דער הערשער איבער'ן האָטעל אין די ראַמען פון זיין אַמט. ער האַנדעלט לויט די אָנווייזונגען פון דעם אויסערן

מיניסטעריום אָדער פון דעם דריטען אינטערנאציאָנאל, וועלכער באזאָרגט זיינע געסט מיט פיינע האָטעל־באקוועמליכקייטען. אזוי לאנג ווי דער קאמענדאנט קריגט ניט אזא אנווייזונג צו באַזארגען דעם גאסט מיט האָטעל־באקוועמליכקייטען, קימערט עס איהם גאנץ ווייניג וואס דער גאסט טוט. אויב אבער די אָנווייזונג איז דאָ, דארף זיך דער גאסט מעהר ניט זארגען. ער שלאָפט, עסט און טרינקט אין סאָוועט־הויז. זיין וועש ווערט געוואשען. דערפאר באצאָהלט דער גאסט אדער גארנישט אדער א נישטיג־קליינע סומע. אויס פארמעלע גרונדען האָב איך געמוזט צאָהלען צוויי הונדערט סאָוועט־רובעל א טאָג. אין דער צייט ווען איך בין געוועזן אין מאסקווע האָט עס באטראפען, אויף דייטשע געלט, 2 אדער 3 מארק.

אָבער די אָנווייזונג אליין איז נאָך ניט גענוג. יעדער פרעמדער מוז האָבען א פאַס, א „פּראָפּוסק". דער פאַס ווערט ארויסגעגעבען פון דעם אויסערן מיניסטעריום און איז גילטיג פאר דער גאנצער שטאָדט; ווייל רוסלאנד פיהרט מלחמה, און מען טאָר ניט דערלאזען, אז ס'זאלען דאָ זיין „אומגעשטעמפּעלטע" מענשען. אויך די וואס קומען באזוכען א האָטעל־גאסט, מוזען האָבען א פאַס. אפילו סאָוועט־הייזער זיינען ניט ריין פון שפּיאָנאזש. יעדער באזוכער, א היימישער אדער פרעמדער, מוז ווייזען זיין פאַס צו א באוואפענטער וואך.

די גרעסטע סאָוועט־הייזער אין מאָסקווע זיינען מעטראָפּאָל, נאציאָנאל און סאַוואָי. זיי הייסען ניט „האָטעל", נאָר „דאָס ערשטע סאָוועט־הויז", „דאס צווייטע סאוועט־הויז" א. ז. וו. די „לאָבי" פון אזא סאוועט־הויז איז אפילו די אלטע האָטעל לאָבי, אָבער זעהן זעהט זי נישט אויס ווי די לאבי פון א גרויסען האָטעל, וואו ס'זיצען אויף די ווייכע שטולען עלעגענטע פרויען, אויסגעפּוצטע אפיצירען, פעטע סוחרים פון דער פראווינץ, פאבריקאנטען, טוריסטען א. ז. וו. די שפּיגלען זיינען בלינד אדער האַלב־פארבלענדט. א גרויסער שפּיגעל אויף די שטיגען פון מעטראפּאָל איז דורכגעלעכערט פון א קויל — אן אנדענקען פון דעם קאמף איבער דער מאכט. דער פאָרטער מיט זיין שטאָב עקזיסטירט שוין מעהר ניט, די „סטענדס" מיט קאָנפעקטען, גאלאנטעריי און ציי־

טונגען זיינען בלויז אַן עראַינערונג. אַלעס געהט דאָ צו אויף אַ ניכטערן געשעפטסמעסיגען אופן. קיין טרינק־געלד. דער צי־מער איז ריין, דאס עסען קנאַפּ אָבער גוט — פיעל קאַשע, וועניג קאַרטאָפעל ,פיעל טעע, גענוג ברויט, נאָר וועניג פּוטער.

נאַטירליך זיינען די צימערען אויסגעשטאַטעט אויף דעם אַל־טען שטייגער מיט דער אַלטער פּראַכט, כאָטש עס זיינען שוין אָפּגעבלאַקעוועט די פּרעכטיגע עמפּיר־סאָפאַס, די פּלושענע שטו־לען, די ראָקאָקאָ טישען, ווי ס'איז אָפּגעלאַקעוועט די בורזשואזיע גופא. מען האָט נאָך דאָס אַלעס ניט געקאָנט אויספּרישען, און ס'איז ניט געווען נויטיג דערווייל דאָס צו טאָן. דער גאַסט מוז זיין צופּריעדען. ער קאָן זיין צופּריעדען. די קאָמענדאַנטען, די צימער־מיידלעך, די טיש־באַדינער (אַלע באַאַמטע) זיינען פריינדליך און קאָרעקט.

אייניגע האָטעלס האָבען אַ טעלעפאָן כמעט אין יעדען צימער. דער „סענטראַל" פאַרבינדט שנעל. אַזוי ווי יעדער גאַסט קומט קיין מאָסקווע צוליעב וויכטיגע געשעפטען, און כמעט קיינער ניט גלאַט אַזוי זיך, זיינען די טעלעפאָן־מיידלעך איבער־באַשעפטיגט. דאָך איז די פאַרבינדונג ניט ערגער ווי אין בערלין.

דער הויפּט־פאַרקעהר איז אין מעטראָפּאָל, וואו ס'וואוינען מעהרסטע פון די העכערע באַאַמטע פון דעם אויסערן־מיניסטע־ריום. דאָס מיניסטעריום גופא געפינט זיך אין איינעם פון די „פליגלען" פון דעם האָטעל און מייסטע באַאַמטע וואוינען דאָ, אָפט — מיט זייערע פרויען און קינדער. פאַר דער רעוואָלוציע איז דער מעטראָפּאָל געווען דער רייכסטער האָטעל אין מאָסקווע. דאָ פלעגען איינשטעהן און פאַברענגען די גרויספירשטען. ס'זיינען נאָך פאַרבליבען בלייכע רעשטלעך פון דעם אַמאָליגען מעטראָ־פּאָל, אבער זיי ווערען געברויכט פאַר אַנדערע און בעסערע צוועקען. אין איינעם פון די פריהערדיגע פאַרגעניגען־טעמפּלען, דער־צעהלט מען מיר, צום ביישפּיעל, זיצען אָפּ גרויס־ספּעקולאַנטען, פּראָפיטירער, זייערע טורמע־טערמינען.

דער קאָנצערט־זאַל איז דער זיצונגס־צימער פון דעם צענ־טראַלען אויספיהר קאָמיטעט פון דער סאָוועט־רעפּובליק. אויף דער קאָנצערט־ביהנע זיצען די רעדנער און די פאַרזאַמלונגס־לייט.

אנשטאט א ציגיינער־זינגער, דיריגירט איצט קאַלינין, דער פארזיצענדער פון׳ם פרעזידיאום פון דעם צענטראַלען אויספיהר קאָם. ער דיריגירט אין דעם נאָמען און אין דער אנוועזענהייט פון קאַרל מאַרקס, וועמעס גרויסער ביוסט עס שטעהט אין איינער פון די נישען פון זאַל. איין זאך מוז מען זאגען: קאַרל מאַרקס ווערט אין מאָסקווע פארעהרט ווי ער פארדינט אבער זיינע פארטרעטען, ביוסטען און מאָנומענטען זיינען מיזעראבל און שלעכט געמאכט ביז גאַר.

דאָס עסען אין די האָטעלס איז אַפּילו גלייכמעסיג ראציאָנירט, אויסגעטיילט, אבער די מאכלים האָבען ניט איבעראל דעם זעלבען טעם. אויך דאָ שפּיעלט די קאָך־קונסט א ראָל. קומען אָן געסט, וועמען מען דארף באהאַנדלען רעאַל־פּאָליטיש, געסט וועמעס איינענארטיגען געשמאַק מען וויל באַפרידיגען, ווערט דאס עסען דערהויבען צו א העכערער מדרגה. דאָ איז, צום ביישפּיעל, געוועזען דער פירסט פון א האַלב־אַזיאַטישער מלוכה׳לע, וואס האָט זיך אָנגעשלאָסען אָן סאָוועט־רוסלאנד. מ׳האָט אפילו וועגען איהם ניט געמאכט קיין האָטעל־פּאראַד, אבער ער האָט דאָך געקראַגען באַקוועמליכקייטען, וואס אַנדערע געסט קריגען ניט. אויך די ענגלישע מיסיע, וועלכע האָט באַזוכט מאָסקווע אין מאַי 1920, איז זעהר גוט געשפּייזט און באדינט געווארען, מיט לאַקס, פּיעלע פליישען, מיט פּראכט־אויטאָמאָבילען, וועגווייזער א. ז. וו. מיר האָבען קאָנסטאַטירט דעם פאָלגענדען כלל: אידעען־גענאסען און קאַמף־גענאָסען ווערען באַהאַנדעט אומגעפעהר ווי די מאָסקווער ווי די רוסישע תושבים, און די אויף וועמעס אידעען מען קאָן זיך ניט איננאנצען פארלאזען, ווערען באהאַנדעלט צוקער־זים. ווען שיידעמאַן, צום ביישפּיעל, וואָלט געקומען קיין מאָסקווע וואלט ער פיליייכט באהאנדעלט געווארען ווי יענער האַלב־אזיאטישער פירסט. אלענפאלס וואָלט מען פון איהם דעם אמת ניט באהאַלטען. לעניין האָט די ענגלישע ארבייטער־פיהרער געזאגט זאכען, וועלכע האָבען זיי גאר ווענינ פארגעניגען פארשאפט. אבער עסען וואלט שיידעמאַן געקאנט כמעט אזוי ווי אין בערלין ביי שקלארצען.

דעם הויפּט פון אונזער דעלעגציע און מיך האָט מען באַ־

זאָרגט אין א פּראַכטפאַלער ווילאַ, וועלכע איז פאר דער רעוואָ־לוציע געווען א געזאַנדשאַפט־הויז. דאָרט זיינען געווען גרויסע חדרים און זאַלען, ווייס־געקאַכעלטע באָד־צימערען, שוידערליכע בילדער, א ביליאַרד און א בוזענע־פּאַרק פון אויסערגעוועהנליכער פּריהלינגס־פּראַכט. דאָ האָט זיך געפונען אן אינטערנאַציאָנאַלע זשורנאַליסטען־געזעלשאַפט: כינעזער, יאַפּאַנעזער, ענגלענדער, אַמעריקאַנער, פראַנצויזען, איטאַליענער. אויך פּאַרטרעטער פון קאַ־רעאַ בוכאַרא, טאַטערען — א גאַנצער בבל. אויך מיס העריסאָן איז דאָ איינגעשטאַנען. איך מוז דאָ זאָגען, אז זי קאָן די גאַנצע וועלט און די גאַנצע וועלט קאָן זי: מיס העריסאָן איז א מוטיגע פרוי. זי פאָהרט אַרום פאר איהר צייטונגס־פירמע דורך אלע רעדאַקציעס און אלע רעוואָלוציעס.

גאַסען און פּלעצער.

מאָסקווע נויטיגט זיך אין רעמאָנט און אויסבעסערונג. יעדע אייראָפּעאישע גרויסע שטאָדט נויטיגט זיך אין דעם. אָבער רוס־לאַנד פיהרט נאָך אלץ מלחמה, זי מוז נאָך אלץ פיהרען מלחמה, ווייל מען וויל איהר ניט געבען קיין פרידענס־רוה.

די זאַלען אין די וואָקזאַלען, דער פּלאַסטער אויף די גאַסען, די פראָנטען פון די הייזער — אלעס נויטיגט זיך אין רעמאָנט. שוין פאר דער מלחמה איז דער פּלאַסטער פון מאָסקווער גאַסען גיט געווען ווי ס׳באַדאַרף צו זיין. ווענינג אַספאַלט און א סך קאָפּ־שטיינער, *) קאָפּ־שטיינער אָהן סימעטריע, אָהן סדר, אָהן זין. צווי־שען זיי — נייגעריגע קאָפּ־שטיינער, וועלכע שטעקען אַרויס דעם קאָפּ העכער פון די אַנדערע. גריבער און לעכער אין דעם פּלאַס־טער. דאַריבער מוז יעדער איינער, וואָס פאָהרט קיין מאָסקווע, מיטנעהמען צוויי פּאָר שטיוועל מיט געזונטע פּאָדעשוועס. די עלעקטרישע טראַמווייען (צוויי הונדערט האָבען פונקציאָנירט בעת איך בין געווען אין מאָסקווע) זיינען געפּאַקט, די מעהרסטע אויטאָמאָבילען זיינען אויף דעם פראָנט, און קיין צופיעל „דראָזש־

*) „קאָבל־סטאָונס״ אויף ענגליש. — איבערזעצער.

קעס" זיינען אויך ניטאָ. מען מוז דאריבער געהן צופוס נישט נאָר איבער די וואונדערבארע בולווארען, ניט נאָר איבער דעם אספאַלט פון די גרויסע גאַסען, נאָר אויך איבער די קאָפּ־שטיינער. געוועזענע דייטשע מיניסטאָרען, וואָס ווילען באזוכען מאָסקווע און זיינען געוואוינט צו לעבען אויף א גרויסען פוס, זאָלען מיט־נעהמען דריי פּאָר גוט באזוילטע שיך, אזוי אז זיי זאָלען צו יעדער צייט קאָנען טרעטען אויף עטליכע קאָפּ־שטיינער מיט אמאָל. דערפאר אָבער מעגען זיי לאָזען זייער „סמאָקינגס" אין דער היים. קיין „סמאָקינגס" דארף מען אין מאָסקווע ניט האָבען. אפילו א וויזיט ביי לעניג'ען קאָן מען פראוועז אין דעם גאסען־אָנצוג. די הויזען מעגען אפילו זיין צוריסען, אבי נאָר די נשמה איז ריין. כ'וועל אפילו דערצעהלען א סוד, אז איינינע „הויכע" סאָוועט־באַ־אמטע געהען ארום אין צוריסענע הויזען. צום ביישפּיעל, בוכאַ־רין און קלינגער, דער סעקרעטאר פון דריטען אינטערנאציאָנאל, טראָגען אפּגעריבענע קליידער, וואָס „ביעטען" מיט זייער אפּגע־ריבענקייט אפילו די פּראגראמען פון די דייטשע רייכסטאג פּאר־טייען. איך גלויב זאָגאר אז זיי שנייצען די נאָז אין א ציצענעם ניט פּארפּיומירטען נאָז־טיכעל.

אָבער ריין זיינען די מאָסקווער גאסען. זיי ברעקלען זיך אָפּט, ווי די פּעטראָגראדער גאסען, ווען מענשען מיט א געפיהל פון פלאכקייט, ווינשען זיי א בעסערע גלייכמעסיגקייט, אָבער ריין זיינען זיי. קיין הויפענס שמוץ האָב איך נישט געזעהן אין מאָסקווע און אויך ניט אין די אומגעגענדען. די וואסער־לייטונג האָט געארבייט גוט, די רינשטאָקען זיינען געוועזן ריין און מ'האָט ניט געשפּירט קיין שלעכטען גערוך.

די גאַסען קוקען אָבער ניט אויס ווי גרויס שטעטיגע גאסען מיט בורזשואזע אויספּוצונגען. די קראָמען זיינען דאָ, ווי אין פּעטראָגראד, פארשלאָסען אָדער פארקלאפּט מיט ברעטער. די קליינע קרעמלעך, וואו ס'איז נאָך געבליבען א ביסעל סחורה, פארקויפען גאלאנטעריי, גרינסען, עלעקטראָ־טעכנישע ארטיקלען, לימאָנאַד, זייף און נאָך אזעלכע קלייניגקייטען. דאָ און דאָרט זעהט מען סאָוועט קראָמען און סקלאדען, וואו ס'ווערען פארקויפט פּראָדוקטען, שטרענג לויט א באַשטימטער מאָס און פאר א באַ־

שטימטען פּרייז. דאָ קען מען קריגען העמדער, קראַגענס, זאָקען, היטלען, הויז־אַרטיקלען, א. אַז. וו., צו זעהר נידעריגע פּרייזען. אָבער ס'איז נאָך שווער צו באַקומען די דאָזיגע אַרטיקלען, ווייל די אינדוסטריען אין רוסלאַנד זיינען כמעט שטיל־שטעהענד. ערשט ווען ס'וועט זיין געגוג סחורה וועט מען קאָנען דורכפיה־רען א שטרענגע ראַציאָנירונג, א פאַרטיילונג פון פּראָדוקטען לויט די מינימום־באַדערפנישען.

פּיעלע הייזער אין מאָסקווע זיינען פאַרנאַנדערגעפאַלען, און פּיעלע שטעהען ליידיג. דאָך הערשט א מאַנגעל אין וואוינונגען. אויך דאָס וועט געענדערט און פאַרבעסערט ווערען. אָבער א לאַנד וואָס פיהרט מלחמה קאָן ניט אַרבייטען ווי א לאַנד אין פריעדען. צוליעב דער מלחמה ליידען באַזונדערס די גרויסע שטעדט. זיי זיינען די הויפּט־שוועריגקייטען אין יעדען עקאָנאָמישען קריזיס.

די מאָסקווער גאַסען, איבערהויפּט די מאָסקווער הויפּט־גאַסען זיינען לעבעדיג. אַרום צעהן אין דער פריה און אַרום האַלב נאָך פיער בייטאָג — זעהר לעבעדיג. דאָס זיינען די שטונדען ווען די אַרבייט ווערט אָנגעהויבען און פאַרענדיגט. דאַן ווירבעלט עס אין די גאַסען, דאַן איז אין די גאַסען אַן ענגשאַפט און א געד־דרענג. אָבער אויך די איבעריגע טייל פון טאָג זיינען די גאַסען באַ־לעבט. אין אָבענד, נאָך דעם ווי די פאַרגעניגענס פּלעצער ווערען צוגעמאַכט, זיינען די בולוואַרען איבערפילט.

אויך מאָסקווע איז אַן אַרבייטער שטאָדט. אויסערליך ניט אַזוי פיעל ווי פּעטראָגראַד. אָבער דער פּראָלעטאַריאַט באַהערשט די שטאָדט. ס'איז נאָך פאַראַן פיעל עלעגאַנץ אין מאָסקווע און דאָך הערשט דאָרט דער פּראָלעטאַריאַט. דאָס איז אויך דער עצם פון דער מאָסקווער גאַס. ער ווירבלען אויף דער גאַס אַלער־ליי שיכטען, אָבער דער פּראָלעטאַריאַט הערשט. ער באַהערשט די גאַסען מיט זיין פּאָליציי, מיט זיין אַרבייט־פאַראָרדנונגען. די לוקסוס־גאַס, די פאַרגעניגען־גאַס, די באַזאַר־גאַס עקזיסטירט ניט מעהר. ס'איז איצט פאַראַן די אַרבייטס־גאַס און די אָפּרוה און פאַרוויילונגס גאַס. מען אַרבייט נאָך גאַנץ וועניג אין מאָסקווע, גאָר וועניג, און דאָך איז מאָסקווע שוין אַן אַרבייטס־שטאָדט.

הערליך זיינען די מאָסקווער פּלעצער, די פּלאַטשאַדען, און

דער הערליכסטער פלאץ אין מאָסקווע איז דער קרעמעל פלאץ, איצט דער רויטער פלאץ. האלב טורניר־פלאץ און האלב מארק־פלאץ, אָדער האלב פאראד־פלאץ און האלב פארגעניגען־פלאץ, אָדער האלב געשעפטס־פלאץ און האלב רעפּרעזענטאציאָנס־פלאץ. די הויכע מויערען פון קרעמל מיט זייערע טורעמס פון איין זייט און דער פריהערדיגער ריזען־באזאר, א שטיק מאָדער־ניזירטע אזיע און איצט דער ארבייטס־קאָמיסאריאט אויף דער אנדערער זייט. ביים אריינגאנג — די נסים־שאַפענדע איווערסקע מאַדאָנא, ביי וועמען די רוסען בעטען זיך נאָך אלץ „צו טאָן א נס", און ביים ארויסגאנג — די גרעסטע געבוי־הערליכקייט אין דער וועלט — דער וואסיליעווסקי סאָבאָר (קירכע). קברים ארום דער קרעמל־וואנט, וואו ס'רוהען העלדען פון דער רעוואָלוציע, אויף די קברים — קראנצען מיט רויטע בענדער. א לייכטענדע רעוואָלוציאָנס־פלאסטיק אויף דער קרעמל־וואנט, פון וואנען עס שטראָמען רויטע פאהנען. הערליך איז דער דאָזיגער פלאץ. ווייט איז דער דאָזיגער פלאץ. ווייט און ברייט ווי די רוסישע נשמה. אזוי ווייט, אז די ריזיגע קארטע פון דעם פוילישען פראָנט, וואס איז דאָרט ארויסגעשטעלט, מאכט דעם איינדרוק פון א פינטעלע. הערליך איז דער דאָזיגער פלאץ פון רויטע פאראדען, פון טרופען־פאראדען, מיליץ־פאראדען, פון פלאמענדע רעדעס און קאמפס־רופען. וועהרענד מען זעהט ווי באוואפענטע מענשען מיט קרומע שווערדען קלעטערען אויף די מויערען פון דעם קרעמל, דערצעהלען די שפּורען פון מאשין־ביקס קוילען וועגען דער שלאכט פון דעם פּראלעטאריאט געגען קאפּיטאל.

אויף דעם פלאץ געגען דעם כינעזישען מויער געהען פאר־ביי טרופּען זינגענדיג. די רויטע פאָהן אויף דעם געוועהר, געהען זיי, די קניע אביסעל איינגעבויגען, מיט שטאָלצער מידקייט און זינגען דאָס ליעד פון דער רויטער פאָהן. זיי געהען פארביי דעם דאָזיגען שרעקליכען מויער, וואו א האלבע ארמיי קאָן זיך פארטיידיגען, פארביי דעם מאָנומענט פון ציגעל־שטיינערנער גע־דולד, געבויט פון מוראשקעס. אזוי זיינען ענטשטאנען די מויערען, וואָס די אידען האָבען אמאָל געמוזט בויען אין מצרים. פיעל בלוט און פיעל שוויס איז פארקנאָטען אין דעם דאָזיגען מויער!

הערליך איז דער טעאטער־פּלאַץ, דער פּלאַץ ארום „גרויסען טעאטער". דאָ איז קאָנצענטרירט דאָס בעאמטען־לעבען און דאָס פארגעניגען־לעבען פון מאָסקווע. דער דאָזיגער פּלאַץ איז די שטיינערנע ראָזעטע פון מאָסקווע, מיט גראָז און בלומען און מיט פיעלע מענשען אויף די ברעגען. אויף דעם דאָזיגען פּלאַץ, לויפען אויטאָמאָבילען, קנאַקען דראָזשקעס און וואנדערען טרופּען — קינדער טרופּען, שילער־טרופּען, סאָלדאטען־טרופּען. שטונדען האָב איך פארבראכט אויף דעם דאָזיגען פּלאַץ, דעם ברייטען שלאַג־אָדער פון מאָסקווע, דעם קאָמפּאָס פון מאָסקווע מיט שטראַלען צו אַלע שטעדטלעך. דאָ האָב איך באַאָבאַכטעט לימאָנאַדפארקויפער, בעטלער, דיסקוטירענדע בורזשוען און עלעגאַנטע פרויען.

ס'איז ניטאָ קיין הערליכערע זאַך אויף דער וועלט ווי די מאָסקווער פּלעצער. ארומגערינגעלט מיט רויטען, ארומגעזוימט מיט גרינעם, פארפלייצט פון זונענליכט, באַשפּרינקעלט פון שאָטענס פון בלעטער פּאַסען זיי אין דאָס גאַנצע לעבען פון דער שטאָדט. אויף די פּלעצער פון מאָסקווע זעהט מען, אז די שטאָדט לעבט נאָך, אז זי קאָן ניט שטאַרבען. אַ שטאָדט, אַ גרויסע שטאָדט, שטאַרבט ניט אין דריי יאָהר צייט. רוים איז אייביג און מאָסקווע איז אומשטערבליך.

דער בולוואַר.

הערשט נאָך אין מאָסקווע אַ טעראָריסטישע דיקטאַטור? ניין. אין מאָסקווע הערשט ניט קיין טעראָריסטישע דיקטאַטור. וואָלט דאָרט געווען אַ טעראָריסטישע דיקטאַטור, דאַן וואָלט דאָרט ניט געווען קיין מאַי־בולוואַר מיט אזאַ לוסטיגען פריהלינגס־לעבען, ווי אין מאַי 1920.

אַ גרינע פארוויילונגס־גאַס, אונטערבראָכען פון פּלעצער און איבערשניידענדע גאַסען, גאַרטעלט דער בולוואַר ארום די גאַנצע אינווענייגסטע שטאָדט. אַמאָל איז ער געווען מעהר באַפּוצט ווי היינט, ער איז געווען, אַזוי צו זאָגען, ראַזירט און געפּודרעט. **אָבער** די בוימער שטעהען נאָך, דער ברווינער וועג לויפט נאָך ארום דער

שטאָדט, די בענק זיינען געבליבען, און אויך דערפרישונגס־הייזלעך. אויב עס גליהען װעניג ליכט אויף דעם בולוואר, גליהט אָבער דאָרט דאָס לעבען.

לעבעדיג װערט אויף דעם בולוואר ארום צעהן אזייגער ביי־נאַכט (מאָסקווער צייט). נישט אזוי לעבעדיג ווי פאר דער רע־וואלוציע, נישט אזוי רוישענדיג, נישט אזוי גלאַנצענדיג, נישט מיט קאָזאקישע אפיצירען אויף דער יאגד, נישט מיט שעהנע קארע־טען, נישט מיט באפערעלטער פארדארבענהייט, ווי פאר דער רע־וואָלוציע. ס'איז נאָך דאָ גענוג בורזשואזעס, נאָך גענוג געמיינ־הייט, נאָך גענוג שיבעניקעס, ספעקולאַנטען און נאָך אזוינע באשע־פענישען. אבער פונקט ווי די מאסקווער גאסען זיינען שוין אר־בייטער גאסען, אזוי איז דער מאָסקווער בולוואר די פארוויילונגס גאס פון דעם פראָלעטאריאט. אפט זעהט מען גאָר קיין פראָלע־טאריאט נישט אויף דער דאזיגער שפאציר גאס, און דאָך איז דאס די שפאציר גאס פאר דעם פראלעטאַריאט. ווייל איצט דולדעט דער פראָלעטאריאט די ספעקולאַנטען און אנדערע פאראזיטען, ווערענד פריהער פלעגען די פאראזיטען דולדען דעם פראָלע־טאריאט.

אויף דעם דאָזיגען בולוואר, אויף דעם דאָזיגען לאנגען, זאַנפט־געדריידעלטען פארוויילונגס־וועג פּלאַצט נישט קיין באָמ־בע, קנאַלט נישט קיין געוועהר און עס בליצט נישט קיין דיק־טאטאָרישער בליק. ס'איז זעהר פרידליך אויף דעם דאָזיגען בול־וואר. פּאָרלאך שפאצירען, רויטע סאָלדאטען וואנדלען. מענשען קומען פון דער ארבייט איבער דעם דאָזיגען שפאציר וועג. מען שפאסט און מען וויצעלט זיך דאָ, מען לייזט פראבלעמען, מען פאַר־טרייבט לינקע געשעפטען און פרויען ווערען געליעבט. פראנק און פריי געהט איצט און שפאצירט דער מאָסקווער בירגער איבער דעם דאָזיגען ברוינען שטאָדט־גארטעל — אליין און אין פאר־לאך, ערנסט און לוסטיג, פארזאָרגט און שטאָלץ.

קיין טומעל און קיין גראָבע באנעהמונג. אין קיין שטאָדט אויף דער וועלט האָב איך נישט געזעהן אויף די שפאציר־וועגען אזא ווירדיגע לוסטיגקייט. אין קיין שטאָדט אין דער וועלט (און איך האָב געזעהן פיעלע שטעדט) האָב איך די פרויען נישט גע־

זעהן אזוי צניעות'דיג (ראָמאַנטיש געררעדט). עס זיינען מעהר נישטאָ קיין פּראָפעסיאָנעלע גאַסען פרויען אין רוסלאַנד. פאַר דער רעוואלוציע זיינען געווען, לויט דער סטאַטיסטיק (וועלכע איז פון אַלע זאַכען אין רוסלאַנד געווען די אונפּאַרלעסליכע) 160 טויזענד פּראָסטיטוטקעס אויף די גאַסען פון מאָסקווע. זיי זיינען פארשוואונדען. כאָטש מען נאָך איינע גיט מען זי אריין אין אַן ארבייטס באַטאַליאָן. באַזייטיגען די פּראָסטיטוציע, אויסנוצען די אומגליקליכע פאר געזונטע געזעלשאַפטליכע צוועקען, פאַר דער ארבייטענדער געזעלשאַפט — דאָס איז א זעלבסטפאַרשטענדליכע פּאָדערונג פון די סאָציאַליסטען. דאָס איז א מענשליכקייטס־פאָדערונג, א געגען־קאַפּיטאַליסטישע פאַדערונג און א געזונדהייטס־פּאָדערונג. די געשלעכט־קראַנקהייטען געהערען (זעה די פּראגראַם פון די באָלשעוויקעס) צו דער קאַטעגאָריע פון סאָציאַלע קראַנקהייטען פונקט ווי שווינדזוכט און שיכרות. די פּראָגראַם פון דער רוסישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, אנגענומען אויף דעם אכטען צוזאַמענפאָהר, פאַדערט אונטער דער רובריק „באַשיצונג פון פאָלקס געזונד", די באַקעמפונג פון סאָציאַלע קראַנקהייטען — שווינדזוכט, געשלעכטס־קראַנקהייטען, שיכרות, א. אז. וו.

ליעבע האָט נישט אויפגעהערט אין רוסלאַנד. זי איז אייביג ווי די דומהייט. אבער די נאַציאָנאַליזאַציע, די קאָמוניזאַציע פון פרויען דורך פּראָסטיטוציע האָט אויפגעהערט. דערמיט האָט די געקויפטע ליעבע נאָך נישט אויסגעהויכט איהר אָטעם. אַזוי שנעל געהט עס נישט צו. אין רוסלאַנד, אין מאָסקווע, ווערט נאָך ליעבע אַלץ געקויפט און פארקויפט. אָבער דאָס איז דער אָנהויב פון סוף פון געקויפטע ליעבע. זי הויבט שוין אָן צו שטאַרבען און זי וועט שטאַרבען. די פּראָסטיטוטקעס האָט מען באַזייגט. אָבער די פארשטעלטע פּראָסטיטוטקעס, באַזונדערס די פארהייראַטע פּראָסטיטוטקעס, קאָן מען אין דריי יאָהר נישט באַזיעגען. אין מאָסקווע הערשט נאָך שווערע נויט, און שווערע נויט ברעכט דעם שטאָלץ פון א פרוי. און עס איז נאָך אַלץ פאַראַן דער סאָציאַלער איבעל פון ליעבעס־פאַרדאָרבענהייט. פרויען האָבען זיך פאַר מיר באַקלאָגט וועגען דעם. זיי האָבען הויך געלויבט די אויפטוען פון דער סאָוועט־רעגירונג אויף דעם דאָזיגען געביט

און האָבען געוואונשען אז די לעבענס־נויט זאָל שנעל פארשווינ־דען און מיט איהר — זיינען זיי געווען זיכער — וועט פאר־שווינדען דער איבעל פון ליעבעס־פארדאָרבענהייט.

וואָלט אין רוסלאַנד נאָך עקזיסטירט די קאָמוניזאציע פון פרויען, ווי אמאָל, דאן וואָלט מען דאָס באמערקט אויף דעם בול־וואר, ווייל אויף דעם טעאטער־פלאץ און אויף דעם בולוואר פלע־גען זיך די קאָמוניזירטע פרויען פארקויפען. דאָס איז שוין פאר־איבער. ווען מען זאָל האסען און פאראורטיילען די סאָוועט־רע־גירונג פאר איהרע סאָציאלע און עקאָנאָמישע אויפטוען מוזען זי אָבער אַלע הומאניטאריער לויבען פאר דעם דאָזיגען אויפטו. דער פרויען־האנדעל האָט אויפגעהערט, די לוסט־שקלאפעריי שטארבט אָפּ, דער שטאָלץ פון די פרויען קומט צו זיך. איך דערצעהל בלויז דאָס, וואָס איך האָב געזעהן. נישט מעהר און נישט ווייניגער. איך מוז דאָס ווידערהאָלען, אַניט קאָן מען מיינען אז איך בין א טענדענץ־פארשפרייטער.

מען וואנדערט, אלזאָ, מען רעדט, לאכט, שפּאסט, קאָקע־טירט אויף דעם מאָסקווער בולוואר און עס פליהען נישט קיין קוילען און קיין באָמבעס, עס גרייפען אייך ניט אָן קיין ברוטאלע הענט — אַלעס איז ווירדיג און רוהיג.

די ערפרישונגס־הייזלעך און די גאָרטען־טישען שטעהען נאָך, און עס זיינען נאָך דאָרט פאראַן בופעטען. מען האָט מיר דער־צעהלט וועגען די פריהערדיגע בופעטען. ס'פלעגען דאָרט זיין וואונדערבארע נאשעריי־בופעטען, מיט מאָסקווער קאָנפעטען, מיט הונדערט פארביגע שנאפסען און עלעגאנטע געטראנקען. דאָס אלעס איז פארשוואונדען. גאנץ מוטיגע הענדלער, וועלכע האָבען קיין מורא נישט פאר דער אויסעראָרדענטליכער קאָמיסיע צו באַ־קעמפען געהיימען האנדעל, פארקויפען זיי זאנפטע משקאות און נאשעריי־געבעקס. ביי די טישלעך זיצען בלישטשענדע בורזשוא־זע פרויען, באהאנגען מיט פערל, מיט טייערע שיך אויף די פיס און מיט בליצענדע רינגען אויף די מאניקורטע הענט. זיי זיצען דאָרט מיט זייערע קאוואלערען (אויך קאוואלערען זיינען נאָך פאַ־ראן אין מאָסקווע) און זופען (עלעגאנטע פרויען, ווי באוואוסט, טרינקען נישט, ווי פּראָלעטאריער, נאָר זיי זופען) מאָקאָ און אייז.

פאר עטליכע טויזענט רובעל — אָבען מען קאָן קריגען. ניטשעוואָ!

דאָ מוז איך געבען מיינע לעזער אַ שטיקעל עצה. טאָמער קומט איינער פון מיינע לעזער קיין מאָסקווע, אין דעם הייסען מאָסקווער זומער, אין דעם פון ים ווייטען מאָסקווער זומער, אין דעם ווייך־אספאַלטיגען מאָסקווער זומער, אין דעם שוויס־טרייבענדען זומער, זאָל ער בייטאָג מיט זיך האָבען אַ טערמאָס פלעשעל מיט קאַלטע טיי. אין אָוועגד אָבער קאָן ער עסען אָדער טרינקען געדיכטע מילך, אייז קאַלטע מילך ביי די בופעטען פון די בולוואר הייזלעך. ס'איז אַ ביסעל טייער, ס'קאָסט 125 רובעל אַ גלאָז מילך. אָבער ער מוז זיך צוויילען, ער מוז נאָך הייגטיגען זומער פאָהרען קיין מאָסקווע, ווייל אַניט וועט די פרייז פארדאָפעלט, פארדרייפאַכט ווערען. דאָס איז אייגענטליך איינס אין דאָס זעלבע, אָבער ס'טרייסעלט אויף די קוואנטיטעטס־אידיאָטען.

ערשט ארום איינס אזייגער ביינאַכט ווערט דער בולוואר לעדיג. יעדען אָוועגד אָבער, ווען דער וועטער איז גוט, איז ער אַ פרעהליכער, ווירדיגער ווירבעל, מיט פארדאָרבענהייטס־פלעקען — דאָס איז אמת — אָבער דאָך אַ צוקונפט פון אַ עהרליכער קולטור.

קליידער.

ווען איך האָב אין 1919 געהאַלטען אַ פארלעזונג אין בערלין וועגען דער פראגע פון סאָציאליזאציע איז מיר אויסגעקומען, צווישען אַנדערע זאכען, צו ריידען וועגען דער קליידונג פראגע. אַ פרוי האָט מיך געפרעגט מיט אַ טאָן פון אַנגסט און שרעק: „וועלען אַלע מענשען זיין גלייך געקליידעט אין דער סאָציאַליסטישער געזעלשאפט?" איך האָב זי בארוהיגט און איהר געזאָגט, אַז אויב זי האָט נישט קיינע אַנדערע אויסזעצונגען געגען דעם סאָציאַליזם, קאָן זי באלד ווערען אַ סאָציאַליסטקע.

אין דער ארט פון קליידונג איז אין מאָסקווע קיין רעוואָלוציע נישט פאָרגעקומען. ס'איז נאָך אין מאָסקווע נישטאָ קיין סאָציאַליזם, נאָר בלויז דער אָנפאַנג פון סאָציאַליזם. און קיין קאָמוניזם איז דאָרט אודאי נישטאָ — ס'איז פאַראַן בלויז אַ קאָמו־

ניסטישע פּארטיי. אָבער אפילו א רעגעלמעסיגע קאָמוניסטישע געזעלשאפט, אזוי צו זאָגען, צייכענט זיך אויך נישט אויס מיט קיין קליידער־רעוואָלוציע. עס קאן אין אזא געזעלשאפט זיין די גרעסטע פארשיעדענארטיגקייט פון קאָלירען און פאסאָנען פון קליידער. פון דעם הענגט נישט אָפּ דאָס גליק פון דער וועלט.

אָלענפאלס איז די רוסישע רעוואָלוציע ביז אהער נישט גע־ווען קיין קליידער־רעוואָלוציע. ס'איז אמת, אז נאָך דער רעוואָ־לוציע איז דער מאַנגעל אין קליידער פיעל פארגרעסערט געווארען, ווייל די ארמעע דארף האָבען אומגעהויער פיעל טוך און עס פעהלען אוים שניידער פאר ציווילע קליידער. לייווענט און געוואנט איז דאָ גענוג. א ביליאָן ארשין איז דאָ פארטיג און 700 מיליאָן ארשין קאן צוגעגרייט ווערען אין א קורצער צייט. אָבער פון דעם געוואנט ביז דעם פארטיגען בגד איז א לאנגער מהלך. דאָס ווייסען באזונדערס די, וואָס האָבען שטודירט מארקס'ען און האָ־בען זיך געבראכען דעם קאָפּ איבער מארקס'עס ווערט־טעאריע. וואָלט דער וועג פון דעם קליידער־שטאָף צום פארטיגען ראָק געווען א קורצער אין רוסלאַנד, וואָלט דאָס גאנצע פאָלק געקאנט טראָגען נייע קליידער.

מען האָט מיר געזאָגט, אז די ארבייטער אין מאָסקווע זיי־נען איצט בעסער געקליידעט ווי פאר דער מלחמה. איך האָב נישט קיין מעגליכקייט צו פארגלייכען, ווייל איך בין פאר דער מלחמה קיינמאָל אין מאָסקווע נישט געווען. איך קאָן אָבער קאָנסטאַטירען דעם פאקט, אז אין מאָסקווע געהען די ארבייטער נישט שלעכט געקליידעט. קיין ארבייטער אין טראנטעס האָב איך נישט געזעהן. די פאבריק־ארבייטער, וואָס איך האָב גע־זעהן, זיינען געווען גוט געקליידעט. איך האָב געזעהן מאסען ארבייטער, ביי מאַס־מיטינגען און אַנדערע ריזיגע פארזאמלונגען. אין טראַנטעס איז קיינער נישט געגאנגען. די פרויען אויך נישט. די ארבייטער־פרוי אין רוסלאַנד טראָגט נאָך אָלץ די באַקאַנטע פאטשיילע אויפ'ן קאָפּ. זי איז זעהר איינפאך געקליידעט, אָבער איהרע קליידער זיינען ריין. אין דעם דאָזיגען הינזיכט האָט די רעוואָלוציע שוין אויפגעטאָן א סך.

אז די מאָסקווער ארבייטער זאָלען נישט זיין געקליידעט אין

טראַנטעס — װעגען דעם זאָרגען שוין די ביוראָס איבער קליידער פאַרטיילונג. פאַר דער מלחמה האָט דער מאָסקװער אַרבייטער פאַר־דיענט דורכשניטליך 79 קאָפּיקעס אַ טאָג. אין דער צייט פון דער מלחמה זיינען זיינע פאַרדיענסטען געשטיגען, אָבער אויך די פרייזען זיינען געשטיגען. די דורכשניטלי:ע פאַרדיענסטען זיינען געװען אַזוי קליין, אַז דער אַרבייטער האָט איבערהויפּט נישט גע־קאָנט טראַכטען װעגען גוטע קליידער, פונקט װי ער האָט נישט גע־קאָנט טראַכטען װעגען אַ װאױנונג, װאָס באַזיצט די מינימאַלע באַקװעמליכקייטען. דער פאַרדיענסט זיינער האָט איהם געקלעקט אויף אַ קעלער־װאױנונג, אויף ביליג ברויט און אויף שנאַפּס. פאַר דער מלחמה האָט מען אין מאָסקװע געצאָהלט אַם װעניגסטען 15 אָדער 20 רובעל אַ חודש פאַר אַ צימער, און פאַר אַ קעלער־װאױנונג אומגעפעהר פון 3 ביז 5 רובעל. זעלטען פלעגט אַן אַר־בייטער פאַרנעהמען אַ צימער אויף אַ זונליכט שטאָק. ער איז געװען צופריעדען װען ער האָט געקאָנט װאױנען אין אַ פאַבריק־קאַזאַרמע. היינט איז פאַר איהם די װאױנונגס־פראַגע געלייזט. ס׳זיינען נאָך פאַראַן פיעלע שװעריגקייטען אויסצושטעהן, אָבער דער אַרבייטער דאַרף זיך שוין מעהר נישט זאָרגען װעגען זיין װאױנונג.

װען מען באַהויפּטעט, אַז דער פּראָלעטאַריאַט האָט די בור־זשואַזיע אַרויסגעװאָרפען פון איהרע דירות, איז דאָס נישט אינ־גאַנצען אמת. אין אַלגעמיין קאָנען די פאַמיליעס פאַרבלייבען אין זייערע װאױנונגען, זיי מוזען אָבער זיך אונטערװאַרפען די װאױ־נונגס־געזעצען און נישט פאַרנעמען מעהר צימערן װי זיי דאַרפען האָבען און זיי זיינען געצװאונגען אַריינצולאָזען קװאַרטיראַנטען אין זייערע ליידיגע צימערען.

אויך די היינטיגע שכירות פון דעם מאָסקװער אַרבייטער װאָלטען איהם נישט ערלויבט צו קויפען אפילו אָפּגעטראָגענע קליידער. ער פאַרדיענט דורכשניטליך פון 6 ביז 7 טויזענד רובל אַ חודש און אויף דעם פרייען מאַרק קאָסט אַן אנצוג פון 50 ביז 60 טויזענט רובל. דער אַרבייטער איז אינגאַנצען אָפּהענגיג פון דער רעגירונגס־פאַרטיילונג פון קליידער. די אַרבייטער קליידער װערען אויפגעמאַכט אין די טויזענדער נאָך פאַרטיגע מוסטערס.

אין די סאָוועט קראָמען זיינען די דאָזיגע קליידער זעהר ביליג. אָבער איידער מען דערשלאָגט זיך צו אַן אנצוג מוז מען דורכגעהן דורך עטליכע אינסטאנצען, און אז מען קומט בשלום צוריק, קריגט מען נישט דעם אנצוג באַלד. פרויען סאָוועט־אָנגעשטעלטע האָבען זיך פאר מיר באקלאָגט אויף דעם מאנגעל אין קליידער, און מיינע איבערזעצערינס האָבען מיך געבעטען איך זאָל זיי נישט געבען קיין געלט, נאָר קליידער. זיי האָבען פון מיינע שלאָף־אַנצוגען, כ'בעט אייך איבער אייער כבוד, פאר זיך געמאַכט קאָפּטעטשקעס. אויך פעהלען אין מאָסקווע זאָקען. אַן איבערזעצערין האָט מיר דערצעהלט, אַז זי איז געווען געצוואונגען פון צוויי צוריסענע זאָקען צוזאמענשטוקעווען איין זאָק. די מאָסקווער פרויען פארמאָגען אויסערגעווענליכע גאַרדעראָבען. מעהרסטע פרויען נייען זייערע אייגענע קליידער און אָפּט — אויך זייערע שיך. געוואנטענע שיך זיינען אַ געוועהנליכע זאך אין מאָסקווע, דעם שוסטער'ס ראָל איז בלויז צוצונייען די זוילען — דאָס איבעריגע טוען די שיך טרעגערינס אליין.

דער מאנגעל אין זאָקען און פארבען האָט מיט זיך געבראַכט העכסט אייגענאַרטיגע מאָדעס. פיעלע פרויען טראָגען ווייסע זאָקען, וואָס דערגרייכען בלויז צו די ראַנדען פון די שיך — די איבעריגע טייל פון פוס איז נאַקעט. די דאָזיגע נאַקעטקייט קימערט קיינעם נישט אין מאָסקווע, ווערט נישט באַטראַכט אַלס אומאַנשטענדיג און רופט נישט ארויס קיין געשלעכטליכע אויפרעגונג. צום ערשטען האָב איך זאגאַר געדענקט, אַז דאָס איז אַן אַלטער מנהג אין רוסלאַנד, צו מאַכען זיך באַקוועם אין די זומערדיגע היצען. שפּעטער האָב איך אָבער אויסגעפונען, אַז די אורזאך איז דער מאנגעל אין זאָקען.

קיין קליידונגס־עלענד האָב איך אין מאָסקווע נישט באַגעגענט. נאַטירליך ,זיינען אין מאָסקווע, ווי אין אנדערע גרויסע שטעדט, פאַראַן בעטלער און אָפּגעריסענע, פארטראַנטעוועטע מענשען, אָבער קיין טראַנטע שטאָדט איז מאָסקווע נישט. עס שטעלט זיך די פראַגע: ווי אַזוי קאָן מאָסקווע — אַ שטאָדט, וואָס פארמאָגט נאָך אַ מיליאָן און אַ האַלב איינוואוינער, באַזאָרגען קליידער פאר אַלעמען? די מאָסקווער איינוואוינער קאָנען אַליין נישט

געבען קיין ענטפער אויף דער דאָזיגער פראַגע. דאָס לעבען העלפט זיך, זאָגען זיי. פּונקט ווי מאָסקווע ערנעהרט זיך, און קענטיג ער־נעהרט זי זיך גאַנץ גוט, פּונקט אַזוי באַקליידעט זי זיך.

אין מאָסקווע געפינט מען נאָך אַלץ אַ קליידער־שופלאָד, מען געפינט דאָרט נאָך אַלץ קליידער־נאַכלעסיגקייט, קליידער־איינפּאַכ־קייט און קליידער־לוקסוס. מען קאָן נאָך אַלץ זעהן ראַש־געקליי־דעטע פרויען אין די טעאַטערען, עס שמעקט נאָך אַלץ פון די פּאַר־פיומירטע זיידענע קאָפּטאָטשקעס, עס טאַנצען נאָך אַלץ פרויען אין רייכע עלעגאַנט־אויפגענעהטע קליידער. אָבער מען זעהט אויך אָרים־געקליידעטע, נאַכלעסיג־געקליידעטע, און אַזוינע, וואָס באַ־נוגענען זיך מיט דעם וואָס זיי קאָנען באַקומען און זוכען נישט צו קויפען קליידער הינטער אַרום. איך האָב געזעהן אידעאַלע הויזען־לעבער, אידעאַלע אָפּגעריבענע רעק און אידעאַלע צוריסענע שיך, פון וועלכע עס קוקען אַרויס אידעאַלע הינעראויגען.

וועגען שוכוואַרג. אַזוי פיעל עלעגאַנטע שוכוואַרג, מענער־שטיוועל ביז צו די ליטקעס און באַזונדערס עלעגאַנטע פרויען שיך נישט אין גאַנצען ביז צו די ליטקעס — אַזוי פיעל עלעגאַנטע שטי־וועל און שיך ווי אין מאָסקווע, האָב איך אין קיין אַנדער שטאָדט נישט געזעהן. ס'איז נאָך אין רוסלאַנד פאַראַן אַ סך אויבער־לעדער (איך גלויב אַז מען קאָן פון רוסלאַנד זאָגאַר אַרויספיהרען אויבער־לעדער), אָבער עס פעהלט פּאָדעשווע־לעדער, און דאָך זיי־נען אַלע שיך געזוילט. איך האָב געזעהן ענציקענדע קירגיזען־שטיוועל, וואָס פרויען האָבען געטראָגען. איך האָב געזעהן הויכע שיך, נידעריגע שיך, האַלבע שיך, קײלעכדיגע פּאַנטאָפלען, לאַקיר־טע שיך, ראָזעטירטע שיך, שיך מיט בענדער און לענטעס. די מאָסקווער פרויען קאָנען זיך נישט באַקלאָגען אויף דעם מאַנגעל אין שיך. אָפיציעל גערעדט, הערשט אַ שווערער מאַנגעל אין שיך, אָבער אומאָפיציעל געהען אַלע אין גוטע שיך. אַלענפאַלס איז דאָס געוועזען אַזוי, ווען איך בין געוועזען אין מאָסקווע. ס'איז זעלבסט־פאַרשטענדליך, אַז עס זיינען פאַראַן אויסנאַמען.. איך האָב געזעהן פאַרשיידענע אוממעגליכקייטען אין שוכוואַרג, אָבער צודרעהטע, צוריסענע שיך האָב איך געזעהן פּונקט אַזוי ווענינ ווי צוריסענע קליידער און טראַנטעס.

בעטלער.

מען דענקט אַז אין אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאפט קענען ניט זיין קיין בעטלער. אין סאָוועט רוסלאנד, דענקט מען דעריבער, זיינען קיין בעטלער נישטאָ. אָבער סאָוועט רוסלאנד, דאָס פאָלק פון סאָוועט־רוסלאנד, איז נאָך נישט קיין סאָציאַליסטישע געזעלשאפט. די רוסישע קאָמוניסטישע פארטיי האָט באזייטיגט דאָס פריוואט אייגענטום אויף פראָדוקציאָנס־מיטלען און דערמיט צוגעגרייט דעם ווּאָג פאר דעם סאָציאַליזם. אָבער פון דאנען ביז דעם דוּרכגעפיהרטען סאָציאַליזם איז נאָך אַ גאנץ ווייטע שטרעקע. און דעריבער פונקציאָנירט נאָך נישט די סאָציאַלע פארזיכערונג אזוי ווי זי וואָלט באדארפט פונקציאָנירען, און אפילו ווען זי זאל יאָ פונקציאָנירען ווי עז באדארף צו זיין, וואָלטען נאָך אין מאָסקווע אַלץ געווען בעטלער. ווייל מען בעטעלט נישט נאָר אוים נויט, נאָר אויך אוים פוילקייט. ס'זיינען אין מאָסקווע פאראַן בעטלער פאמיליען, וועלכע ירשנ'ען די בעטלער־פראָפעסיע צוזאמען מיט דעם בעטעל־פלאץ, פונקט ווי ס'זיינען פאראן אין פאריז פאמיליען, וועלכע גיבען איבער בירושה די פינאנץ־פראָפעסיע מיט דעם בירזשע־פלאץ. עס זיינען דאָרט דאָ פארמעגליכע בעטלער־פאמיליען, עס זיינען דאָ בעטלער־דינאַסטיען, בעטלער־פרינצען, בעטלער־קעניגע. בעטלען איז נאָך אלעמען אין פיעלע פאלען אַ גוט געשעפט, און אַזוי לאנג ווי געשעפטען, וואָס טראָגען אריין אַ סך ריוח זיינען נאָך נישט אינגאנצען אָפּגעשאפט, מוז בעטלעריי פארבלייבען צווישען זיי. פאר דער אָקטאָבער רעוואָלוציע האָט רוסלאנד גאָרנישט געהאט קיין סאָציאַלע פּאָליטיק אין דעם זין פון באזאָרגען די נויטבאדירפטיגע פון דער געזעלשאפט. ס'איז נישט קיין קלייניגקייט אין רוסלאנד אַזאַ פּאָליטיק אָנצופיהרען. אין דער פראָגראם פון דער רוסישער קאָמוניסטישער פארטיי געפינט זיך אַ פונקט, וואָס לויטעט, אז „די סאָוועט רעגירונג האָט דורכגעפיהרט געזעצגעבונג, וואס גאראַנטירט סאציאַלע פארזיכערונג פאר אַלע ארבייטער וואָס עקספּלואטירען נישט די ארבייט פון אַנדערע, אין פאַל זיי פארלירען זייער ארבייטס־פעהיגקייט אָדער זיי קאָנען נישט קריגען קיין באשעפטיגונג". דאָס איז גאנץ גוט

און וואויל, אָבער די סאָציאַלע פאַרזיכערונג איז נאָך ווייט נישט גענוגענד, ווייל מען קאָן די נויטבאַדירפטיגע פשוט נישט באַזאָרגען ווי עס באַדאַרף צו זיין. מען וועט זיי אין דער צוקונפט באַזאָרגען אַזוי ווי ס'איז באַשלאָסען געוואָרען, אָבער דערווייל קאָן דאָס נאָך נישט געטאָן ווערען. און אפילו ווען מען זאָל דאָס יא קאָנען טאָן, וואָלטען נאָך די בעטלער אַלע נישט פאַרשווינדען.

די מאָסקווער בעטלער זיינען נישט ווי די בעטלער אין אַנדערע שטעדט, יעדענפאַלס נישט ווי אין די מערב־אייראָפּעאישע שטעדט. דאָס זיינען בעטלער מיט האַלב־אַזיאַטישען געדולד; פאָסטען־בעטלער, וועלכע רירען זיך נישט פון זייער אָרט, זייער פאָסטען; בעטלער, וואָס האָבען אַ באַשטימטען קורצען וועג, אויף וועלכען זיי געהען הין און צוריק פון אין דער פריה ביז ביינאַכט; בעטלער, וואָס בויגען אָן דעם קאָפּ פאַר יעדען פאַרבייגעהענדען; רעליגיעזע בעטלער, וואָס האַלטען זיך אין איין צלם'ען; בעטלער, וואָס מורמלען פון אין דער פריה ביז ביינאַכט.

איהר זיצט אויף דעם טעאַטער פּלאַץ אין מאָסקווע. אַ בעטלער געהט פאַרביי. אַ גרויס־געבויטער מאַן, עטוואָס איינגעבויגען, מיט אַ לאַנגער, גרויער באָרד. דער ראָק זיינער איז אָפּגעטראָגען, צוריסען, אויף די פיס — וואַלענקעס אדער איין וואַלענקע און איין צולעכערטער שוך. די רעכטע האַנט פעהלט ביי איהם, און דער אַרבעל הענגט אַ לעדיגער. אַזוי גיך ווי ער קומט צו צו אייער באַנק, הויבט ער אָן מורמלען, פאַרקאַטשעט דעם ליידיגען אַרבעל און שטרעקט אויס דעם איבערגעבליבענעם טייל פון אָרעם — אַלס באַווייז. איהר דענקט, אַז אויף היינט זענט איהר שוין פון איהם פּטור. אָבער איהר האָט אַ טעות. אין אַ פערטעל שעה אַרום קומט ער צוריק און מאַכט דורך די זעלביגע בעטלער מאַנעוורען. ער זידעלט אייך נישט, ער צייגט נישט אַרום קיין אומגעדולד, ווען איהר גיט איהם גאָרנישט. ער קומט צוריק אַלע פערטעל שעה און ער ווייסט גאַנץ גוט אַז סוף כל סוף וועט איהר איהם נאָך עפּעס געבען, אָדער אַז ער וועט טרעפען אימיצען אַנדערש אויף דער באַנק.

אויף דעם בולוואַר נעבען דער הויפּט פּאָסט שטעהט אַ פרוי מיט אַן אָראָפּגעלאָזטען קאָפּ. אנטקעגען געפינט זיך אַ קירכע מיט

א גרינעם קופאָל. זי ציהט עפּעס א ניגון, זי פארנייגט זיך אַהן אויפהער, ווי אן אויטאָמאט. איהר דענקט, אז זי איז מתפּלל צו גאָט, און אפשר בעט זי טאקי גאָט, אז די פארבייגעהער זאָלען געבען מיט א ברייטער האנט. יעדענפאלס איז גאָט בעטען און בעטלען איינס און דאָס זעלבע ביי איהר. זי שטעהט שטונדען לאַנג אויף דעם זעלבען פּלאץ, באוועגט לאנגזאם דעם אַראָפּגע־לאָזטען קאָפּ און שטרעקט אויס מעכאניש די האנט. פיעלע געהען פארביי און געבען איהר גאָרנישט, אָבער פון דעם ריזיגען מענשען שטראָם שטעלען זיך אייניגע אָפּ און געבען איהר א נדבה.

פאר דער איווערסקער מאדאָנע, ביים צוגאנג צום רויטען פּלאץ, שטעהען פרויען און שאָקלען מאַנאַטאַן מיט דעם קאָפּ. פרויען מיט אויסגעשטרעקטע הענט — בעטלערינס. קלייבען זיך אָן עטליכע רובעל בילעטען אין דער האנט — — וווערען זיי באלד פארשוואונדען אין דער קעשענע. אָבער א פּאָר רובעל פּאפּירלאך זיינען אלעמאָל אין דער אויסגעשטרעקטער האנט, דאָס איז די „פרימאנקע”, דער רחמנות־וועקער. די דאָזיגע רובל פּאפּירלאך זאָגען: זעהט, ס'זיינען נאָך דאָ גוטע מענשען אויף דער וועלט! וועט איהר דען אויך נישט זיין גוט צו אונז? מיך האָבען די דאָזיגע רובל פּאפּירלאך אלע מאָל געפּאקט, כאָטש מיין שטענדיגער באַ־גלייטער האָט זיי קיין אויפמערקזאמקייט נישט געשענקט. ער איז געווען אַן איבערצייגטער, און די איבערצייגטע געבען צו מאָסקווער בעטלער קיין נדבות נים. בעטלעריי דארף אויסגעראָ־טען ווערען. וואָס מעהר מען גיט די בעטלער, אלץ מעהר בעטלען זיי, און זיי ארבייטען נישט אפילו ווען זיי זיינען פעהיג דערצו. מיר איז די דאָזיגע טעאָריע געווען באקאנט נאָך אויף דער אוני־ווערסיטעט באנק. איך האָב זי נאָך זינט דאן געפּרעדיגט, פּרעדיג זי נאָך היינט, און דאָך זינדיג איך געגען מיינע גרונטאָווגע אי־בערצייגונגען. מען טאָר נישט זינדיגען געגען אייגענע איבער־צייגונגען. ווען איהר קומט קיין מאָסקווע, פּראָוווט גיט די בעטלער גאָרנישט.

אויך בעטעלט מען נאָך אויף א „ווירדיגען” אופן. ס'איז נאָך אין מאָסקווע אויך פאראן געזעלשאפטליכע שנאָרעריי. מיי־סטענטיילס איז דאָס א שנאָרעריי נישט אויס נויט נאָר אויס

פוילענצעריי. צו אונטערשטיצן די ארבייטס־ווייליגע, וועמען די נויט האָט געטראָפן — דאָס מיינט נישט צו אונטערשטיצן בעטלער. דאָס איז די פליכט פון יעדן איינעם. אויב די געזעל־שאפט קאָן נאָך נישט ערנעהרען די מענשען, אויב זי קאָן זיי נישט באזאָרגען מיט קליידער און וואוינונגען, דאן מוזען די מיטמענשען זיי העלפען. ווייל די געזעלשאפט, אויך די סאָציאליסטישע אָנ־פאנג־געזעלשאפט איז אַ הארצלאָזע חיה. אָבער די „ווירדיגע „שנאָרעריי" איז די עקעלהאפטסטע פאָרם פון בעטלען, דאָס איז אַ בעטלעריי פון פוילענצער, אַ ספעקולאציע מיט ווייכע רחמנות־געפיהלען. מען דארף אזוינע בעטלער צום טייוועל פאריאָגען, אפילו ווען זיי קומען מיט בריליאַנטען אויף די פינגער. און אָפטמאָל טראָגען זיי בריליאַנטען — זיי קענען זיך דאָס פארגינען.

עס זיינען אין מאָסקווע אויך פאראַן בעטלער אויס איבער־צייגונג, שטאָלצע בעטלער, מענשען, וואָס האָבען אלצדינג פאר־לאָרען, וואָס באזיצען גאָרנישט און ווילען זיך נישט צופאסען צו דער נייער אָרדנונג. צווישען זיי געפינט מען מענשען, וואָס האָ־בען אַמאָל „געשפיעלט אַ ראָל".

איינמאָל אַ פארנאכט האָב איך געבען אַ ציכטיגען הויז אויף דעם בולוואר געזעהן אַ הויך־געבויגען אלטען מיליטער־מאַן. ער האָט אפגעשטעלט פרויען און מענער און בלויז אזוינע, וואָס זיינען געווען גוט געקליידעט. איך האָב וועגען איהם נאָכגעפרעגט און האָב אויסגעפונען, אז ער איז געווען אַ גענעראַל אונטער׳ן צאַר און אז איצט איז ער אַ בעטלער. יעדער איינער, וועמען ער האָט אָפגעשטעלט, האָט איהם געגעבען אַ נדבה און אַ גאַנץ היבשע דערצו. מיט עטליכע וואָכען שפעטער האָב איך דעם דאָזיגען מאַן געזעהן אויף דעם טעאַטער פלאַץ. ווידער אַמאָל האָט ער זיך געווענדט צו גוט געקליידעטע דאַמען און מענער. ער האָט צו זיי נישט גערעדט ווי אַן אָראָפגעפאלענער, ער האָט נישט געבעטעלט נאָר גערעדט צו זיי ווי צו גוטע באַקאַנטע. ער האָט געבעטעלט מיט דעם זעלבען טאָן ווי מען זאָגט גוט־מאָרגען צו אַן אַלטען פריינד. ער האָט גענומען די נדבות, אזוי ווי מען וואָלט איהם אָפגעצאָהלט אַ חוב, און געגעבען האָבען איהם אַלע. און כאָטש איך האָב געזעהן, אז ער בעטעלט, האָב איך דאָך אויף איהם נישט

געקענט קוקען מיט דער פּאַראַכטונג, מיט וועלכער איך האָב באַטראַכט די פּראָפעסיאָנעלע שנאָרער און ליידיגגעהער. ער האָט געבעטעלט אויס שטאָלץ, אויס איבערצייגונג, צוליעב אַן אידעע. פיעלע צאַרען־גענעראַלען האָבען זיך געשטעלט צו דער דיענסט פון דער סאָוועט רעגירונג. אַן דער שפּיץ פון זיי — גענעראַל ברוסילאָוו, וועלכער איז געוואָרען אַ מין פעלקס־גענעראַל. איך גלויב, אַז זיי זיינען אַריבערגעגאַנגען צו דער דיענסט פון דער סאָוועט רעגירונג אויס איבערצייגונג, אויב נישט אויס קאָמוניסטישער איבערצייגונג איז עס אויס פּאַטריאָטישער, ווייל זיי גלויבען, אַז די רוסישע קאָמוניסטען וועלען רעטען רוסלאַנד. אבער דער דאָזיגער גענעראַל האָט זיך נישט געשטעלט צו דער דיענסט פון דער נייער אָרדנונג, ער איז ליבערשט געוואָרען אַ בעטלער.

איך האָב נישט ליעב מענשען, וואָס שטעלען זיך פּלוצים „אויף דעם באָדען פון דער פּאַקטישער לאַגע”. איך האָב זיי נישט ליעב — די מענשען מיט אַ דרעה־פּלאַטפאָרם אין האַרצען. איך וויים, וואָס מען קאָן זאָגען געגען דעם אַלטען גענעראַל. אָבער ער האָט ביי מיר אַרויסגערופען אַ געפיהל פון רעספּעקט.

קירכען

פערציג מאָל פערציג קירכען האָט מאָסקווע. פערציג מאָל פערציג, זאָגט דער רוס, ווען ער וויל אויסדריקען די גרויסע צאָהל, די גוואַלדיגקייט, די פּרעכטיגקייט, דעם ווירבעל פון די מאָסקווער קירכען. איך וויים נישט וויפיעל קירכען און קאַפּעלען מאָסקווע פאַרמאָגט. פיליייכט האָט זי מעהר ווי 1600, און פיליייכט ווענינער. דאָס איז אייגענטליך נישט וויכטיג. יעדער איינער, וואָס איז געוועזען אין מאָסקווע, ווייסט אַז דאָס איז אַ שטאָדט פון קירכען און קופּאָלען, אַ שטאָדט מיט קופּאָלען, מיט שפּיציגע צלמים, מיט טויזענטער גלעקער, מיט הונדערטע טויזענטער בעטענדע מענער און פרויען, מיט צעהן טויזענט אָדער מעהר גלחים.

דאָס איז נאָך היינט צו טאָג אַזוי. די קירכען און קאַפּעלען שטעהען נאָך. אייניגע פון זיי זיינען אַביסעל באַשעדיגט פון וועטער, און זייערע פּאַסאַדען זיינען אַביסעל אָפּגעשלאָגען. מען

גיט אויף זיי היינט נישט אכטונג אזוי ווי אין דער צייט ווען זיי זיינען געווען אונטער דער השגחה פון דעם פּראוואָסלאַוונעם צאַ־ריזם. פון דרויסען האָט זיי די רעוואָלוציע עטוואָס באשעדיגט. אָבער זיי שטעהען נאָך. זיי שטעהען נאָך און ניט פיעלע פון זיי זיינען געשלאָסען. אויף אלע ווינקלען שטעהען זיי, אין הויפען שטעהען זיי, אויף קופּעס שטיינער, אויף די פּלעצער, אין די קלויסטער־מויערען — —איבעראל שטעהען די קירכען און די קאפּעלען. זייערע גלעקער קלינגען נאָך פאר און נאָך גאָטעס־דיענסט, אויף אייניגע זיצען און שטעהען פרומע, ווי אויף די דע־כער פון די מינארעטען, האלב־אַזיאטיש, רוהיג און זאָרגלאָז.

איך האָב געזעהן קירכען און קאפּעלען אין וועלכע מען איז מתפּלל א גאנצען טאָג. עס קומען נאָך פאָר רעליגיעזע פּראָצע־סיעס מיט די הייליגע פאָהנען, מיט די „כארוגוועס“. עס זיינען נאָך דאָ קירכען, וואו דער עולם בעט די הייליגע בילדער אום א נס. עס זיינען נאָך דאָ בילדער אין ראמען באדעקט מיט גאָלד און באַ־זעצט מיט טייערע שטיינער. מען ווייס נישט גענוי ווער עס האלט אויף די קירכען און די גלחים. אָבער זיי ווערען אויפגעהאל־טען, כאָטש דער שטאאט וויל מיט זיי מעהר נישט האָבען צו טאָן.

דער שטאאט באנוגענט זיך אפילו נישט מיט דעם וואָס די קירכע איז פון איהם אָפּגעטיילט און מיט דעם וואָס די שול איז אָפּגעטיילט פון דער קירכע און שטרעבט „פאָלשטענדיג צו צו־שטערען דעם בונד צווישען דעם עקספּלואטירענדען קלאס און דער אָרגאניזירטער רעליגיעזער פּראָפּאגאנדע דורך א ברייט אָרגאניזיר־טער, ווויסענשאפטליך אויפקלעהרענדער אנטי־רעליגיעזער פּראָפּאַ־גאנדע פאקטיש צו באפרייען די ארבייטער־מאסען פון רעליגיעזע פאָראורטיילען. דערביי מוז מען פארמיידען צו פארלעצען די רע־ליגיעזע געפיהלען פון די גלויביגע, ווייל דאָס וועט נאָר פיהרען צו דער באפעסטיגונג פון רעליגיעזען פאנאטיזם“. ס׳איז, הייסט עס, נישט בלויז טאָלעראנץ, נאָר א קאמף. ניט נאָר טיילט זיך דער שטאאט אָפּ פון דער קירכע נאָר ער באקעמפט זי. אָבער די מאָסקווער קירכען קימערען זיך ווייזט אויס זעהר ווייניג וועגען דעם דאָזיגען קאמף, וועגען די אויפקלעהרונגס־פּלאקאטען, די אָנגריפען נעגען דעם אלטען פארדארבענעם פּאָפּיזם, נעגען וועלכען עס

האָבען שוין געקעמפט פיעלע רוסען נאָך פאר דער רעוואָלוציע. לעוו טאָלסטאָי איז געווען דער גרעסטער באַקעמפער פון דעם פּאָפּיזם.

איך האָב שוין פריהער דערמאָנט די קאפּעלע פון דער איווערסקער מאדאָנאַ פאר דעם רויטען פּלאַץ. דאָרט לייכטען, גלימערען און בליסטשען די אָנגעצונדענע ליכט, די מיט גאָלד באַדעקטע בילדער און די טייערע שטיינער, און א גאַנצען טאָג איז מען דאָרט מתפּלל. אָפט בין איך געשטאַנען פאר דער דאָזיגער קאַפּעלע און געקוקט אויף די רייהען בעטלערינס און אויף די פאַרבייגעהער ווי זיי שטעלען זיך אָפּ און צלם'ען זיך. מעהר ווי נעבען אַנדערע קירכען צלם'ט מען זיך אין מאָסקווע נעבען דער איווערסקער קאפּעלע, אָבער מען צלם'ט זיך נעבען יעדער קירכע. דער פאַרבייגעהער שטעלט זיך אָפּ, מורמעלט עפּעס, צלם'ט זיך איבער און געהט ווייטער. די רעוואלוציע האָט ניט געטויטעט די קירכע. און זיכער זיינען אין מאָסקווע פאַראַן א סך מענשען וועלכע גלויבען, אַז די קירכע וועט איבערלעבען די רעוואָלוציע. די גלחים, די פּאָפּען געהען נישט ארום מיט זיכערהייט און זעלבסט־באַוואוסטזיין, זיי געהען נישט איבער די גאַסען ווי הערשער, אָבער זיי געהען אומגעשטערט. איך האָב געזעהן שמייכלענדע גלחים, איך האָב געזעהן גלחים בעטלער, גלחים שווינדלער, פּריסטער ווי די פראַנצויזישע ראָמאַנען־שרייבער שילדערען זיי. איך האָב געזעהן דעם ראַספּוטין־טיפּ.

וואונדערבאַר איז די „גרויסע קירכע“ מיט דעם ברייטען העלען קופּאָל וואָס בליסטשעט און ברענט ווי א העלע מאַסע פייער בעת די זון זעצט זיך. זי שטעהט פריי און מאַיעסטעטיש אין מיטען פון אַ ליעבליכען לאַנדשאַפט און מאַכט אויף דעם צושויער אַ גוואַלדיגען איינדרוק. דאָס איז אַ וואונדערליכע קירכע, א באַגייסטערנדע קירכע אפילו פאר די וואָס גלויבען נישט אין דעם גאָט איהרען. געהט זעהן די דאָזיגע קירכע. איהר וועט זי באַלד געפינען ווען איהר געהט פאַרביי די קרעמעל־מויערען אין אַ זומער פאַרנאַכט, ווען דער הימעל גליהט, ווען דער הימעל איז פיעלפאַרביג, אין אַ הייסען מאָסקווער זומער פאַרנאַכט, ווען דאָס האַרץ קלאַפּט האַסטיג און איז דאָך רוהיג.

אָבער דער וואונדער, דער אמת׳ער וואונדער איז די וואסילי קירכע, דער וואסיליעווסקי סאָבאָר. ס׳איז גאר נישט קיין קירכע, ס׳איז אַ פאנטאזיע, אַ קופּאָל־מאָזאאיק, אַ צויבער־מעשה׳לע, אַ פארבען־פארשווענדונג, אַ פארבען־ערפינדונג. ס׳גלויבט זיך קוים אז אן ארכיטעקט, אז אַ מענש האָט געקאנט אזא טרוים אויפבויען. זי איז קיינמאָל נישט די זעלבע, אין דער פריה זעהט זי אוים אנדערש ווי פארנאכט, בייטאָג אנדערש ווי אין דער פריה. קומט איהר אָן פון דעם מאסקווער בריק, קוקט זי אוים ווי אַ שיף מיט פאָנטאסטישע בונטע מאסטען. קומט איהר אָן פון דעם רויטען פלאץ, קוקט זי אוים ווי אַ שטאָדט געבויט פון שפּיעל־צייג שטיינער. זי האָט די שעהנסטע, פּרעכטיגסטע פענסטערלעך. איהרע ארנאמענטאלע ארכיטעקטור באזיצט דעם צויבער און רייץ פון אלטערטום. זי האָט איבערהויפּט קיין סימעטריע נישט, און דאָך איז זי אן ארגאניזם. זי זעהט אוים ווי געבויט פון באזונדערע שטיקער, און דאָך איז זי צוזאמענגעשמאָלצען. אמאָל איז זי גרויס און אַ מאָל איז זי קליין. זי איז אַ נשמה־פארפיהרערין, אַ מכשפה, אַ צויבערענדער שרעק, אַ וואונדער־מעשה. זי איז דאס וואונדער־בארסטע, וואָס איך האָב וועז עס איז געזעהן. קיינער האָט זי נישט באזוכט, ווען איך בין געווען אין מאָסקווע. אַן אלטער בוי־עשאַ־פאָט האָט ארומגערינגעלט אייעם פון איהרע טורעמס. איך האָב זי פון אינווייניג נישט געזעהן און דאָך — יאָ געזעהן, ווייל איך האָב זי געזעהן פון דרויסען. זי איז אַן עפּיק און קליין ליריש געדיכט, זאַ איז אַ באלאדע און אַ קליינע רייצענדע ערצעהלונג, זי איז אַ מוטער און אַ פּרעכטיגע יונגע מיידעל, זי איז אלצדינג וואס דאס הארץ וויל. ווילט איהר נישט פאהרען נאָך מאָסקווע צו באטראכ־טען דעם אנהויב פון סאציאליזם, דאן פאהרט קיין מאָסקווע צו זעהן די וואסילי קירכע.

מען דערצעהלט, אַז אַן ארכיטעקט פון איוואן דעם שרעקליכען האָט זי געבויט, און דער שרעקליכער האָט דעם ארכיטעקט געטויטעט, כדי ער זאָל נישט קאנען בויען אַ צווייטע קירכע פון דעם זעלבען וואונדער פּראכט. אזוי האָט מען מיר דערצעהלט. איך ווייס נישט, צי דאס איז אמת, אבער מעגליך איז דאָס.

דער גרויסער טעאטער.

ווען די ענגלישע מיסיע איז אנגעקומען קיין מאסקווע האָב איך פון דער ביורא פון דריטען אינטערנאציאָנאל ערהאלטען אן איינלאדונג צו אן אפערא פאָרשטעלונג מיט באלעט אין גרויסען טעאטער. מען האָט געגעבען די אפערא „פירסט איגאָר" און מען האָט די מוזיק שטארק געלויבט. אלע מיינע פריינד זאגען, אז איך בין נישט קיין מבין אויף אָפערא־מוזיק, ווייל איך האָב פיינט אפערא, און איך מאך פון דעם פאר מיינע פריינד קיין סוד נישט. איך קאן נישט פארשטעהן, ווי אזוי די אפערא־געניסער קאנען צו דער זעלבער צייט זעהן און הערען. איך קאן אדער זעהן אדער הערען. ס'איז פאר מיר אוממעגליך צו זעהן א דראמאטישע האנד־לונג און צו דער זעלבער צייט זיך צוהערען צום ארקעסטער. בלויז איין אָפערא רייסט מיך מיט מיט איהר מוזיק אזוי, אז איך קאָן זאָגאר פארטראגען די האנדלונג: קארמען. לייענט טאָלסטאָי'ס קריטיק איבער וואגנער'ס רהיינגאָלד. דאָס איז אין גאנצען מיין קריטיק.

אין קורצען, די אָפערא „פירסט איגאָר" האָט מיך לחלוטין נישט אינטערעסירט. מיך האָט צוגעצויגען דאס פובליקום פון טעאטער, א ניי פובליקום. אין די זעקס ריזיגע „באלקאָנים" זיינען געווען א סך פראלעטאריער. אין דעם פארקעט (אָרקעסטער) מייס־טענס ארבייטער; אין די לאָזשעס (באקסעס) פיעלע ארבייטער, רויטע סאלדאטען צווישען זיי. סאוועט־סעקרעטארען און סעקרע־טארינען, סאוועט־באאמטע — מענער און פרויען. דער טעאטער באזוכער מוז זיין ארגאניזירט, אז ניט באקומט ער נישט קיין בי־לעט. בילעטען ווערען, צום ביישפיעל, פארטיילט פון די יוניאָנס. אלענפאלס זיינען נאָך נישט אלע טעאטערען אין מאָסקווע שטאאט־טעאטערען אדער פאלקס־טעאטערען. דער טעאטער קאָרש, צום ביישפיעל, אין וועלכען איך האָב געזעהן א שווידערהאפטע מאָראלע פיעסע, איז נאָך א פריוואט־טעאטער. די איינפלוס פון דעם פראָ־לעקולט באמערקט מען גאָר נישט אין דעם דאָזיגען טעאטער, אויך נישט אין דעם גרויסען טעאטער, וועמעס ביהנע ארבייט דורכ־אויס מיט אלטע מיטלען. אויך דאָ איז נאָך נישטאָ קיין פראלע־

קולט, כאָטש מעהרסטע פון די באַזוכער זיינען פּראָלעטאַריער. פון נייער קונסט, פון פאָלקס־קונסט, פון סאָציאַליסטישער קונסט איז נאָך דאָ דערוויייל קיין סימן נישט צו זעהן.

אבער דאָס פּובליקום, דאָס פּובליקום. איינמאָל איז עס באַשטאַנען פון בלויז קינדער, פּראָלעטאַרישע קינדער, טויזענדער קינדער, וויים־געקליידעטע קינדער פון אונטען ביז אַרויף. קינדער ערשטוינונג, קינדער פליסטערען און קינדער אַפּלאָדיסמענטען. דאָ איז געווען אַ נייע וועלט. דאָ איז געווען אַ וואַקסענדע צוקונפט, דאָ איז געווען פייער און ברענען, דאָ איז געווען די גאַנצע האָפנונג פון רוסלאַנד.

אַן אַנדערס מאָל איז עס באַשטאַנען פון אַרבייטער און סאָלדאַטען. אַלע מאָל אבער איז דאָס פּובליקום געווען פון אונטען געבויט, אַלע מאָל — פּראָלעטאַריער־מענער, פרויען, קינדער.

טראָצקי איז געקומען פון דעם פּוילישען פראָנט צו באַגריסען די ענגלענדער, צו זיין אַנוועזענד ביי וויכטיגע פּאַראַדען און צוליעב אַנדערע מלחמה־געשעפטען. ווען טראָצקי האָט זיך באַוויזען אין איינער פון די לאָזשעס, האָט זיך דאָס פּובליקום נישט געקאָנט באַרוהיגען. מען האָט געשריען, געקלאַפּט מיט די הענט, געטרוישט פון אויבען ביז אַרונטער. ער האָט זיך אוועקגעזעצט. צו דער רעכטער האַנד איז געזעסען פרוי סנאָודען, די קאַלט־קלוגע, פּלאַטפּאַטעטישע ענגלענדערין, און ווייטער רעכטס און לינקס — די איבעריגע מיטגליעדער פון דער ענגלישער מיסיע. גאַלאַנט פּאַרנויגט זיך טראָצקי פאַר דער מיסעס און ערשט האַלבע געגאַנגען. גאַלאַנט, וויייל אפילו אין סאָוועט־רוסלאַנד איז נאָך דאָ עטוואָס אַזעלכעס. אַ פערטעל שעה האָט דאָס פאָלק געברויזט אין דער ריכטונג פון דער לאָזשע, וואו טראָצקי איז געזעסען.

פּרעכטיג איז געווען די אויפפיהרונג. דאָס איז געווען אַ שטיק פון אַ בורזשואַזען קינסטלער, געשפּיעלט פאַר רויטע דראַפּירונגען און פאַר רויטע געמיטער. מען קלאַפּט און פּאַטשט פון באַגייסטערונג. דער עולם פלאַמט מיט באַגייסטערונג פאַר אָט דער אָפּערא, וועלכע איז גאַרנישט פלאַמענד, וועלכע איז טרוימעריש, מעלאַנכאָליש, צאַרט ראָמאַנטיש און זעליג. אבער דאָס איז אַ רוסישע אָפּערע, און דער קינסטלער, דער זינגער, דער שוישפּיעלער

ווערט נאָך אלץ געליעבט אין רוסלאַנד. מען רופט איהם ארויס נאָך א מאָל און נאָך א מאָל, און ער מוז ארויסקומען, און ער שטראַהלט און איז צופריעדען. ס'איז אומעטום אזוי, אָבער אין רוסלאַנד מעהר ווי אומעטום. אויך אין סאוויעט־רוסלאַנד. יא, איך גלויב, אז אין סאוויעט־רוסלאַנד איז די באַגייסטערונג פאַר דעם אמת'ן קינסטלער נאָך גרעסער ווי זי איז געווען אין צאַרען־רוסלאַנד, ווייל די קונסט האָט דאָ געפונען א נייעם באָדען, די צאַרטעסטע עמפינד־ליכקייט. צום באַדויערען איז עס נאָך אַלטע קונסט, אקאַדעמישע קונסט, נאַרישע קונסט און נישט קיין קונסט, וואָס שטאַמט פון דעם פאָלק.

איך בין נישט געקומען צוליעב „פירסט איגאָר". איך בין געקומען צוליעב דעם פובליקום און צוליעב דעם באַלעט. נאָך שווע־רער וויסענשאַפטליכער ארבייט האָב איך געוואָלט זעהן א רוסישען באַלעט — די ניזשינסקיס, די פּאַוולאַוואַס, די שמעטערלינגען, די יונגע פויגעל. ס'איז געווען א ווילד־פּרעכטיגע פרויען־סצענע, מיט פעל און חיות, מיט רייכע געשטיקטע קישענס, מיט אויסערגעוועהנ־ליך שעהנע רוסישע געוואַנטען, מיט בראַקאַדען, האַלב־אזיאַטישע שיכלעך, מיט טעפּיך־פאַנטאַזיען און צעלט־געהיימניסען. ס'איז ער־שינען קאַטערינאַ געלצער אכט און פערציג יאהר אַלט. אכט און פערציג יאהר אלט, אבער שנעל און באַוועגליך ווי א הירש. הייס־בלייטיג און אויסערגעוועהנליך אנציהענד. וואונדערבאַרע מוסקולען אויף די דיאַנאַ־פיס. ווייניג קליידער. זי האָט געטאַנצט ווייניג. זי האָט געמאכט שפּרונגען, ווי א יאַגד הונט, זי האָט געמאכט באַ־וועגונגען ווי א פאַרשעמטע פויער־מיידעל, זי האָט געטראָטען ווי א קעניגין. זי איז היים געליעבט אין מאָסקווע. יעדער ארבייטער קאַן קאַטערינאַ. זי איז פּאַרפּיומירט, זי טראָגט רינגען, זי איז עלעגאַנט ווי אמאָל. זי איז די באַלערינאַ אויך אין פּראָלעטאַריען־לאַנד. גליקליך טאַנצט זי, דער יובעל הויבט זי ווי א שפּרוזשינע, מיט איהרע שפּיץ פינגער דרעהט זי זיך אריין אין הארצען, זי שטורעמט אויף די נשמה. זי איז א גרויסע קינסטלערין מיט איהרע אכט־און־פערציג יאהר, א הירש מיט איהרע אכט־און־פערציג יאָהר. א גרויס מוטער אין יאהרען און דאך א הירש.

ס'איז געווען א שרעקליכע היץ אין טעאַטער. אָבער אלע

זיינען געבליבען זיצען ביז צום לעצטען פידעל קלאנג. און דאן ערשט איז געקומען דאס וואונדערבארע, דאס איבערראשענדע, וואס האָט גאר קיין שייכות נישט געהאט מיט דעם שפּיעל, דאס פּראָלע־טאַרישע, ווייל דאן האָט געזונגען נישט די ביהנע, נישט דער אָר־קעסטער, דאן האָט געזונגען דאס פאלק. מען איז געשטאנען זינ־גענדיג, מען איז געגאנגען זינגענדיג, מען האָט זיך זינגענדיג גע־שטופּט צו די ארויסגאנגען. זינגענדיג האָט דער עולם מארשירט אויף די טרעפּ. דער טעאטער האָט געזונגען פון דאך ביז דעם באָדען. דאס זינגען איז געשטיגען, דאס ליעד איז געוואקסען, עס האָט געדראָהט און פולסירט דאָס פּראָלעטאריש ליד, דאָס מענש־הייט־ליעד, דאָס ליעד פון אומבאהאלפענע ווערטער, דאס פּרימי־טיווע אבער קאמפסגוואלדיגע, פראָנט־שליסענדע ליעד:

עס רעטעט אונז קיין העכערעס וועזען,
קיין גאָט, קיין קעניג, קיין טריבון,
אונז פון דעם עלענד צו ערלעזען
קאָנען מיר אַליין נאָר טון.
פעלקער, הערט דעם סיגנאַל,
אויף צום לעצטען געפעכט,
דער אינטערנאַציאָנאל,
ערקעמפט דאָס מענשענרעכט.

די ענגלענדער רעדען.

ווידער אמאָל אין דעם גרויסען טעאטער. מען מאכט א גאנ־צען טאַראַראַם איבער די ענגלענדער, מען לעקט זיי, מען גלעט זיי, מען קיצעלט זיי מיט אויפשריפטען, אָנצוהערענישען און אויפפאָ־דערונגס־זאצען, ווי צום ביישפּיעל:

We are for children, for future, for humanity.

אדער:

We started the social revolution, we started it alone; let us go together to the end.

אדער מען גיט זיי אפּ א ברוך הבא מיט דעם נייעם קאָליר פון רוסלאנד:

Welcome, comrades, in red Russia.

מען זוכט זיך צו זיי צוצופּאסען, מען זוכט זיי צו איבערצייגען מיט זייערע אייגענע גרונדזאַצען . מען האָט זיי גאר נישט אזוי ליעב, אבער זיי ווערען ארומגערינגעלט מיט אן אטמאָספּערע פון ווארימער פריינדשאַפט. מען האָט זיך „געפּטארעט" פאר זייערט־וועגען. נאָך מיין מיינונג איז דאס געווען גאַנץ איבעריג, ווייל די ענגלישע ארבייטער פיהרער האָבען קלוגע אויגען, זיי האָבען אויגען וואס קאָנען אפּשאצען א זאַך; זיי זעהען גאַנץ גוט דאס, וואס עקזיסטירט. זיי זיינען נישט קיין ציעל־זעהער, זיי זיינען נישט קיין פּראבלעם־מענשען, אבער פאקטען זעהען זיי. זיי זעהען מעהר די געגענוואַרט, ווי די צוקונפט, אפילו ווען זיי האלטען זיך פאר זעהר רעוואלוציאנער.

אין דעם גרויסען טעאַטער, ארומגערינגעלט פון פּיעלע סאָ־וועט־פיהרער (לענין איז נישט געווען דערביי) האָבען אייניגע פון זיי גערעדט גאַנץ רעוואלוציאנער. זיי האָבען גערעדט מיט שווייס אויף זייערע פּנים'ער, זיי האָבען צוזאַמענגעדריקט די פויסטען און ענערגיש געטופּעט מיט די פיס, זיי זיינען געוואָרען הייזעריג, און מען האָט זייערע רייד אויפגענומען מיט באַגייסטערונג. דער עולם האָט נישט פארשטאַנען וואס זיי ריידען, אבער זיי האָבען גערעדט אויס איבערצייגונג מיט פלאַם פאר דעם הילפס־הונגעריגען פאלק, פאר דעם פארלאזענעם פאלק, וואס דורשט נאָך פרידען. ענגלאַנד איז די הערשערין איבער קריעג און פריעדען, און די ענגלישע אר־בייטער פיהרער זיינען נישט קיין קליינינקייט אין ענגלאַנד. מיט פּיעלעס אין סאָוועט רוסלאַנד זיינען זיי נישט איינפארשטאַנען, אבער זיי ווילען העלפען דעם לאַנד און אויך דער איצטיגער רע־גירונג. זיי געפעלט נישט די דאזיגע סיסטעם פאר ענגלאַנד, אבער זיי אנערקענען זי פאר רוסלאַנד. זיי וואָלטען זי אנערקענט אפילו אָהן די פּייערליכע פלאַקאַטען, אָהן דעם גלעטען און קיצלען, ווייל זיי זיינען קלוג און נישט קאַלט־הארציג. דער דאזיגער באזוך איז דאָך געווען אן ערפאָלג פאר סאוועט רוסלאַנד.

רויט איבער זייערע קעפּ, רויט אונטער זייערע פיס, האָבען זיי גערעדט פאר א הילפס־הונגעריגען פאָלק. דאָרט זיינען אויך געווען אייניגע בייסענדע באַאָבאַכטער, יזייניגע זויערע קאמענטאַ־טאָרען. אבער די ארבייטער זיינען געזעסען שטיל אדער געשריען

בראווא. צולעצט האָט גערעדט מיסעס סנאָודען, א קאָרעקט גע־קליידעטע פרוי, צאַרט אבער נישט ליעבליך, זעלבסט־באוואוסט און דאָך נישט קאַלט־הארציג. זי איז נישט קיין ציעל־באגייסטערטע פרוי, נישט קיין פרוי מיט דער רויטער פאהן, נאָר א ראַזאָווע פרוי, וואָרט־מעכטיג אָבער בלייכפאַרביג. זי זאָגט:

"Go your way, we go our way to Socialism."

נאָך יעדער רעדע ווערט דער אינהאַלט איבערגעגעבען פאר די צוהערער. צוערשט האָט איבערזעצט באַלאַבאַנאָווא — הויך, פלי־סענד, כמעט וואָרט נאָך וואָרט. זי איז א פאבעלהאפטע שפּראַך־באהערשערין. אַלע געבילדעטע רוסען רעדען עטליכע שפּראַכען, אָבער באַלאַבאַנאָווא רעדט, אזוי צו זאגען, אן אנצאָהל מוטער־שפּראַכען. און ווען דער עולם האָט פארשטאַנען, האָט ער ווידער אמאָל געפּאטשט. דאס וואס באַלאַבאַנאָווא האָט איבערזעצט, דאס וואס די ענגלענדער האָבען געזאָגט, איז נישט געווען קיין קאמוניזם. דאָך האָט דער עולם דאַנקבאר אפּלאָדירט.

ס'האָבען אויך גערעדט רוסען. טאָמסקי, דער פאָרזיצענדער פון דעם פארבאנד פון פּראָפעסיאָנעלע פאראיינען, האָט געהאַלטען א רעדע. ער האָט גערעדט שנעל, קלאָר און איינפאך, מיט צוטרוי־ען צו די צוהערער. אַנדערע רוסען האָבען געהאַלטען פייערליכע רעדעס און האָבען געקראָגען א הייסע אויפנאהם. דאן אָבער האָט אָנגעהויבען רעדען אבראַמאָוויטש, דער פיהרער פון די מענשע־וויקעס. בלויז א קליינע גרופּע אָנהענגער האָט איהם באגריסט, ווען ער האָט זיך אוועקגעשטעלט אויף דער ביהנע. ער איז געווען בלייך בעת ער האָט גערעדט. אָפטמאָל איז ער אונטערבראכען גע־וואָרען פון געגנערישע אויסרופען. ער האָט גערעדט גלאַט און מוטיג. ער האָט אויסגענוצט די אנוועזענהייט פון די ענגלענדער. מען האָט איהם געוואָלט צווינגען אויפצוהערעןריידען, אָבער דער פאָרזיצענדער פון דעם מיטינג האָט אויסגערופען צום עולם: „פאר־האַלט זיך ווי קאָמוניסטען!" ער האָט גערעדט ווייטער, א לאַנגע צייט האָט ער גערעדט אונטער דעם אקאָמפּאַנימענט פון די אויס־רופען: „קאַלטשאַק!" איך ווייס נישט וואָס ער האָט געזאָגט, אָבער איך ווייס, אז ער האָט גערעדט מיט נשמה און טיעפער אמונה. מיט צאָרן און ליידענשאַפט האָט ער גערעדט, ער האָט

זיך אויסגערעדט דאָס הארץ. אין גרויסע פראגען זיינען די מענ־שעוויקעס איינינ מיט די באָלשעוויקעס, באַזונדערס אין דער פראגע פון מלחמה מיט פוילען. אָבער זיי זיינען אָן אָפּאָזיציאָנס־פּארטיי און זיי זיינען נישט קיין שוואכע פארטיי. ווען ער האָט געענ־דיגט, האָבען איהם ווידער אמאָל אַפּלאָדירט בלויז זיינע אנהענ־גער. די איבעריגע זיינען געווען אָדער אייז־קאלט, אָדער אויפגע־בראכט. ס'איז געווען קלאָר, אַז אבראמאָוויטש'ען רעספּעקטירט מען, אָבער מען האָט איהם נישט ליעב.

און דאן איז ווידער אמאָל געקומען דאָס וואונדערבארע. נאָך בעת דער מיטינג איז אָנגעגאַנגען האָט דער עולם געזונגען דעם „אינטערנאציאָנאל". איצט האָט ער געזונגען דאָס ליעד פון דער „רויטער פאָהן". דער עולם איז פאר'שיכור'ט געוואָרען פון דעם דאָזיגען ליעד. אויף די טרעפּ האָט מען אונטער די טענער פון דער „רויטער פאָהן" מארשירט מיט מיליטערישען ריטם. ענט־שלאָסענהייט און גוואלדיגקייט איז געווען אין דעם דאָזיגען מאַ־סען־ליעד. ס'איז געוואָרען אַ פאָלקס־ליעד. לאנג נאָך האָט זיך געוויעגט די מענשען־מאסע אונטער די טענער פון דעם דאָזיגען ליעד. באפליגעלט פון דעם ליעד, געטראגען פון דעם ליעד, זיינען די טויזענדער ארוים אויף דעם ברייטען זוניגען פּלאץ פון דעם גרויסען טעאטער.

פּראָלעטארישע מיטינגען.

דער זאָאָלאָגישער גארטען, צום ענד פון דער רויטער נאַס, איז נישט צושטערט, אָבער חיות זיינען דאָרט פארבליבען וועניג. פיעלע שטייגען שטעהען לעדיג, גאנצע רייהען שטייגען. דער גאר־טען איז אָבער איצט מעהר באלעבט ווי אמאָל. דאָרט איז דער מיטינג צענטער פון דעם מאָסקווער פּראָלעטאריאַט. די גרויסע זאלען און גרויסע צימערען זיינען פארוואנדעלט געוואָרען אין מיטינג־פּלעצער.

די גרויסע זאָל, העל באלויכטען, קוקט אויס ווי אַ ריעזען־צעלט. הילצערנע לאַזשעס געפינען זיך אויףביידע זייטען פון דער ביהנע. אויף דער ביהנע שטעהט אַ קליין טישעל ביי וועלכען עס

זיצען די אָנפיהרער פון מיטינג. אין מיטען זיצט דער פאָרזיצענ־דער פון דעם מאָסקווער ראיאָן פון דער קאָמוניסטישער פארטיי. א קליינער, עלעגאַנט־געבויטער ארבייטער, מיט א לאַנגער שוואר־צער באָרד, א באקאנטע פיגור. ער איז געווען אין אויסלאַנד און באַזיצט שפראַכען. ער רעדט שנעל און העפטיג, די הענט פאר־לעגט אויפ'ן רוקען, און פּאַטשט אליין מיט די הענט צו אונטער־שטרייכען די וויכטיגערע שטעלען און ווערטער פון זיין רעדע. דאָס איז א באקאנטע מאַניערע פון רוסישע רעדנער. דאָס מיינט נישט, אז ער אַפּלאָדירט זיך אליין, נאָר אז ער באַטאָנט דאָס וויכטיגע און פארנייגט זיך פאר'ן הערליכען. דער עולם פּאַטשט מיט. אַניט אַפּלאָדירט פריהער דער עולם די יאָדערדיגע שטעלען און דערנאָך פּאַטשט דער רעדנער מיט.

נעבען איהם זיצט א מאַן מיט א בלאָנדען קאָפּ האָר. א ווייכער פּנים, א זאַנפטער פיהרער-פּנים. האַלב פרוי, האַלב העלד. דאָס איז דער ערשטער פיהרער פון דער רויטער אוקראַאינישער ארמיי. ער האָט שפּעטער גערעדט און זיין רעדע איז געווען אזוי שטורמיש און ער האָט מיט די הענט אזוי געהויבען דעם עולם און זיין שטים האָט אזוי הילכיג אָפּגעקלונגען אין דעם זאַל, אז ער האָט געווירקט ווי אַן אורגאַן, ווי א שטורם־ווינט. ער האָט גערעדט אי־בער דער פאריזער קאָמונע, ער האָט מיט זיינע רייד געשליידערט ריזיגע פעלזען־שטיינער אין דער מענשען־מאַסע, ער האָט מיט זיינע פויסטען די נשמות אויפגערודערט, ער איז געווען זעלבסט־פארגע־סענהייט אליין. אַן אינערליכער פייער האָט פון איהם געברויזט. ער איז געווען שווערד און פלאַם. אויך מיר האָבען גערעדט, באַ־גריסט, צוגעזאָגט. איך האָב גערעדט הויך, פאר אַן עולם פון 5000. מען האָט מיך געהערט און פארשטאַנען אין די לעצטע רייהען. אָבער דער דאָזיגער מאַן האָט ווי א ווינט זיך דורכגעריסען דורכ'ן עולם מיט זיינע רייד, האָט ווי מיט א האָגעל געקלאַפּט אי־בער זייערע קעפּ, האָט זיי געשאָקעלט, געטרייסעלט און געבלאָזען ווי א שטורם־ווינט אין א יונגען וואַלד. א גוואַלדיגער רעדנער, א גענעראַל־רעדנער פאר א ריזיגער ארמיי. דער עולם האָט אָפּגע־אָטעמט ווען ער האָט געענדיגט, ווייל ס'איז געוואָרען אונערטרעגליך אויסצוהאַלטען דעם דרוק פון זיין סטיכישער רעדע.

מאָסקוור מיטינגען זיינען לאנג ווי בויד־ווערים. אָבער דער עולם איז געדולדיג, איז באַגייסטערט, ווערט אַלע מאָל מיט־גערעסן. אַלע הערען זיך איין מיט אויפמערקזאַמקייט, און מען מורמעלט נישט אין די הינטערשטע רייהען. אַ פראכטפאָלער עולם פאר אַ רעדנער. שטיל און באַגייסטערט, רוהיג און עקספּלאָזיוו. קיינמאָל האָב איך פאר זיך ניט געהאַט אַזאַ ארבייטער־עולם. די דייטשע צוהערער זיינען אומרוהיג, צובאַלעוועט און מען מוז זיי פון דער ביהנע האַלטען אין אָרדנונג. פּיליכט זיינען זיי קריטישער, ערפאהרענער. אָבער דער רעדנער איז דאָרט מעהר אָנגעשטרענגט, מעהר געשפאַנט, און מוז יעדע מינוט אויפפאַסען אַז די אויפמערקזאַמקייט פון עולם זאָל איהם נישט פארלאָזען.

אומעטום אין מאָסקווע האָט דאָס וואָרט „ספּארטאקוס" אַן אָנרעגענדע ווירקונג. דאָס איז אזוי צו זאָגען דער פירמא־נאָמען פון דער דייטשער רעוואָלוציע. דער פאָרזיצענדער האָט ארויסגערעדט דאָס וואָרט, האָט דערמאָנט דעם נאָמען קאַרל ליעבקנעכט און אין זאָל איז די באַגייסטערונג פארטאָפּעלט געוואָרען. איך וועל נאָך שפּעטער ריידען וועגען דער ווירקונג פון דעם דאָזיגען נאָמען, זי איז אומגעהויער.

אַ רעזאָלוציע איז געפאַסט, איינשטימיג אָנגענומען און אפּלאָדירט געוואָרען. דאַן האָט מען אונז געבעטען פארנעהמען איינע פון די הילצערנע לאָזשעס, וויל באַלד וועט פאָרקומען אַ פאָרשטעלונג.

דאָס איז נאָך נישט קיין נייע קונסט, קיין פּראָלעטארישע קונסט, אָבער ס'איז שוין אַ פּראָלעטארישער טעאַטער.

דער עולם איז געווען דורכאויס אַ פּראָלעטארישער עולם און דער אינהאַלט פון די ליעדער און די סצענעס האָט אין זיך געהאַט אַן אויסערגעוועהנליכע, דורכדרינגענדע נאַאיוויטעט און זעלבסט־פארשטענדליכקייט.

צווערשט זיינען אויפגעפיהרט געוואָרען עטליכע סצענעס מיט פאָלקס־ליעדער אין היסטאָרישער אויסטייטשונג, צום ביישפּיעל, דאָס ליעד פון די „וואָלגא שיפּלייט", אַ שווערמוטיג ליעד, אַ מיט־רייסענד ליעד, אַ ליעד פון ברייטען טייך, אַ גאָרקי־ליעד. די לעצטע סצענע האָט פארגעשטעלט דעם „רויטען זונטאג" פון 1905, ווען

פון׳ם ווינטער פּאַלאַץ אין פּעטראָגראַד האָט מען געשאָסן אויף די דעמאָנסטרירענדע פּראָלעטאַרישע מאַסען און אויסגע׳הרג׳עט פיעלע אַרבייטער זיהן און טעכטער. אַ פאַרוואונדעטער קומט אַריין און זינגט אַ שטאָלץ ליעד, אַ צאָרנדיג ליעד איבער דעם פאַרגאָסענעם בלוט פון זיינע מיטברידער.

דאַן האָבען קינסטלער און קינסטלערינס געזונגען — שווערע מעלאָדיען, שפּאַסיגע דאָרפס-ליעדער, טרויעריגע ליעדער און אויך דעם „אינטערנאַציאָנאַל״. זיי האָבען געזונגען צו עטליכע מאָל, זיי האָבען געמוזט ווידערהאָלען דאָס געזונגענע, ווען דער עולם האָט ניט אויפגעהערט צו שרייען „בּיס, בּיס!״ נעבען מיר איז געזעסען אַ פּראָלעטאַריער־מיידעל פון אַ יאָהר 15, מיט אַ געגרייזעלטען קאָפּ האָר. זי איז געווען אויסער זיך פון אויפרעגונג און באַגייסטערונג. זי האָט געשריען, האָט געשוויצט פון פּאַטשען און שרייען „בּיס״. זי האָט שיער נישט דורכגעלעכערט מיינע אויערען מיט איהר „בּיס״.

אָבער אין דעם מיטעל־דורכגאַנג פון זאַל האָב איך געזעהן עטוואָס, וואָס האָט אויף מיר געמאַכט אַ געוואַלדיגען איינדרוק. דאָרט איז געשטאַנען אַ צאַרט־שלאַנקע מיידעל, מיט אַ רויטער פּאַטשיילע אויפ׳ן קאָפּ. איך האָב פון מיין פּלאַץ געקאָנט זעהן איהר קליין פויערין־פּנים מיט דעם האַלב־שטומפּען נעזעל, און איהרע שוואַרצע האָר וואָס האָבען אַרויסגעשטעקט פון אונטער דער פּאַטשיילע. איהר קאָפּ האָט זי אָנגעשפּאַרט אָן אַ ריזיגען מאַן מיט בלאָנדע, קורץ־געשאָרענע האָר. ער האָט זי אַרומגענומען מיט זיין רעכטען אָרעם און פון איהר נישט אַראָפּגענומען די אויגען. ער האָט זי געהאַלטען פעסט, ווייל זי האָט געוויינט ביי יעדען ליעד. זי איז געווען אויפגעטרייסעלט, טיעף ערגריפען און האָט געיאָמערט אויף זיין שטאַרקער ברוסט. דאָס איז געווען אַ פּראָלעטאַרישער מאָמענט, אַ פּרימיטיוו־טיעט־מאָמענט. נאָך איצט שטעהען פאַר מיינע אויגען די דאָזיגע גרופּע — אַליין אין דעם ווירבעל.

אויף די פּאַרענטשעס פון דעם אָרקעסטער זיינען געזעסען קינדער. מען האָט זיי געלאָזט זיצען. מען האָט זיי נישט אַרונטער־געשלעפּט, זיי נישט געסטראָשעט מיט די פינגער. נייגעריג און שטוינענד, האָבען זיי זיך אָנגעבויגען אין דער ריכטונג פון דער

ביהנע. זיי האָבען געלאַכט, געצוויטשערט און טרויעריג געמורמעלט ווען מען האָט געזונגען אָן אומעטיג ליעד, ווען מען האָט געזונגען וועגען דעם טויט פון אַ פּראָלעטאַריען־העלד.

צולעצט איז אויף דער ביהנע אַרויף אַ אינגעל, אַ פּראָלעטאַ־רישער אינגעל. אינגאַנצען איז ער אַלט געווען אַ יאָהר צוועלף. ער האָט דעקלאַמירט אַ פּראָלעטאַריש געדיכט. דער עולם האָט איהם געקאָנט. מען האָט געזעהן, אַז ער איז שוין אַ געניטער פארזאמלונגס־דעקלאַמאַטאָר, אַז ער איז צוגעוואוינט צו דעקלאַמי־רען פאַר אַ גרויסען עולם. ער איז געווען מונטער, האָט ענערגיש געטופּעט מיט דעם רעכטען פוס און האָט זיך נישט געשראָקען. ער האָט זיך אָבער פאַרהאַקט. ס'איז נישט געגאַנגען ווייטער. ער האָט ווידערהאָלט דעם לעצטען פערז, געפּרואווט אימפּראָוויזי־רען דעם פאָלגענדען, אָבער ס'איז נישט געגאַנגען. דער עולם האָט געלאַכט, אַפּלאָדירט און איהם געטרייסט. פרויען האָבען איהם גערופען צערטליכע נעמען און ער איז ווידער גליקליך געווען. מען האָט אויף איהם קיין פאַראיבעל נישט געהאַט. ער האָט זיך פאַרהאַקט — דאָס אַלעס.

ביים אַרויסגאַנג האָט אימיצער געזאָגט הינטער מיינע פּליי־צעס: דאָס מוז אודאי זיין אַ דייטשער גענאָסע. ער נעהמט נישט אַרויס די פּיפּקע פון מויל.

פּלאַקאַטען.

פּלאַקאַטען געפינט איהר אויף אַלע מויערען אין מאָסקווע, אין די טויזענטער קראָמען, אויף די טעלעפאָן־סלופּעס, אין די הייזער, אין די פאַבריקען — איבעראַל געפינט איהר פּלאַקאַטען. בילד־פּלאַקאַטען פאַר פּראָפּאַגאַנדאַ צוועקען. אַ פּראָלעטאַריען־פעלז מיט אַ רויטער פאָהן אויף דעם שפּיץ און אונטען — די צושמעטערטע קאַפּיטאַליסטישע שיף. אָדער אַ פּלאַקאַט צו אַגי־טירען פאַר קאָמוניסטישע זונטאָגען (זונטאָג אַרבייט פאַר געזעל־שאַפטליכע צוועקען) וואו עס ווערען בילדליך געשילדערט די פאָל־גען פון פוילענצערייַ און אויך די רעזולטאַטען פון אַרבייט. אָדער אַ פּלאַקאַט מיט בילד־אַטאַקעס אויף די אַלטע, פעטע צאַרען־באַ־

אמטע, די גלחים און די פארפוצטע אפיצערען. פלאקאטען מיט רויטע שטערענס, פלאקאטען פון דער קאמוניסטישער פארטיי, אויף וועלכע אן ארבייטער-צוג געהט פארביי און לאזט הינטער זיך די פארשטעהער פון דער אלטער געזעלשאפט, אויף דעם וועג צו דער געביידע, אויף וועלכער עס זיינען אויפגעשריבען די איני־ציאלען פון דער קאמוניסטישער פארטיי.

אבער דאס זיינען נישט די אינטערעסאנטסטע פלאקאטען. מעהר באמערקונגסווערט, מעהר באדייטונגספול זיינען פלאקאטען פון אן אנדער מין. אויף די דאזיגע פלאקאטען, אנגעקלעפט אויף די מויערען, לייענט מען, אז דא אדער דארט ווערען געגעבען אר־בייטער־קורסען איבער פילאזאפיע, פאעזיע, נאטור־וויסענשאפט מיט עקסקורסיעס איבער באקטעריאלאגיע, געאלאגיע, לאנדווירטשאפט, פאבריק־בוכהאלטעריי, פינאנץ־פראגען, א. ז. וו., אהן גע־צאהלטס, נאטירליך.

אנאנדער פלאקאט פאדערט אויף מענשען מיט ערפינדערישע נייגונגען און פעהיגקייטען צו ערפינדען סאבסטיטוטען פאר די געוועהנליכע געברויך־ארטיקלען. אין רוסלאנד הערשט א מאנגעל אין רויע מאטעריאלען. א סאבסטיטוט פאר זייף, צום ביישפיעל, וואלט געווען זעהר ווינשענסווערט. פאר אזא ערפינדונג ווערט צו־געזאגט א פרעמיום פון 25 ביז 30 טויזענט רובעל. די ערפינ־דונג ווערט אויספראבירט, דער ארטיקעל ווערט פארטיילט און מען פרעגט נאך ביים עולם, אויב ס'קאן גענוצט ווערען. וועגען דער פארטיילונג פון זייף שטאף פאר פראבע צוועקען האב איך שוין געלייענט אין יאמבורג אין א מאסקווער צייטונג. אזא מעטאדע איז גוט און ניצליך. אויף דעם דייטשען פאלק האט מען, אין דער צייט פון דער מלחמה, ארויפגעצוואונגען אלערליי סאבסטיטוטען און נישט אנגעפרעגט, צי זיי טויגען צי נישט. וואלט מען געווען אנגעפרעגט ביי די געברויכער צי זיי ווילען די סאבסטיטוטע; צי ניט, דאן וואלט אפשר די פראדוקציע פון סאבסטיטוטען נישט גע־וועזן אזוי גרויס, דערפאר אבער וואלטען די פראדוקטען נישט געווען אזוי שמוציג, עקעלהאפט און שעדליך.

נאטירליך איז דער שטודיום אין די קאנסערוואטאריעס אויך פריי. אין רוסלאנד איז בכלל שוין מעהר נישטא קיין לעהר־געלט.

ס'זיינען נאָך דאָ לעהרער, וואָס נעהמען געלט. שפּראַך־לעהרער, צום ביישפּיעל, אָבער אין די לעהר־אַנשטאַלטען דאַרף מען נישט צאָהלען. אָט איז א פּלאַקאַט פון א קאָנסערוואַטאָריע, וואָס באָט אָן קורסען איבער מוזיק־געשיכטע, איבער פאָלקס־מוזיק, פיזיאָלאָגיע פון די אָטעם־אָרגאַנען, אינסטרומענטאַלע טעכניק, א. אז. וו. די קאָנסערוואַטאָריעס זיינען דאָך נישט איבערפילט. דער אומזיסטער שטודיום איז שוין איצט באַגרענעצט מיט א קוואַליטעט־אויסוואהל. פריהער פלעגט שטודירען יעדער פינגער־פוילענצער און שטים־קאַליקע, וועמעס טאַטע האָט געהאַט געלט. דער אזוי גערופענער בילדונגס־מאָנאָפּאָל איז געווען א מאָנאָפּאָל פון טויגעניכצען. דער מוזיק־שווינדעל, דער עקעלהאַפטער פעדאַגאָגען־שווינדעל, דאָס רעקלאַם געשעפט איז שוין אין רוסלאַנד פאַרשוואונדען.

אויף נאָך א פּלאַקאַט ווערט פון א ראַיאָנער אָפּטיילונג פון דער ארבייטער פּאַרטיי איינגערופען א דיסקוסיאָנס־פאַרזאַמלונג איבער קונסט־פראַגען. מען דיסקוטירט דאָרט נישט ווי עקספּערטען, מען הערט דאָרט א סך רייד גלאַט אין דער וועלט אריין, מען הערט דאָרט א סך סאָפיזמען און אבסורדען. אָבער ס'בלייבט דאָך עפּעס אין די קעפּ פון די פאַרזאַמעלטע. די דיסקוסיעס וועקען און קירעווען דעם אינטערעס און געשמאַק פון די אנטייל־נעהמער, פון די אַנוועזענדע.

אָט איז א פּלאַקאַט, וואָס אַנאָנסירט אַן אינדוסטריעלע אויס־שטעלונג מיט א פּלאַטפאָרם, וואו פאַראינטערעסירטע פּערזאָנען קאָנען אויסדריקען זייערע אַנשויאונגען איבער טעכנישער בילדונג.

און פון א צווייטען פּלאַקאַרט דערוויסען מיר זיך, אז די עקאָנאָמישע אָפּטיילונג פון דעם מאָסקווער שטאָדט־סאָוועט פאַר־אַנשטאַלטעט א דיסקוסיע איבער דער טעמא: ווי אזוי זאָל מען איינריכטען גרינס־גערטנער?

א דריטער פּלאַקאַט בעט דאָס פּובליקום אויסצוהערען עטליכע רעדנער (פאַך־לייט), וועלכע וועלען ריידען וועגען דער טעכניק פון לייס געבוי. זיי וועלען באַווייזען אז שוין אין די אַלטע צייטען האָבען מענשען געבויט הייזער פון לייס, זיי וועלען באַשפּרעכען די עקאָנאָמישע זייט פון דער פראַגע און וועלען פּרואוון צו

איבערצייגען די צוהערער אין דער פּראַקטישקייט און מעגליכקייט פון ליים-געביידעס. נישט אַ „ריעל־עסטייט" קליקע ווילען זיי באַקעהרען און באַגייסטערען פאַר זייער פּלאַן, נישט אַ פּאַר־שלאָפענעם ווירטשאַפט־מיניסטער, וועלכער האָט אפילו קיין כח נישט צו טעלעפאָנירען, נאָר דאָס פאָלק ווילען זיי באַקעהרען און באַגייסטערען. איך דערמאָן זיך אָן אונזער אייגענער ערפאַה־רונג מיט דער וואוינונג־פראַגע און איך ווער אָנגעפילט מיט גאַל און אַ געפיהל פון עקעל. אונזערע מיניסטאָרען האָבען געקראָגען די פּלענער פאַר ארבייטער־וואוינונגען פארטיגע, אין מויל אריינ־צולייגען, אזוי צו זאָגען. אָבער דייטשלאַנד האָט געהאַט אַ פּאַר־שלאָפענעם אידיאָט אַלס מיניסטער, אונטער וועמעס יורידיקציע די פּראַגע האָט זיך געפונען. און מעהר ווי דומהייט, שפּראַך־אונזיניגקייט און פלאַכהייט האָט מען זיך פון איהם נישט געקאָנט דערשלאָגען.

נאָך אַ פּלאַקאַט אַנאָנסירט פּאָרטראַגען איבער וואַלד־ווירט־שאַפט און וואַלד־וויסענשאַפט, און נעבען דעם — אַן אויפרוף פון דער פּאַרטיי סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָניסטען געגען די פּאָליאַקען, און ווייטער — אַן איינלאַדונג צו דיסקוטירען איבער רעליגיע אָדער טעכנישע פראַגען.

די סאָוועט רעפּובליק פיהרט אָן אַן ענערגישע ספּאָרט־פּראָ־פּאַגאַנדאַ. אויף אַלע גאַס־ווינקלען, אויף די מויערען און נאָך אַזעלכע פּלעצער, געפינען זיך פּלאַקאַטען, וואָס רופען דעם עולם צו נעהמען אַן אַנטייל אין פאַרשיעדענע ספּאָרטס. ווער עס האָט נאָך חושק קאָן ווערען אַ ספּאָרטסמאַן. מען דאַרף דערצו נישט האָבען קיין פּריוואַטע יאַכטען, קיין סעזאָן־בילעטען פאַר טע־ניס־פּלעצער, און מען דאַרף נישט געהערען צו אַריסטאָקראַטישע ספּאָרט־קלובס.

צו אַלע פאַך־שולען און אַנשטאַלטען ווערען צוגעצויגען די בעסטע לעהרער. קיין איינטריט געלד דאַרף מען נישט צאָהלען. דאָס פאָלק קריגט אַ געלעגענהייט צו באַקאַנען זיך מיט יעדער זייט פון וויסענשאַפט און קונסט. די דיסקוסיעס איבער קונסט, פי־לאָזאָפיע, רעליגיע, פּאָליטיק — דאָס זיינען רפואות געגען פוסט־קייט, פאַרלעגענהייט, שעמעוודיגקייט. דער מענש ווערט באַ־

קאַנט מיט זיינע אייגענע פעהיגקייטען און קאַמפּס-קרעפטען. ס'איז א גוטע שול. אמת, ס'איז בלויז אַן אָנהויב, אָבער אַן אָנהויב איז עס. איך גלויב אז קיין מענש, וואָס איז אפילו האַלב ביים זינען, וועט נישט אויסזעצען געגען אַזאַ טעטיגקייט. די מאַסען, די פעל־קער, נויטיגען זיך אין סטימולען, אין אנרעגונגען, זיי זיינען אנ־רעגונגס-הונגעריג. דער וואס האָט זיך איינגעלעבט און איינגע־פיהלט אין די פּראָלעטאַרישע מאַסען, דער ווייסט, ווי גרויס דער דאָזיגער הונגער איז.

מען זעהט דעם דאָזיגען הונגער אין מאָסקווע אין דער פריה ביי די צייטונגס-סטענדס. די אַרבייטער שטעהען דאָרט אין לאַנ־גע שורות, אין „ליינס", צו קריגען די צייטונגען. יעדער אַרבייטער אין מאָסקווע לייענט עטליכע צייטונגען. ער לייענט די פּלאַקאַ־טען, ער לייענט די אָנגעקלעפּטע דעפּעשען פון דער אָפיציעלער נאַכריכטס-ביוראָ. ער קאן שוין די אַרטיקעל-שרייבער, זייער שפּראַך, די אייגענאַרטיגקייטען פון זייער סטיל.

האָט אַ גרופּ עפּעס אויפ'ן הארצען, גיסט זי אוים איהר שמערץ אויף פּלאַקאַטען. טאָמער וויל אימיצער עפּעס זאָגען, רעדט ער פון די מויערען-ווענט און שפּעטער פון דער טריבונע. ס'זיינען אין מאָסקווע פאַראַן טויזענטער געלעגענהייטען צו זאָגען עפּעס אויב נאָר אימיצער וויל עפּעס זאָגען.

אַלע פעלקער דורשטען נאָך אויפקלעהרונג, נאָך קלאָרקייט. אויך אין אַנדערע לענדער באַנוצט מען זיך מיט פּלאַקאַטען מעהר און אַנדערש ווי פריהער. פּלאַקאַטען זיינען פאָלקס-נשמה רעדנער, טענדענץ-רעדנער, ווילענס-רעדנער. זיי זאָגען אייך, צי אַ פאָלק שטרעבט אַרויף צי אַראָפּ. אָבער ס'איז גאַר אַ גרויסער אונטער־שיעד צווישען די בערלינער פּלאַקאַטען וועגען טאַנץ-אונטערנעה־מונגען און די מאָסקווער פּלאַקאַטען.

איך האָב דאָס אַלעס געזאָגט נישט אויס „פּאָליטישע" מאָטי־ווען. איך האָב דערצעהלט וואָס איך האָב געזעהן. נישט מעהר און נישט ווייניגער. איך מוז דאָס נאָך אַמאָל ווידערהאָלען, כדי מען זאָל נישט דענקען, אַז איך זוך צו פאַרשפּרייטען טענדענצען.

לענין און ליעבקנעכט.

קיין מאָסקווער ביוראָ, קיין סאָוועט־הויז איז אָהן לענינ׳ס בילד, אָהן אַ בילד פון דעם שמעכלענדען לענין, עטוואָס איינגע־בויגען ביי זיין שרייב־טיש. אומעטום העננט דאָס דאָזיגע בילד. מען זעהט עס אין אלע פּאַרמאַטען. לענין, לענין, איבעראַל לענין. מען זעהט אויך בילדער פון ראדעק, זינאָוויעוו, בוכארין, באַלאַ־באַנאָווא. מען זעהט גרופּען פון די הויפּט־פיהרער פון דעם דריי־טען אינטערנאַציאָנאַל, מיט לענינ׳ען אויבען־אָן. אין פיעלע היי־זער, אין פיעלע שוי־פענסטער, אין פיעלע ביוראָס זעהט מען מאַרקס׳עס בילד, אָבער לענינ׳ס בילד זעהט מען מעהר ווי אלע־מענס.

לענינ׳ס געשיכטע, לענינ׳ס ענטוויקלונגס־גאַנג איז איצט אַ גאַנץ באַקאַנטע זאַך. שוין נישט איין מאָל באַשריבען געוואָרען. פיליייכט ווייסט מען נאָך נישט, אַז אַ לאַנגע צייט איז ער גע־שטאַנען אַליין, און אפילו זיינע גענאָסען האָבען איהם געמאַכט צו שפּאָט. מען האָט איהם גערופען ברעמז־פליג, אָוואָד. ראדעק און בוכארין זיינען מיט איהם נישט געוועזן איינשטימיג. לענין האָט געהאַט רעכט — פאַר רוסלאַנד. דאָס קאַן נישט אָפּגעשטריי־טען ווערען. ער האָט געהאַט רעכט—פאַר רוסלאַנד.

היינט רעספּעקטירען איהם אלע. אויך זיינע פּאָליטישע גענ־נער. קיינער רעדט נישט וועגען לענינ׳ען מיט אַ טאָן פון מיס־אַכטונג, קיין מענשעוויק, קיין קערענסקיאַנער, קיין סאָציאַל־רע־וואָלוציאָנער, קיין אַנאַרכיסט. אַלע אַכטען איהם. אין אַ בור־זשואַזער פאַמיליע, פון וועלכער ס׳וועט מיר נאָך אויסקומען צו ריידען, האָט מען געלויבט זיין אידעאַליזם און גערעכטיגקייט.

לענין איבט אויס אַן אונגעהויערען איינפלוס אויף די רו־סען, אויף גאַנץ רוסלאַנד. ער איז אַ וואָרימער שטראָם. מען האָט פאַר איהם מורא אוים ליעבע. ער איז אין אַלע ביוראָס ביי יעדער אַרבייט. ער איז די לעצטע אינסטאַנץ. יעדער איינער ווייסט, אַז ער אַרבייט פון אין־דער־פריה ביז שפּעט אין דער נאַכט. זיין אַרבייט איז איינגעטיילט, איז ווירקליך אָרגאַניזירט. זיין אַרבייט סטימולירט, רייצט אָן. ער איז דער ביישפּיעל. מיט איהם שרעקט

מען, מיט איהם באַפרייט מען. באַוויייזט ער זיך ערגעץ — ווערט ער אויפגענומען מיט באַגייסטערונג און פרייד. די וואָס שטעהען נעהענטער צו איהם לויבען דעם פייערדיגען דיפּלאָמאַט לעניין, דעם פּאָרזיכטיגען פּאָליטיקער, דעם שמייכלער, דעם באַשטראָפער לעניין. ער איז איינער פון די בעסטע פּובליציסטען, וואָס רוסלאַנד פּאַרמאָגט. זיינע בראָשורען זיינען שריפטען פון אַ שפּראַך־קע־נער, פון אַ וואָרט און באַגריף שאַרפער, פון אַ סיסטעמאַטישען דענקער. זיי זיינען קלאָר, געשלאָסען אין זיך, ערנסט, אָהן מליצה. מען מעג נישט זיין איינשטימיג מיט זיינע שלוסען, דאָך מוז מען זיי אַכטען און באַוואונדערען. זיי זיינען נישט אַרויפצווינגענד, ווי דער שרייבער אליין, דער מאַן מיט דער ריעזען־מאַכט, וועלכע ער האָט געקראָגען אַלס אנטרוי פון דעם פּראָלעטאַריאַט. ער לעבט נישט אין לוקסוס. ער עסט, ער זעטיגט זיך — דאָס אַלעס. ער קריגט נישט קיין גרעסערען געהאַלט ווי אַ דורכשניטליכער מאַסק־ווער אַרבייטער — 6500 רובעל אַ חודש. ער וואוינט אין קרעמל, אָבער ער וואוינט דאָרט נישט אַלס פּירסט, ער וואוינט דאָרט אויף דער הויך פון די אומשטענדען, די שוועריגקייטען. ער וואוינט אין קרעמל אַלס אַ סימבאָל. ער איז גאָרנישט אַזוי פיעל אַן אָנ־פיהרער פון דער רעוואָלוציע, ווי אַן אויסדרוק פון דעם פּאָלקס־ווילען, פון די פּאָלקס־שטרעבונגען. ער פיהרט נישט מיט דער שווערד, ער איז נישט קיין דיקטאַטאָר פון אויבען. ער האַלט די לייצעס אין די הענט און קירעוועט דאָס פּאָלק, וואָס לאָזט איהם פּריוויליג רייטען אויף זיין רוקען, רייטען — כדי בעסער צו קי־רעווען.

איינמאָל, ווען איך האָב געאַרבייט מיט אַ רוסישען פיהרער, איז אָנגעקומען אַ בריעף פון לעניג'ס ביוראָ. ער איז געוואָרען אַש־בלייך, האָט האַסטיג אויפגעריסען דעם קאָנווערט און האָט דאַן אָפּגעאָטעמט פריי. „וואָס זייט איהר אַזוי בלייך געוואָרען?" האָב איך איהם געפרעגט. „דאָס איז אַ בריעף פון לעניג'ען", האָט ער געענטפערט. אַ בריעף פון לעניג'ען איז נישט קיין געוועהנ־ליכער בריעף, נישט קיין בריעף פון אַ געוועהנליכען פּאָלקס־פאַר־טרעטער. דאָס איז אַ בריעף פון לעניג'ען. ער איז ווי אַ טאָגא. ער האָט גליק אָדער שמערץ אין זיך. אַ שלעכט וואָרט פון לעניג'ען

שניידט טיעף. לענין באזיצט אן אומגעהויערע ערציהונגס־מאכט, א סטימולירענדע מאכט, א דערהויבענדע מאכט, ווי דאס האט קיין רוסישער צאר נישט געהאט. לענין — דאס איז היינט רוסלאנד. צי דאס איז ליב צי טאטעל — לענין איז היינט רוסלאנד. דאס איז א פאקט, דאס זאגט יעדער איינער אויף די מאסקווער גאסען.

קארל ליעבקנעכט ווערט איצט אין רוסלאנד באט־אכט פאר א הייליגען. הונדערטער בילדער זיינע האב איך געזעהן אין מאסקווע. בילדער פון ליעבקנעכט'ען איז פולער גרוים, בילדער פון דעם ערמארדעטען ליעבקנעכט, ליעבקנעכט אויף דעם ווייכען־טויטען בעט, באדעקט מיט קראנצען פון מאי-גלעקלאך און רויטע טולפאנען.

ארבייטער־קלובען, גאסען, רעגימענטען ווערען א נאמען גע־געבען נאך קארל ליעבקנעכט. דערמאנט מען די דייטשע רעוואָ־לוציע, דעם דייטשען פראלעטאריאט, מוז מען אויך דערמאנען ליעבקנעכט'ען.

אבער ער איז נישט נאר אן אנדער נאמען פאר דער דייטשער רעוואלוציע, ער איז נישט נאר אידענטיפיצירט מיט דעם דייטשען פראלעטאריאט. זיין רוהם און זיין נאמען געהען ארוים ווייט פון די גרעניצען פון דייטשלאנד. אין אלע פראלעטארישע שולען אין רוסלאנד ווערט היינט ליעבקנעכט פאררעכענט פאר א פרייהייטס־העלד. מען באזינגט איהם, מען מאכט איהם נאך, מען גלאריפי־צירט איהם ווי א גוואלדיגע נאטור־קראפט, ווי א יסוד פון גוטען. אין מאסקווע איז ער, אזוי צו זאגען, דער זיעגפריד פון דעם פראָ־לעטאריאט.

קיינמאל וואלט ליעבקנעכט נישט געווארען אזוי בארימהמט און גלאריפיצירט, ווען מען וואלט איהם נישט ערמארדעט. ערשט איצט הויבט ער אן צו ווירקען. ער ווירקט ווי א מערכענהאפטע קראפט, און זיין ווירקונג געהט ארוים ווייט אריבער די גרעניצען פון דייטשלאנד.

מען פיהלט אין מאסקווע, אז ליעבקנעכט וועט ווערען א לע־גענדע, ער וועט ווערען א העלדען־געדאנק, א קרייץ־צוג, א גאל־גאטהא פון דעם פראלעטאריאט.

דער מעהל טראַנספּאָרט.

אכצעהן וואָגענס פאָהרען פארביי דעם קיטאַי מויער. אכצעהן וואגענס מיט מעהל, אין זעק. פופצעהן זעק אויף א וואָגען, 250 פונט אין יעדען זאק. דאָס מאכט 18 מאָל 3750, אָדער 67,500 פונט מעהל.

די טרייבער דרעמלען אויף די וואָגענס, קיין סאָלדאטען באגלייטען נישט דעם מעהל טראנספּאָרט. לאַנגזאַם געהען די פערד. ס'איז שרעקליך הייס, און טרייבען די פערד שנעלער איז אוממעגליך.

זיבען און זעכציג טויזענד פינף הונדערט פונט ווייסע מעהל, קיין קארטאָפעל מעהל, ווערט לאַנגזאַם געפיהרט איבער די מאָסקווער גאַסען.

קיין ווייס ברויט פון בעסערען סאָרט קריגט מען נישט אין מאָסקווע, אלענפאלס קאן מען דאָס נישט קריגען אויף דער פּאַרטיילונגס-קארטע. מען קריגט הארט ברויט, רויטליך ברויט. דער מאָגען בענקט נאָך ווייס ברויט, נאָך פריש ווייס ברויט מיט העלגעלע פּוטער.

ס'זיינען אויך פאראן הונגעריגע אין מאָסקווע, פאר וועמען ווייס ברויט איז כמעט א לעבענס-רעטונג.

אָבער קיינער קימערט זיך נישט וועגען דעם מעהל טראַנספּאָרט. קיינער שטערט איהם נישט, קיינער קוקט אויף איהם נישט מיט זשאַדנעקייט. די וואָגענס פאָהרען זיך גאַנץ געמיטליך, גאַנץ אומגעשטערט פארביי דעם קיטאַי מויער איבער דעם ברייטען פּלאַץ. קיינעם פאַלט נישט איין צו אַטאַקירען די וואָגענס, צו גנב'ענען פון די וואגענס, צו עפענען א זאַק בעת דער טרייבער דרעמעלט.

מען גנב'עט נאָך און מען רויבט נאָך אין מאָסקווע. אזוי שנעל קאָנען די גנבים נישט פארטריבען ווערען, אזוי שנעל קאָנען נשמות נישט אנטוועהנט ווערען. אָבער דער מעהל טראַנספּאָרט, אכצעהן וואגענס מעהל, א מאָגענס-פרייד, א באַלעבונג, כמעט א לעבענס-רעטונג, פאָהרט אומגעשטערט איבער די מאָסקווער גאַסען.

א באזוך אין א פאבריק.

די רוסישע ווירטשאפט קאן מען נישט באגרייפען און ארומ־כאפען, אַז מען וויינינסטענס נאָך נישט איצט, ווייל איצט איז זי אומבאהערשבאר. דאָס איז אַ ריזיג פעלד מיט טויזענטער פאר־שיעדענארטיגקייטען אין באצוג צו דעם כאראקטער פון ארבייט, די רויע מאטעריאלען, די פארקעהר־מיטלען און מעגליכקייטען, דעם קלימאט.

אַ קאפיטאליסטישע ווירטשאפט, אַ ווירטשאפט, וואָס הויבט ערשט אָן פארוואלטעט ווערען אויף סאָציאַליסטישע יסודות, קאָן מען איבערהויפט נישט ארומכאפען און באהערשען. קיין מענש אין דייטשלאנד קען נישט די דייטשע ווירטשאפט. און אויב אי־מיצער באריהמט זיך אין דייטשלאנד, אַז ער קען די דייטשע ווירט־שאפט, איז ער אָדער אַ פוסטער באריהמער, אָן אנשטעל־מאכער, אָדער אָן אייזעל. מען קאן זאָגאר נישט קענען די ווירטשאפט פון אָן איינצעלנער גרויסער שטאָדט, אפילו נישט אין די סטאַ־טיסטישע ביוראָס, כאָטש די עקאָנאָמישע סטאַטיסטיקער דענקען, אַז זיי האָבען דערגרונטעוועט ביז׳ן סאמע באָדען פון דער ווירט־שאפט.

איינצעלנע געביטען קאָן מען ארומכאפען און באהערשען. דער פאָרשער, דער געלעהרטער, דער עקספערט, וואָס קאָן קאָמ־בינירען ערשיינונגען, באלעבען ציפערן און פארטייטשען פאקטען, איז אימשטאנד אונטערצוכאפען די אלגעמיינע טענדענץ פון דעם ענטוויקלונגס־גאנג, די ענטוויקלונגס־ריכטונג פון אַ ווירטשאפט. ערשט די אמת׳ע סאָציאַליסטישע ווירטשאפט וועט מען קאָנען מיט׳ן אויג ארומכאפען און באהערשען. אָבער דערווייל איז נאָך סאָוועט רוסלאנד נישט אַזוי ווייט. די סטאַטיסטישע אר־בייט, די ארבייט פון רעגיסטראַציע, ווערט אין רוסלאנד אָנגע־פיהרט טיכטיג, אָבער זי איז נאָך ווייט נישט פארענדיגט. מען ווייסט די צאָהל פון די פאבריקען, וואָס ארבייטען נישט, דעם פראָצענט פון דער פראָדוקטיווער הינטערשטעליגקייט, די צאָהל פון די באשעפטיגטע און נישט באשעפטיגטע ארבייטער, און אַזוי ווייטער. אָבער דאָס איז נאָך ווייט פון אַ ווירטשאפטס־קאָנטראָל,

נאָך ווייט פון באַזיצען פולע אינפאָרמאַציע וועגען דער ווירטשאַפט.

פאַבריק־באַזוכען קאָנען דאַריבער זעהר וועניג געבען דעם עקאָנאָמישען פאָרשער. דאָס העכסטע, וואָס זיי קאָנען אויפדעקען, איז אַלגעמיינע טענדענצען. אָבער אפילו אַזוינע טענדענצען זיי־נען אין דער רוסישער ווירטשאַפט נאָך נישט באַשטימט און בולט. זיי זיינען רעזולטאַטען אין וועלכע מען מעג גלויבען, וועלכע מען מעג טרויען אויף דעם גרונד פון נישט סיסטעמאַטישע פאָרשונגען.

הינטער׳ן שטאָדט, ביים ענד פון דער קאַרל מאַרקס׳ גאַס, גע־פינט זיך אַ קליינע פאַבריק, די אַזוי גערופענע רוסיש־אַמעריקאַ־נישע פאַבריק, וועלכע ווערט באַטריבען און פאַרוואַלטעט פון גע־ניטע אַרבייטער, וואָס האָבען געקראָגען זייער ערפאַהרונג אין די פאַראייניגטע שטאַאַטען. אַ פאַבריק מיט 120 אַרבייטער, אַ וועַרקצייג פאַבריק מיט גוטע מאַשינען, גוטע לייטונג און גוטע קרעפטען. איך האָב דאָרט געזעהן ערשט־קלאַסישע אַרטיקלען, גאַנץ גענוי אויפגעמאַכט, מיט דער גרעסטער פינקטליכקייט, ביז צו אַ טייל פון אַ מילימעטער, פיין געפּאַסטע און פיין־געשניטענע שטאָהל־אַרטיקלען. די איינריכטונג פון דער פאַבריק איז נאָך נישט געווען פאַרענדיגט, אָבער די איינריכטונג וואָס איז דאָרט שוין דאָ, צייגט קלאָר, אַז די פאַבריק איז העכסט קוואַליפיצירט אין כאַראַקטער. אין דער דאָזיגער פאַבריק האָב איך געזעהן אַ ביי־שפּיעל פון דער ערציהונג פון רוסישע אַרבייטער דורך פרעמדער טעכניק. דאָס איז אַ זעהר וויכטיגע פּראָבלעם פאַר דער רוסי־שער אינדוסטריע, פאַר דער רוסישער ווירטשאַפט בכלל.

אַ זעהר פריינדליכער אַרבייטער האָט מיך אויפגענומען. ס׳איז געווען מיטאָג־צייט און די אַרבייטער — מענער און פרויען — זיינען געזעסען צוזאַמען און געגעסען. זייער מיטאָג מאָלצייט איז באַשטאַנען פון פיש־זופּ, קאַשע, ברויט און טיי. דאָס עסען איז געווען גאַנץ געשמאַק און זויבער. מען האָט מיך איינגעלאַדען און געגעבען אַ פּאָרציע. איך האָב פאַרזוכט, כאָטש איך בין גאָרנישט געווען הונגעריג. דאָס עסען איז געווען געשמאַק און זויי־בער. דער אַרבייטער וואָס האָט מיך געפיהרט איבער דער פאַב־ריק איז געווען גאַנץ צופריעדען מיט די שכירות און די עסענ־ווארגען. דאָ קריגען די אַרבייטער פּרעמיומס פאַר גוטער אַר־

בייט. מען האָט מיר דערצעהלט, אז ארבייטער פארדיענען פון 10 ביז 15 טויזענט רובעל א חודש, און דערצו נאָך קריגען זיי שפייז, קליידונג און אנדערע לעבענס־מיטלען צו די נידעריגסטע פרייזען. נעהמענדיג אין אנבאטראכט די נישטיג קליינע קויף־קראפט פון געלט, איז די דאָזיגע סומע גאָרנישט קיין הויכע. מעהרסטע מאָסקווער ארבייטער פארדיענען נישט אזוי פיעל. די אָנגעשטעלטע — אודאי נישט. אָבער קייןווירקליכער הונגער־נויט עקזיסטירט נישט. די דייטשע גרויסע שטעדט האָבען דורכ־געמאכט ערגערע קריעגס-צייטען. די ארבייטס-קליידער זיינען אלע נאָך דעם זעלבען מוסטער. ברוינע אנצוגען מיט גאנץ ברייטע הויזען ,געמאכט פון שטארקען שטאָף. זיי זיינען עהנליך צו די אנצוגען פון די פראנצויזישע בארג־ארבייטער. זיי זיינען באק־ווער און דער ארבייטער קאן זיך אין זיי באוועגען. איך האָב אין דער פאבריק פארבראכט א שעה צייט.

אויף דעם צווייטען טאָג האָב איך באזוכט די פראָכאָראָוו מאַ־נופאקטור פאבריק נעבען מאָסקווע, איינע פון די גרעסטע טעקסטיל פאבריקען אין רוסלאנד.

אין דער פאבריק האָט מען נישט געארבייט,, ווייל ס'האָט געפעהלט ברען־מאטעריאל. די ארבייטער האָבען פאררירכט און געבראכט אין אָרדנונג די טעכנישע אפאראטען. מיר זיינען דורכ־געגאנגען דורך א קאָנטראָל ביים אריינגאנג פון דער פאבריק. אן ארבייטער, באגלייט פון ספעציאליסטען, האָט אונז געפיהרט איבער דער פאבריק.

אלעס איז געווען אין בעסטער ארדנונג. די מאשינען גרייט צו לויפען, די וועב־שטולען און די שפינדלען — ריין און פארטיג צו דער ארבייט. אלעס איז געווען אויסגעריכטעט ווי געהעריג, יעדע זאך אויף'ן געהעריגען אָרט. די טרייב־מאשינען זיינען געווען געפוצט און העל באלויכטען. די שוץ איינריכטונגען זיינען געווען אין בעסטער אָרדנונג.

שפינערייי, וועבערייי, דאָס מאשינען־הויז — אלעס איז גע־ווען איינגעריכטעט אָהן א פגימה, אלעס האָט געשטימט. די באגלייטער אונזערע זיינען שטאָלץ אויף דעם צושטאנד פון דער פאבריק, און זיי האָבען געהאט א רעכט צו זיין שטאָלץ. זאָלען

זיי נאָר אריינקריגען ברען־מאַטעריאַל, און דער ריעזען־אַפּאַראַט וועט פונקציאָנירען אויף דעם צווייטען טאָג. יעדעס ווינקעלע איז זויבער, אַלעס בליסטשעט. מען וואַרט מיט בענקעניש אויף ברען־מאַטעריאַל.

מען האָט אונז געצייגט די סקלאַדען טוך און אַנדער „סטאָק". אַלעס איז געוועזן גענוי רעגיסטרירט. איינער פון אונז האָט גע־מאַכט אַ רעגיסטרירונגס-פּראָבע, אַ „פּראָווערקאַ". זי האָט פאַל־שטענדיג געשטימט. מען האָט זיך אויף אונז נישט גערעכנט, און מען האָט נישט געבראַכט די פאַבריק אין אָרדנונג פאַר אונזערט־וועגען. מען האָט געלאָזט וויסען וועגען אונזער באזוך בלויז אַ האַלבע שעה איידער מיר זיינען אָנגעקומען. מיר האָבען, אַלזאָ, געזעהן דעם פאַקטישען צושטאַנד פון דער פאַבריק און נישט קיין „צוגעפּיקסטען".

איך האָב דאָרט געזעהן אונגעהויערע מענגען פון גוטען איינ־פאַכען בוימוואָל טוך. איך האָב דאָרט געזעהן פאַרביגע געדרוק־טע געוועב (ציט) מיט זעהר שעהנע מוסטערען. דאָס זיינען גע־ווען די באַקאַנטע מאָסקווען ציטען, וואָס מען האָט פאַר דער מלחמה שוין געזעהן אין דייטשלאַנד אויך. די מאָסקווער טעקסטיל אינ־דוסטריע איז דורכאויס אַ מאָדערנע. זי האָט די בעסטע מאַשינען און באַנוצט זיך מיט די בעסטע מעטאָדען.

מיר האָבען אויך באַזוכט דעם עס־זאַל און די קיך. דער זאַל איז אַ גרויסער. די קיך איז ריין, די קעסלען זויבער געשייערט. אין עס־זאַל געפינען זיך פאַרשיעדענע סאָוועט־צושריפטען און אויפרופען.

די פּראָכאָראָוו פאַבריק איז אַ קליינע פאַבריק־שטאָדט, איינע פון די גרויסע רוסישע פאַבריקען, וועלכע זיינען שטעדט פאַר זיך; דאָס הייסט, די ארבייטער וואוינען אין דער פאַבריק. דער אייגענ־טימער האָט געוואוינט אין אַ שעהן הויז, נעבען דער פאַבריק. איצט איז דאָס הויז אַ פּראָלעטאַרישע קינדער־היים. די ארבייטער וואוי־נונגען זיינען קאַזאַרמען און הייסען קאַזאַרמען. דורכשניטליך וואוי־נען אין איין צימער זעקס פּערזאָן. די ארבייטער וואָלטען געקאַנט וואוינען באַקוועמער, זיי וואַלטען אין שטאָדט געקאָנט קריגען

גראַמערע צימערען, אָבער זיי ווילען וואוינען ניט ווייט פון דער פאַבריק.

עס איז בלויז אַן איבערגאַנג, אָבער דער איבערגאַנג איז שוין באַדייטונגספול. ריינקייט איז איינגעפיהרט געוואָרען אין די קאַזארמען. די טישען גלאַנצען, די בעטען זיינען ריין, די מענער און פרויען זיינען ציכטיג געקליידט. די געזונטהייטס־פעדאַגאָגען האָבען דאָ אויפגעטאָן אַ סך גוטע ארבייט, די געזונטהייטס־פעדאַגאָגען און די פאַבריק־קאָמיטעס, וועלכע ווילען מעהר קיין שמוץ נישט דולדען.

פרויען שטעהען ביי די אויוועס און די ריזיגע קעסלען און באַקען און קאָכען פאַר די ארבייטער. די ארבייטער ווערען גוט געשפּייזט. קיין אויסגעצעהרטע פּנים'ער האָב איך דאָרט נישט געזעהן.

די שול־קינדער (שולען און שפּיעל־פּלעצער געפינען זיך אויף דעם פאַבריק־לאַנד) ברענגט מען זומער אין דאָרף אריין אויף וואַקאַציע. די ווילאַ פון דעם פריהערדיגען באַזיצער איז איצט אַ היים פאַר זויג־קינדער און דערוואַקסענע — מיט אַ סך בעטען, מיט גליקליכע שוועסטער, מיט שפּיעל־צייגען, מיט שפּיעל־זאַלען, מיט קינדער־באַזוכען, מיט אַלע זאַכען וואָס אַ קינד האָט ליעב.

איך ווייס נישט אויב פיעלע פאַבריקען אין רוסלאַנד זיינען מוסטערהאַפט איינגעריכטעט, אָבער די פּראָכאָראָוו פאַבריק איז אַ מוסטער־פאַבריק אין יעדען הינזיכט. די הויפּט צרה איז, וואָס די אייזענבאַהנען ארבייטען אַזוי שלעכט און קאָנען נישט צושטעלען די נויטיגע מאַטעריאַלען. קיין מינוט טאָר אַזאַ פאַבריק נישט שטעהן לעדיג. די ארבייטער ווילען ארבייטען און האָפען יעדען טאָג אויף ארבייט.

נאָכדעם ווי מיר האָבען אַלצדינג באַקוקט, האָט מען אונז איינגעלאַדען אין דעם זיצונג־צימער פון דער פאַבריק־קאָמיטע. מען האָט אונז אויפגענומען אַלס אָנגעזעהענע געסט. וועגען דער דאָזיגער אויפנאַהמע מוז איך זאָגען עטליכע ווערטער.

צוויי אריינדרינגענדע ערשיינונגען, צוויי באַלייכטענדע ערשיינונגען האָב איך בייגעוואוינט אין מאָסקווע: אַ געשפּרעך מיט קרישאַנאָווסקי, דעם עלעקטריציטעטס־הערשער פון רוסלאַנד, לע־

נינ׳ס א פריינד, און יענע זיצונג מיט דער פאבריק קאָמיטע פון דער פּראָכאָראָוו מאנופעקטור. דער געשפּרעך מיט קרישאנאָווסקי׳ן האָט פאר מיר קלאָר געמאכט דעם עקאָנאָמישען זין פון דער רע־וואָלוציע און די זיצונג מיט דער פאבריק קאָמיטע — דעם פּסי־כאָלאָגישען זין.

דאָס איז געווען צום ערשטען מאָל, אז איך בין אויפגענומען געוואָרען אלס גאסט מיט די אייגענע מיטלען, מיט די אייגענע כוחות, אוים אייגענער גאסט־פריינדשאפט, אויף דעם אייגענעם פּראָדוקציאָנס־באָדען פון דעם פּראָלעטאריאט. א גאנץ נייע וועלט — אין דעם זיצונגס-צימער פון דער פאבריק קאָמיטע פון דער פּראָכאָראָוו מאנופעקטור. אין דער קאָמיטע איז אויך געווען א מיטגליעד פון דער פּראָכאָראָוו פאמיליע, די פריהערדיגע טעקסטיל־דינאסטיע פון רוסלאנד. ער האָט זיך צוגעפּאסט צו דער נייער אָרדנונג, צו די נייע אומשטענדען. אָבער ער איז שוין מעהר נישט געווען דער פּריוואט־באזיצער פון דער פאבריק. ניט ער האָט דאָ אויפגענומען געסט, נאָר די ארבייטער און ער — מיט זיי צוזאמען. צו זיי געהערט די פאבריק, נישט אין זין פון פּריוואט אייגענטום, נאָר אין דעם זין פון געזעלשאפטליך אייגענטום, אין דעם זין פון סאָציאליזם. דאָס איז געווען א גאנץ נייע גאסט־אויפנאהמע, א רעוואָלוציאָנערע גאסט־אויפנאהמע, א גאסט־אויפ־נאהמע פון דער נייער צייט. מען האָט אונז מכבד געווען מיט פיש, טיי, קליינע קיכעלעך, צוקער, ברויט. פיש, טיי, ברויט און צוקער פון דער אייגענמעכטיגקייט פון דעם פּראָלעטאריאט, פון דער זעלבסטבאשטימונג פון די ארבייטער. פאר מיר אלענפאלס איז דאָס געווען א נייע וועלט. מען האָט אונז אויפגענומען מיט באשיידענהייט און ווירדע. איבער די מאשינען אין דער פאבריק און אין די קאזארמע־צימערען זיינען געהאנגען הייליגע בילדער, אָבער די ארבייטער זיינען מעהר נישט דעמוטיג, מעהר נישט געדריקט גייסטיג.

די גאנצע פאבריק־קאָמיטע מיט דעם פּאָרזיצענדער זיינען געווען אנוועזענד. מען האָט אונז דערצעהלט, ווי די ארבייטער האָבען מיט געוועהר פארטיידיגט די פאבריק נעגען קאָנטר־רע־וואָלוציאָנערען און מען איז אויך איצט גרייט צו פארטיידיגען די

פאבריק מיט געוועהר געגען יעדען אַנגריף פון קאָנטר־רעוואָלו־ציאָנערען. די ארבייטער פון דער דאָזיגער פאבריק האָבען פאַקטיש אויסגעקעמפט די פאבריק, די מאַכט איבער דער פאבריק.

מיר האָבען געשטעלט פראגען און באקומען ענטפערס. מיר האָבען געשטעלט פראגען וועגען די אויפגאַבען פון דער פאבריק קאָמיטע, וועגען דער געשיכטע פון דער נאַציאָנאַליזאַציע פון די פאַבריקען, וועגען דעם איינפלוס וואָס די יוניאָנס איבען אויס אויף דער פארוואַלטונג פון דער פאבריק. די ענטפערס זיינען גע־ווען קלאָר, באַשטימט, פליסיג אויסגעדריקט. זיי האָבען אַלע גע־מאַכט אויף מיר דעם איינדרוק פון מענשען וואָס זיינען פעהיג צו פארוואַלטען די פאבריק, אָנצופיהרען ווי געהעריג די פּראָדוקציע אין דער דאָזיגער ריזען־מאַנופעקטור. איך ווייס נישט אין וויפיעל רוסישע פאבריקען די ארבייטער זיינען פעהיג צו פארוואַלטען זיי ווי געהעריג, אָבער די ארבייטער פון דער פּראָכאָראָוו מאַנופאַקטור זיינען קוואַליפיצירט פאר דער אויפגאַבע.

די ארבעטער זיינען געווען פרעהליך, זיי האָבען זיך געפיהלט גליקליך אין דעם גאַסט־צימער. זיי האָבען געמאַכט דעם איינ־דרוק פון באַשייעדענע, זעלבסט־באַוואוסטע, ארבייטס־לוסטיגע און קאַמפּס־באַרייטע מענשען. איך בין זיכער, אז ווען אימיצער וואָלט געפּרוּווט איינצונעהמען סאָוועט־רוסלאַנד מיט גוואַלד, וואָלט ער געמוזט שטורמען יעדע פאבריק באַזונדער, נאָכדעם ווי ער האָט פארניכטעט דעם רויטען פראָנט. איך גלויב אז דאָס וואָלט זיין אוּנמעגליך, איך גלויב אז דאָס איז אוּנמעגליך. ללאָיד דזשאָרדזש איז גערעכט: מען קען סאָוועט־רוסלאַנד נישט ביי־קומען מיט געוועהר.

איך האָב געהערט וועגען רוסישען ארבייטס־מאַנגעל, איך האָב זאָגאר געזעהן אַן ארבייטס־מאַנגעל אין רוסלאַנד, און איך וועל נאָך וועגען דעם שפּעטער ריידען. אָבער די ארבייטער פון דער פּראָכאָראָוו־פאבריק האָבען מיר געגעבען גרויסע האָפנונגען פאר רוסלאַנד, פאר דער ערציהונג און פעהיגקייט פון איהרע ארבייטער. רוסלאַנד איז נאָך נישט פארלאָרען.

אויף מאָרגען זיינען מיר ווידער געווען געסט אין דער פּראָ־כאָראָוו־פאבריק. מיר האָבען איינטייל גענומען אין דער זיצונג

פון דער קאָמוניסטישער פּראַקציע פון דער פאַבריק. ס'איז געווען א קליינער מיטינג, א קאָמוניסטישער פאַמיליען־מיטינג, אזוי צו זאָגען. מען האָט אונז באַגריסט, מען האָט געלייגט האַפּ־נונגען אויף אונז, מען האָט אונז פאַרגלייכט מיט פאַראַליזירטע מענשען, מען האָט אָנגענומען א רעזאָלוציע און מען האָט אונז ווידער אמאָל מכבד געווען אלס געסט, מיט דער הערצליכקייט ווי מען נעהמט אויף אמת'ע פריינד.

די קאָמוניסטישע פראַקציעס, אָפטמאָל גאָר קליינע גרופּען, באַהערשען די פאַבריקען. נישט מיט טעראָר, נאָר מיט זויבערע מאָטיווען, מיט קלאָר ע ציעלען, מיט ארבייטס־באַוואוסטזיין, מיט א גראַדער פּראָגראַם. דאָס זיינען נישט קיין גוואַלד־פראַקציעס, קיין דיקטאַטאָרישע גרופּען, נאָר דיסציפּלינירטע פּראַקציעס, פון מוסטער־ארבייטער, פון קאָמוניסטישע זונטאָג־ארבייטער. זיי האָבען די מאַכט ווייל זיי דיענען אלס ביישפּיעלען. געוויס זיינען אין דעם דאָ א סך חסרונות, אָבער די הערשאַפט אוים ביישפּיעל, די הערשאַפט, אוים פּראָגראַם־פעסטקייט איז אַן אומבאַשטרייט־באַרער פאַקט. די דאָזיגע פראַקציעס זיינען ווי די פאַגאָציטען, די מיקראָסקאָפּישע חיה'לאַך אין דעם מענשענ'ס בלוט, וואָס פיהרען אַן אומאויפהערליכען קאַמף אויף לעבען און טויט מיט די שעדליכע קראַנקהייטס־מיקראָבען; זיינען צו יעדער מינוט גרייט צו פאַרניכטען, אויפצופרעסען אלע שלעכטע זאַפטען אין דעם אָרגאַניזם פון דער פאַבריק. די רוסישע רעוואָלוציע בכלל איז געווען א פאַגאָציטען־רעוואָלוציע, א קאַמף געגען צושטע־רענדע, פאַרניכטענדע כוחות

זיי האָבען גערעדט און מיר האָבען גערעדט. רעדעס, פאַר־שפּרעכונגען, סאָלידאַריטעט־פאַרזיכערונגען פוןביידע זייטען, באַ־גריסונגען, אַפּלאָדיסמענטען, בראַוואָס — און דער אָפיציעלער טייל פון אונזער באַזוך איך פאַראיבער. מיר האָבען געוואָלט אוועקגעהן. מיר האָבען זיך געוואָלט ארויסרוקען, נישט דורך דעם מיטעלען ארויסגאַנג, כדי נישט צו שטערען די פאַרזאַמעלטע. אָבער מען האָט אונז געצוואונגען — פריינדליך, אָבער געצוואונ־גען — ארויסצוגעהן דורך דעם צענטער, און מען האָט אונז וואַרים אַפּלאָדירט ביז מיר זיינען פאַרשוואונדען פון צימער. יענער

מיטינג־פּאָרזיצענדער, דער שפּראַכען קענער מיט דער שוואַרצער באָרד און געטאָקטע גליעדער האָט אונז באַגלייט ביז צום וואָגען. ער איז אויך געווען דער פּאָרזיצענדער פון דער פראַקציע.

איך וועל קיינמאָל נישט פארגעסען דעם דאָזיגען באזוך אין דער פּראָכּאָראָוו פאבריק. דאָס איז פאר מיר געווען אַן ענטהי־לונג פון דער רעוואָלוציע. צום ערשטען מאָל האָב איך באַגריפען דאָס, וואָס איך האָב ביז אהער נישט געקאָנט באגרייפען, וועגען וואָס איך האָב געהאַט בלויז א שוואכע אהנונג — די פסיכאָלאָגיע פון דער רעוואָלוציע. אויך די באַגרענצונגען פון דעם מארקסיזם, זיינע אָפּגעשלאָסענהייטען. נישט פיליכט דעם טריאומף פון דעם מארקסיזם, אָבער די פּסיכאָלאָגיע פון דעם ציעל־מארקסיזם, פון דעם לעניניזם. דאָ האָב איך געזעהן פאר זיך א גרויסע אויפ־גאבע, פיליכט די גרעסטע אויפגאבע פאר די קומענדע צעהנדליגער יאָהרען.

אַן אויפּריים.

איך בין געגאנגען פון מיין ווירטשאַפט־שטודיום מיט דעם פּראַכטפולען מעטאַל־אָרגאַניזאַטאָר שטינקעל. דער פּראַכטפולער לאַנדרא איז געגאנגען מיט מיר. מיר זיינען געגאנגען איבער די מאָסקווער שאָסייען. די קופּאָלען פון דער קרעמעל־שטאָדט האָבען געגליהט, די וואסילי קירכע האָט געשפּיעלט מיט איהרע טויזענ־דער קאָלירען.

מיר זיינען געגאנגען איבער דעם רויטען פּלאַץ. פּלוצים האָבען זיך באַוויזען וואָלקענס אויפ'ן הימעל. א ווייטע שיסעריי האָט זיך דערהערט. א שפיגעל שויב האָט געפּלאַצט אין דער געביידע פון דעם ארבייטס־קאָמיסאַריאַט. שטיקלאך גלאָז האָ־בען געטראָפען א פארבייגעהער אין קאָפּ אריין. ער האָט זיך דערשראָקען און גענומען לויפען. דער פּלאַץ איז מיט אמאָל געוואָרען ליידיג. מענשען האָבען זיך געאיילט צו די ארויסגענג. די איווערישע מאַדאָנאַ איז פארלאָזט געוואָרען. בלויז די ליכט־לאַך האָבען נעבען איהר געברענט.

נייע וואָלקענס זיינען ארויפגעשוואומען, אומאָרגאַנישע

וואָלענס. די קאַנאַנען שיסערייַ איז נישט געווען קיין רעגעל־מעסיגע, קיין דיסציפּלינירטע. א שאַרפער קנאַל, א טעמפּער קנאַל, עטליכע קנאַלען מיט אמאָל.

איבער דעם טעאַטער פּלאַץ לויפען מענשען. שויבען פּלאַ־צען איבעראַל. א שטראָם פון דריקענדער לופט פרעסט זיך געגען דעם ווינקעל פון קרעמל־מויער, שפּרייט זיך אויס איבער דעם ברייטען פּלאַץ, רייסט זיך אריין אויף דער מיאַסניצקאַיאַ גאַס, ברעכט שויבען און יאָגט די מענשען. די שטאָדט ברומט, די שטאָדט טרייסעלט זיך, דער באָדען ציטערט, שויבען פּלאַצען.

וואָס איז געשעהן? אין די צייטונגען איז געווען א באַ־רוהיגונגס־נאָטיץ. נישט ווייט פון מאָסקווע ראָטעט מען אויס וואַלד פאַר אגראנאָמישע צוועקען און מען באַנוצט זיך מיט אויפרייס־שטאָפען. אזוי איז געווען געשריבען.

מיר זיינען געווען אין כעס. ווידער אמאָל א רוסישער אָר־גאַניזאַציאָנס־אונזין, האָבען מיר געזאָגט. מסתמא האָט מען אוועקגעלעגט צופיעל אויפרייס־שטאָף אונטער די וואָרצלען און איצט דערגרייכט דער אויפרייס אזש ביז דער שטאָדט. אזוי האָבען מיר געמיינט.

עס האַלט אין איין קנאַלען. אויפרייס נאָך אויפרייס. די שויבען פון אונזער הויז בויגען זיך. די קינדער זיינען דער־שראָקען און הערען זיך איין מיט אנגסט.

דאָס האָט געדויערט ביז שפּעט ביינאַכט.

וואָס האָט פּאַסירט?

אויף מאָרגען האָט מען מיר דערצעהלט, אז א מוניציאָנס־סקלאַד נישט ווייט פון מאָסקווע איז אויפגעריסען געוואָרען. מען ווייסט נאָך נישט צי דאָס איז געווען א צופאַל, צי די ארבייט פון קאָנטער־רעוואָלוציאָנערען. אויסער צובראָכענע שויבען האָט מאָס־קווע פון דעם אויפרייס גאָר נישט ניט געליטען.

אבער, דערצעהלט מיר איינער מיט שטאָלץ, עלף א זייגער ביינאַכט איז די גאַנצע קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון מאָסקווע מאָ־ביליזירט געווען. עלף אזייגער ביינאַכט אין א רוהיגער צייט, זיינען זיי אלע געווען אויף די פיס, מיט געוועהר אין די הענט, גרייט צו קעמפען, צו פאַרטיידיגען, צו ראַמען, צו העלפען. דער

אויפריים האָט, אלזא, געדיענט אלס א גענעראל־פראבע פאר דער וואכזאמקייט פון דער קאמוניסטישער פארטיי. די מאנעווורע איז געווען אן ערפאלג. די קאָמוניסטישע פארטיי פון מאָסקווע איז געווען גרייט — אויך אין רוהיגע צייטען.

ביז דאן האָב איך נישט געוואוסט פון דער באררייטשאפט פון דער דאזיגער פארטיי. איך האָב נאָך נישט געוואוסט פון דער דאזיגער מיליטערישער דיסציפלין, וואס הערשט אין דער פארטיי. איך האָב נישט געוואוסט, אז אפילו אין רוהיגע צייטען איז זי גרייט צו יעדער מינוט זיך פארזאמלען, מאָביליזירט ווערען ווי איין מאַן. צו יעדען אויגענבליק, צו יעדער מינוט פון געפאהר זיינען זיי גרייט צו זיין וואו מען דארף זיי, געפיהרט און געטריבען פון זייער זעלבסטבאוואוסטזיין, פון זייער אפפערווויליגקייט. גאר ווע־ניגע האָבען געפעהלט.

צו פריהמאָרגען צו האָט דאָס קנאלען אויפגעהערט. זעלטען ווען איך האָב אין דער מלחמה אויף די מערב פראָנטען געהערט אזא קאנאָנאדע. אבער אין מאָסקווע איז מען גרייט, אלארם־פערטיג, ווי אויף יענע פראָנטען. נישט מיט זיכער געווער, נאָר מיט אָפּ־פערבארייטשאפט, מיט דיסציפלין, מיט דעם חוב צו קומען צו הילף ביי יעדער געפאהר, ווען שנעלע אונדיסציפלינירטע וואלקענס באַ־וויזען זיך פלוצים אויפ׳ן הימעל.

די פארטיי.

די רוסישע קאָמוניסטישע פארטיי (באָלשעוויקעס) איז קליין אין צאָהל. זי פארמאָגט סך הכל ארום 600,000 מיטגלידער. 600,000 מיטגלידער מיט א באפעלקערונג פון 150 מיליאָן.

עס זיינען פאראן טעריטאָריעס אין רוסלאנד, אין צפון רוס־לאנד, צום ביישפיעל, וואו ס׳זיינען דאָ גאר ווייניג קאָמוניסטען. דאָך הערשט די קאָמוניסטישע פארטיי איבער רוסלאנד. זי באַ־הערשט אפשר נישט אלע נשמות אין רוסלאנד. אבער די פאר־וואלטונגס־מאשין און די ארמייע געפינט זיך אין די הענט פון די באָלשעוויקעס.

נישט פיעל מעהר ווי זעקס הונדערט טויזענט מענשען הער־

שען פאַקטיש אין סאַוועט רוסלאַנד. איצט נאָך א סך ווענינער ווי זעקס הונדערט טויזענט, ווייל א גרויסער טייל, פיליכט דער גרעסטער טייל, פון דער מיטגלידערשאַפט פון דער פאַרטיי, איז ביים פראָנט. מאָסקווע, צום ביישפּיעל, ווערט פאַרוואַלטעט פון גאַר ווענינ קאָמוניסטען. קיינמאָל פריהער האָט א רעזשים גע־הערשט מיט אזוי ווענינ מענשען.

עס מוזען דערצו זיין אורזאַכען, טיפע אורזאַכען, פונדאַמענטאַ־לע אורזאַכען. א פאָלק פון 150 מיליאָן מענשען קאָן ניט דולדען פאַר א לאַנגער צייט די הערשאַפט פון אַזא קליינער מינדערהייט. א פאָלק האָט אימער כוח גענוג צו באזייטיגען די הערשאַפט פון א מינדערהייט, ווען נאָר עס וויל אזא הערשאַפט באזייטיגען.

דער ווילען צו באזייטיגען די מינדערהייט־הערשאַפט פעהלט אין רוסלאַנד. פאַרוואָס? ווייל קיינער ווייסט נישט, ווער עס דאַרף און קאָן פאַרנעהמען דעם פּלאַץ פון די באָלשעוויקעס, ווער עס זאַל אריינטרעטען אין מאכט און ווי אזוי אנדערש צו פאַרוואַל־טען דאָס לאַנד.

פיעלע מענשען אין מאָסקווע רעדען מיט באגייסטערונג וועגען דעניקינען. אבער אז מען פרעגט זיי וואָס פאַר א פאַרבעסערונ־גען דעניקין וועט אריינברענגען, שווייגען זיי. זיי ווייסען נישט און קאָנען נישט וויסען, ווייל קיין פּאַרטיי, קיין מאכט־האָבענדע גרופּע קאָן נישט אויפטאָן עטוואָס בעסערס ווי די באָלשעוויקעס.

איך האָב נאָכגעזוכט די אורזאַך, די אורזאַכען פון דער באָל־שעוויסטישער הערשאַפט. ס'איז א פּראָבלעם פון אומגעהויער גרוי־סער באדייטונג פאַר דער גאַנצער וועלט. איך האָב נאָכגעזוכט די אורזאַכען און בין געקומען צום פאָלגענדען שלוס:

ווען די באָלשעוויקעס האָבען איבערגענומען די מאכט האָבען זיי מיט דעם בלויז באפעסטיגט און ארגאַניזירט א שוין עקזיס־טירענדען צושטאַנד. זיי האָבען בלויז אויפגעבויט אן ארגאַניזאַ־ציע צו ראַנגלען זיך מיט דער אומגעהויער שווערער לאַגע אין לאַנד און צו טאָן דאָס מיט דער הילף פון די פּראָלעטאַרישע כוחות. אלע אנדערע ערשיינונגען, וואָס האָבען באגלייט דאָס באָלשעוויסטישע מאכט־איבערנעהמען, זיינען געווען בלויז נעבען־זאַכען, וויכטיגע צי נישט וויכטיגע, אבער בלויז נעבען־זאַכען. איך האָב זיך, דאַכט

זיך, דערגרונטעוועט צום אמת'ן כאראקטער פון דער באָלשע־וויסטישער רעוואלוציע, וועלכע איז געווען נישט מעהר ווי א מוז־רעוואלוציע, געפיהרט פון מענשען וואס האָבען נישט דורכגעלאזט קיין געלעגענהייט.

דאָס איז געווען די אורזאך פון דער מאכט־פארכאפּונג און פון אָנפאנג — אויך די אורזאך פאר וואס די באָלשעוויקעס האָ־בען זייער מאכט געקאָנט באפעסטיגען. באפעסטיגט, ווירקליך באפעסטיגט האָבען זיי זייער מאכט בלויז דורך טאַקטיק, אפילו א פּרינציפּיעלע טאַקטיק, אבער א בויגזאמע און בייטענדע, גע־בזיט, אזוי צו זאָגען, אויף א קאָמוניסטישער, רעאל־פּאָליטישער פּראגראם, אויף א קאָמוניסטיש־דיפּלאָמאַטישער פּראגראם.

די דיקטאטור פון פּראָלעטאריאט, וואס די רוסישע קאמוניס־טישע פארטיי האָט פּראקלאמירט, איז אויף אזוי פיעל א ווירקליכע דיקטאטור פון פּראָלעטאריאט, אויף וויפיעל דער גרעסטער טייל פון דעם רוסישען פּראָלעטאריאט, די אינדוסטריעלע ארבייטער און דאָס קליין־פּויערטום, באנוצט זיך מיט די באָלשעוויסטישע פארוואל־טונגס־פארמען. אויסער דעם איז עס א דיקטאטור פון דער רוסי־שער קאָמוניסטישער פארטיי, וועלכע זוכט פּשוט אויסצונוצען און צו ארגאניזירען די מעגליכקייטען פאר דער ענטוויקלונג און איבער־בוי פון לאנד. דאס, אין עלטיכע ווערטער, איז די גאנצע אורזאך פון דער באלשעוויסטישער הערשאפט.

רוסלאנד איז אין איהר גרעסטען טייל נישט קאמוניסטיש, אבער זי איז אין איהר גרעסטען טייל סאוועטיסטיש. דאָס איז דער סוד. קיין אנדער רעגירונגס־סיסטעם איז נישטאָ, און ס'וועט נישט זיין פאר א לאנגער צייט. זי איז נישט אלע מאָל אויסגעהאל־טען. זי טרעט אָפּ פון איהרע פּרינציפּען אויס רעאל־פּאָליטיק — און וועגען דעם דערצעהלט מען אונז גענוג אונזין — אבער די סיס־טעם איז איינגעווארצעלט אין לאנד און קאָן נישט אויסגערָאָ־טעט ווערען. אפילו א צאר וואָלט נישט געווען אימשטאנד זי אויסצוראטען. ער וואָלט געקאָנט זיין בלויז א צאר איבער דער סאוועט־סיסטעם, און דאָס מיינט — קיין צאר. מען מוז דאָס איינמאָל פאר אלע מאָל פארשטעהן. דאָס איז אזוי, דאָס קאָן נישט זיין אנדערש. און אמעריקא און אייראָפּא שאדען נאר זיך

אליין, ווען זיי גלויבען, אז מען קאן זיך אויסדרעהען פון דער סאוועט-סיסטעם.

פּיליכט איז מעגליך ארויסצודרינגען די רוסישע קאָמוניס־טישע פּארטיי פון איהר מאכט-פּאָזיציע, און צו ענדערען די אדער יענע איינצעלהייט. ס'איז אָבער אוממעגליך צוריקצוקירעווען דעם ענטוויקלונגס-גאנג.

די רוסישע קאָמוניסטישע פּארטיי האָט אויף אלצדינג א פּראָ־גראם, שטעלט פעסט גרונד־פּרינציפּען פאר יעדער געזעלשאפט־ליכער ערשיינונג און זוכט צו האנדלען אין איינקלאנג מיט איהר פּראגראם און גרונד פּרינציפּען. זי איז ווי א יעזואיטען ארדען — זי טרעט נישט אָפּ פון איהרע גרונד־פּרינציפּען, און זי גיט נאָך, געהט איין אויף קאָמפּראָמיסען דאָרט וואו די דאזיגע גרונד פּרינ־ציפּען ווערען נישט אָנגערירט. זי איז שטייף און בויגזאם. זי ער־ציהט איהרע שטאאטסלייט אין א שטרענגער דיסציפּלין און זי איז גרייט אויף הנחות אין אלצדינג — אין נאָמען פון איהרע גרונד פּרינציפּען.

זי קאָנטראלירט פּאקטיש די רעגירונגס-עמטער, פון די קלענ־סטע ביז די גרעסטע, זי באהערשט די פּאליטישע און עקאָנאָמישע פּארוואלטונג. זי באהערשט די ארמיי מיט גאר ווייניג מענשען. אן ארמיי לאָזט זיך באהערשען פון א קליינער צאָהל מענשען בלויז דאַן, ווען די קליינע צאָהל מענשען אנערקענען די באַדערפּנישען פון דער ארמיי פאר די באדערפעניסען פון לאנד, ווען זיי שטעלען צופרידען די באדערפעניסען פון דער ארמיי.

די רוסישע קאמוניסטישע פּארטיי זוכט איינצואָרדענען די נאציאנאלע פּארהעלטניסען, די יוסטיץ, פאלקס-בילדונג, די רע־ליגיעזע באציהונגען — דאָס גאנצע עקאָנאָמישע לעבען און די סאציאלע פּאָליטיק פון סאוועט רוסלאָנד.

אויף דארויף מוז זי האבען אווירקליכע דיסציפּלין. זי מוז זיין א מיליטערישע ארגאניזאציע, א פּיאנערען־ארגאניזאציע, אן אויסדויער־ארגאניזאציע געגען אלע ווידערשטאנדען וואָס זיינען נאָך פאראַן.

דעריבער איז די פּארטיי אזוי פאָרזיכטיג ביים אריינגעמען נייע מיטגליעדער. זי לאָזט נישט אריין יעדען איינעם, זי אונטער־

זוכט, זי פּרובירט. זי נעהמט אויף א נייעם מיטגליעד נאָך א שטרענגער, אויספיהרליכער אונטערזוכונג.

די פּארטיי וואלט געקאָנט זיין פיעל גרעסער ווען זי וואלט דאָס געוואלט. פיעלע ווילען אריינטרעטען אין דער פּארטיי, אבער זיי ווערען נישט אויפגענומען. מיטגלידערשאפט אין דער פּארטיי מיינט א וויכטיגע רעגירונגס־שטעלע פריהער אדער שפּע־טער, און דינט אלס שוץ. אבער די פּארטיי קאָן פּארטרויען וויכ־טיגע פּאסטענס בלויז צו די יעניגע, וואס זיינען איהר איבער־געגעבען מיט דעם גאנצען הארצען, וואס זיינען גרייט זיך צו מקריב זיין פאר איהר. בלויז אזוינע נעהמט זי אריין און זי באשיצט זיי אויך.

עס זיינען, זעלבסטפארשטענדליך, פאראן אויך אין דער רו־סישער קאָמוניסטישער פּארטיי מענשען וואס זיינען בלויז אויסען א רעגירונגס־שטעלע, מענשען וואס חנפ'ענען זיך און פּוצען די שטיוועל ביי די גדולים. קיין פּארטיי איז נישט געשיצט געגען אזעלכע מענשען און די רוסישע קאָמוניסטישע פּארטיי איז נישט קיין אויסנאהם.

מאָסקווער צייט.

דער זייגער געהט פאָראויס אין מאָסקווע, זומער — אויף עטליכע שעה. מען פאנגט דעריבער אָן די ארבייט פריה און מען ענדיגט זי פריה. מיטאָג־צייט, נאָך בערלינער צייט, שליסען זיך די פאבריקען און די ביוראָס. ס'איז גוט אזוי, ווייל דער עולם קאָן אויסנוצען דעם טאָג פאר רוה און ערהאָלונג. מאָסקווע נויטיגט זיך אין ערהאָלונג. די מאָסקווער נערוועז זיינען נישט קיין פריע־דענס־נערוועז. זיי נויטיגען זיך אין שפּאצירגענג, אין אָפּרוה, אין פארוויילונג.

עס זיינען נאָך פאראן אין מאָסקווע נערוועז, וואָס האלטען זיך שטארק און ברעכען נישט צוזאמען. פיעלע רעגירונגס־פיהרער האָרעווען 12 און 14 שעה א טאָג. טשיטשערין איז איינער פון זיי, איינער פון גאָר א היבשער צאָהל. זיי ארבייטען אָהן אויפהער און אָהן אָפּרוה, ווייל ס'איז א מאנגעל אין כחות גרדע איצט ווען

ס'איז דאָ אומגעהויער פיעל ארבייט. טשיטשערין הויבט אָן זיין ארבייט שפּעט בייטאָג און ארבייט ביז זעקס אזייגער אין דער פריה נאָך מאָסקווער צייט.

מען האָט צייט אין מאָסקווע. מען האָט אַלע מאָל צייט געהאט אין מאָסקווע און מען האָט נאָך אַלץ צייט. רוסלאַנד איז גרויס און ברייט, און די צייט איז לאַנג אין רוסלאַנד. א שעה מעהר אָדער א שעה ווענינגער — וואָס איז דער אונטערשיעד?

איך בין אָפטמאָל געווען אומגעדולדיג, האָב געטופּעט מיט די פיס, געקלאַפּט מיט'ן פויסט אָן טיש — איך האָב זיך נישט געקאָנט באפריינדען מיט מאָסקווער צייט.

איך האָב דאָרט געארבייט מיט אַן אויסגעצייכענטען מענשען, א קאָמפּעטענטען עקאָנאָמיסט, א יונגען מענשען, וועלכער האָט געוואוסט מעהר ווי פיעלע אַלטע, און א מענשען, וואָס איז אוועקגעשטעלט געווארען נישט אויף זיין פּלאַץ. עס טרעפט זיך אזא זאַך אין מאָסקווע. עס הערשט דאָרט אַן אָרגאַניזאַציאָנס־מאַנגעל.

דער דאָזיגער געלעהרטער האָט נישט געהאט קיין זייגער. אמאָל איז ער געקומען אין ביוראָ 10 אזייגער אין דער פריה, אמאָל 9, אמאָל 11 און אמאָל 12. איהם האָט נישט געארט וואָס ער האָט נישט געהאט קיין זייגער, און ווען דער הויפּט פון אונזער דעלעגאַציע האָט איהם געשענקט א זייגער, האָט ער זיך גאַנץ קאַלט באצויגען צום געשאַנק און באלד אינגאַנצען פארגעסען, אז ער האָט שוין א זייגער.

דער דאָזיגער אויסגעצייכענטער מענש און אַנדערע אויסגעצייכענטע מענשען האָבען מיט מיר געמאכט באשטימונגען אויף א געוויסער שעה. איך בין נאַטירליך געקומען אין צייט. איך בין געקומען מיט דער אזוי גערופענער מיליטערישער פּינקטליכקייט, מיט פּרייסיש־מיליטערישער פּינקטליכקייט, ד. ה., צעהן מינוט פאר דער באשטימטער צייט. אָבער איך האָב זיי קיינמאָל נישט געטראָפען אין צייט. אָדער זיי זיינען נאָך געלעגען אין בעט, אדער זיי האָבען נאָך נישט געהאט געטרונקען טיי, אדער זיי האָבען נאָך געהאט עפּעס וואָס צו טאָן איידער זיי האָבען מיך געקאָנט אויפנעהמען. איך האָב אויך באגעגענט אייניגע פּינקטליכע רוסען,

מיליטעריש-פינקטליכע, אָבער דאָס זיינען געווען אויסנאהמען, און זיי האָבען אמאָל געארבייט אין דייטשלאַנד.

איך דענק אז לענין האָט שוין אויפגעהויבען א קאמף געגען דער דאָזיגער נישט-פינקטליכקייט. זי מוז אויסגעראָטעט ווערען, ווייל זי איז אן ערנסטער פעהלער ביי די רוסען, פונקט אזא פעהלער ווי די פארשפּרעכונגען, וואָס ווערען געמאכט אוים דעם זיסען הארצען און ווערען נישט געהאלטען.

שרעקליך איז די פאָלגענדע קללה: איהר רעדט מיט א הויפּט פון א ביוראָ, איהר פארבינדט א געשפּרעך, איהר הויבט שוין אָן רעדען וועגען דער עצם זאך. צעעפּענט אימיצער די טיר, רייסט איבער דעם געשפּרעך און רעדט צום הויפּט פון ביוראָ, נישט קימערענדיג זיך וועגען אייך און אייער געשפּרעך. איהר פּלאצט פון כעס, איהר טופּעט מיט די פיס, איהר ציטערט פון אויפרעגונג, איהר האָט שרעקליך קיין צייט נישט. דער שטערער געהט אוועק שמייכלענדיג, אזוי ווי עס וואָלט גאָרנישט פּאסירט, און באלד קומט אריין א צווייטער שטערער און האקט ווידער איבער די רייד. ס'איז נישטאָ קיין סיסטעמאַטישע צייט-פארטיילונג אין די ביוראָס, נישטאָ קיין סדר און קיין אָרדנונג, און א סך צייט ווערט אומזיסט צוריבען. לענין און נאָך עטליכע באאמטע האָבען יא דעם געפיהל פון סדר, פון סיסטעם, און ביי זיי געהט אַלצדינג אָן סיסטעמאַטיש, איינגעאָרדענט, רעגיסטרירט, כסדר. אָרדנונג, אָרדנונג, אָרדנונג. מאָסקווער פאראַנטווארטליכע לייט נויטיגען זיך אין דעם זעהר שטארק.

דער דריטער אינטערנאציאנאל.

די ביוראָ פון דעם דריטען אינטערנאציאָנאַל געפינט זיך אין דער געביידע פון דער געוועזענער דייטשער געזאנדשאפט, אויף איינער פון די קלענערע גאסען, דענעזשני 5. נישט ווייט פון דאָר־טען וואוינט דער פּאָרזיצענדער פון דער אויסעראָרדענטליכער קאָ־מיסיע.

אויף מאָרגען נאָך מיין אָנקומען אין מאָסקווע האָב איך גע־האט א געשפּרעך מיט ראדעק'ען אין דעם ארבייטס-צימער פון דעם

ערמאָרדעטען גראַף מארבאך. ראַדעק האָט מיר געמאַכט אויפ־מערקזאם אויף דעם.

ס'איז א שעהנע געביידע, מיט א לופטיגען וועסטיבול. די זאל און עמפפאנגס־צימער זעהען נאך אויס אזוי ווי פאר מיר־באך'ען — אזוי האָט מען מיר געזאגט. מען האָט מיר געצייגט דעם פלאץ, וואו מירבאך איז דערשאָסען געוואָרען, מען האָט פאר מיר געשילדערט די ערמאָרדונגס־סצענע מיט אלע איינצעלהייטען, ווי די מערדער זיינען געקומען אין אן אויטאָמאָביל, ווי זיי האָבען מירבאכ'ען דערשאָסען, ווי זיי זיינען אנטלאָפען. אלע האָבען באַ־דויערט דעם מאָרד. די באָלשעוויקעס האָבען געוואָלט צוזאמענ־ארבייטען מיט מירבאכ'ען. זיין טויט האָט קיין נוץ נישט געבראכט.

אין א צימער אויף דעם אונטערשטען שטאָק, נישט ווייט פון ראַדעק'ס ארבייטס־צימער, זיצט קלינגער, דער סעקרעטאר פון דריטען אינטערנאציאָנאל. א פארטרעטער פון די וואָלגא דייטשען. א דינער מאַן מיט א באָרד און א סך נערוועָן. ער איז נישט שטארק קערפערליך און איז אפט איינגעבויגען אונטער דער משא וואָס ער טראָגט אויף זיך.

דאָ, אין דער ביוראָ פון דריטען אינטערנאציאָנאל, הערשט אן איינגענטימליכער ווירבעל. אלע ראסען טרעפען זיך דאָ, אלע פילי־גרימען נאָך מאָסקווע. פון אזיע, אייראָפּא, אמעריקא זיינען זיי געקומען. א בבל פון שפראכען און אויסזעהען. די געשיכטע פון דעם דריטען אינטערנאציאָנאל אין מאָסקווע איז פיליכט די אינ־טערעסאנטסטע געשיכטע אויף דער וועלט. ס'איז א גרויס־פּאָלי־טישע געשיכטע, אן אָפּפערונגס־געשיכטע, א ווייט־ווירקענדע גע־שיכטע, כמעט ווי די געשיכטע פון דעם רוימישען פּאַפּיזם.

איך ווייס נישט אויב די דאָזיגע אָרגאניזאציע ענטשפּרעכט און פּאַסט זיך פאר איהר וועלט־ארומכאַפּענדער ראָל. גאָר וועניג מענשען ארבייטען אין דער ביוראָ פון דעם דריטען אינטערנאציאָ־נאל. ס'איז דאָרט שטיל, אָבער רויטע טרומייטען־קלאנגען געהען ארויס פון דאָרטען. די געביידע איז, אזוי צו זאָגען, א קליינער וואַטיקאַן. און אפשר איז דער איינפלוס איהרער נישט קלענער פון דעם וועלט־איינפלוס פון דעם וואַטיקאַן. דאָס איז נישט קיין געמאכטער איינפלוס, דאָס איז בלויז א צענטראלע אָרגאניזאציע

פון די שוין עקזיסטירענדע רעוואָלוציאָנערע ערשיינונגען. רעוואָ־לוציעס, ווי רעליגיעס, זיינען נישט קיין געמאַכטע זאַכען. זיי ווערען נישט באַשאַפען — זיי ענטשטעהען.

הינטער דער געביידע ליגט אַ קליינער פּאַרק. ער איז פאַר־נאַכלעסיגט. דאָס גראָז איז הויך און אין אומאָרדנונג, דער ברונעם אַרבייט מעהר נישט. וועהרענד דער דריטער אינטערנאַציאָנאַל בויט, ברעקעלט זיך דער פּאַרק.

אין א בורזשואזען הויז.

זיי וואוינען אין איינער פון די פּריוואַט־גאַסען אין מאָסקווע, אין אַ גוט געבויטען הויז מיט אַן עלעוויטאָר. אָבער עלעוויטאָרס פונקציאָנירען נישט אין מאָסקווע. מען מוז שפּאָרען עלעקטריצי־טעט, ווייל ס׳פעהלט ברען מאַטעריאַל.

אַ גרויסער עלעקטריציטעט־צענטראַל אַרבייט נישט ווייט פון מאָסקווע. ער איז נאָך פאַר דער מלחמה אויפגעבויט געוואָרען פון דייטשע פירמען. פון דאַנען געהט אַרויס אַ נעץ, וואָס פאַרשפּרייט זיך איבער גאַנץ מאָסקווע. דער צענטראַל אַרבייט פּינקטליך, אָבער ער באַזאָרגט נישט די שטאָדט מיט עלעקטריציטעט אין דער פולער מאָס, ווייל מען מוז שפּאָרען קראַפט.

אויך אין די רעגירונגס געביידעס לויפען נישט די עלעוויי־טאָרס. מען דאַרף צורייסען אַ פּאַר שיך איידער מען קלעטערט אַרויף אויף דעם לעצטען שטאָק פון דער געביידע, וואו עס גע־פינט זיך דער העכסטער עקאָנאָמישער ראַט, ווייל דער עלעוויטאָר לויפט נישט. מען קומט אַהין אַרויף אַ פאַרסאַפּעטער, קוים וואָס מען כאַפּט דעם אָטעם. עס העלפט נישט, דער עלעוויטאָר לויפט נישט, מען מוז זיין שפּאָרזאַם.

אין מאָסקווע זאָגט מען נישט „בורזשואָ״ נאָר „בורזשוי״ אָדער „בורזשאָי״. דאָס איז אַ טענדענציעזע פאַרענדערונג פון וואָרט, אַ פאַראַכטענדע ענדערונג. עס זיינען אין מאָסקווע פּאַ־ראַן אַ סך אַזעלכע טענדענציעז־פאַרקירצטע אָדער פאַרענדערטע ווערטער. צום ביישפּיעל, ספּעצי אָנשטאָט ספּעציאַליסט. ספּעצי

— דאָס איז נישט בלויז דער ספעציאַליסט דער פאַכמאַן, נאָר דער פאַכמאַן דער סאַבאָטאַזשניק, דער פאַכמאַן דער פוילענצער.

בורזשאָיען וואוינען נישט אין מיסט־קאַסטענס. אין זייערע צימערן פעהלט נישט קיין לופט און קיין גראַמקייט. איך האָב אין דער דאָזיגער וואוינונג געזעהן טישען, שטוהלען, אויל ביל־דער, „עכטע" בילדער. איך בין דאָרט געזעסען אויף א גוט־באצויגענער סאָפע, און מען האָט מיר איינגעלאַדען צום טיש, צום בראַטען.

פרוי בורזשאָי איז געוועזן אָנגעטאָן אין א נאָכמיטאָג קלייד, צו אפשר אין א קימאָנא, איך ווייס דאָס נישט גענוי. איך בין א קנאַפּער מבין אויף קליידער און ווייס אפילו נישט צי מען דאַרף זאָגען דער פאַדזשאַמאַ אָדער דאָס פאַדזשאַמאַ. אָבער זי האָט אַלענפאַלס געטראָגען א גוט קלייד, ביז צו די שיך. זי האָט גע־טראָגען געקווייטעלטע זאָקען.

אין דריטען צימער איז געשטאַנען א קינדער־וועגעלע, אַן אמת בורזשואַז קינדער־וועגעלע מיט אַן אַם דערביי. אַן אמת'ע אַם, נישט קיין אַמען־געשפענסט, נישט קיין פיער־דימענזיאָנענ־דיגע אַם, נאָר אַן אַם פון ביין און ברוסט, אַן אַם אַזאַ ווי דאָס זויג־קינד באַדאַרף.

דער פּראָכטפולער לאַנדאַ איז מיט מיר געוועזן ביי די בור־זשאָיען. ער איז נישט קיין קאָמוניסט און טראָגט א לעדערנעם אַנצוג. די פינגער פון דער רעכטער פוס האָבען ביי איהם נישט אַרויסגעשטעקט. אויסער דעם האָט דער פּראָכטפולער לאַנדאַ געטראָגען אַן „עווערקלין" קראַגען. אַן עווערקלין איז א זעל־טעלע זאַך. אַן עווערקלין קאָן מען וואַשען . מען דאַרף בלויז האָבען אַן עווערקלין — מעהר גאָרנישט. דער פּראָכטפולער לאַנדאַ האָט זיין עווערקלין אַלע אין דער פריה געוואַשען מיט טיי־וואַסער, און ער האָט געבליצט און געגלאַנצט אין דער וואַרימער מאָסקווער זון.

אַנטקעגען לאַנדאַ'ס עווערקלין האָט קאָקעטירט א קלייד מיט „קרוזשעוועס" און א רעכטע האַנט מיט בריליאַנטען־רינגען. דאָרט איז געשטאַנען א יונגע דאַמע, נישט קיין מיידעל נאָר א יונגע

דאַמע. מיט געקווייטעלטע זאָקען, מיט אַ ברייט־געשטרייפטען זיידענעם באַנד, מיט ווייכע אויגען און ביטערע קלאַגען.

ביטערע קלאַגען — ווייל מען האָט אָנגעהויבען אַ סיסטעם־געשפּרעך, אַ דיסקוסיע איבער פּראָבלעמען. די בורזשאָיען זיינען געוועזען אומצופריעדען מיט דעם נייעם רעזשים. דערפאַר קאָן אויף זיי קיינער קיין פאַראיבעל נישט האָבען, ווייל דער דאָזיגער רעזשים איז נאָך ווירקליך נישט קיין שפּאַציער־גאַנג אין גן־עדן. ער איז די פאַרוואַלטונג פון אַ פעלד, פון אַ רויער שטיק לאַנד, מיט אַ סך ווילדע גראָזען, פון אַ שלעכט געאַקערטען פעלד. ס׳איז גאָרנישט קיין פאַרגעניגען פאַר אַ בורזשאָי צו וואַנדלען אויף דעם דאָזיגען פעלד. געקווייטעלטע זאָקען און קוויטען־זאָקענדיגע נשמות פיהלען זיך נישט באַקוועם אויף דעם דאָזיגען פעלד. עס איז נישט פאַר קוויטען־זאָקענדיגע נשמות.

די דאַמע מיט דער קוויטען־זאָקענדיגע נשמה איז געוועזען אַ סאָוועט־באַאַמטין. די קימאַנאַ־דאַמע האָט אין גאַנצען נישט געאַרבייט. איך וואָלט זעהר וועלען דיענען דעם פאָלק, האָט זי געזאָגט מיט אַ טאָן פון אויפריכטיגקייט, אָבער איך קאָן דעם פאָלק נישט דיענען ווייל איך האָב גאָרנישט נים געלערנט. רעוואָ־לוציעס דאַרפען קומען ערשט דאַן, ווען אַלע זיינען גרייט צו דיע־נען דעם פאָלק.

וואָס זאָל איך טאָן? האָט זי געפרעגט. איך מוז פאַרקויפען זאַכען, ווייל אונטער 100 טויזענט רובעל אַ חודש קאָן איך נישט אויסקומען. וואָס זאָל איך טאָן? איך מוז פאַרקויפען איין זאַך נאָך דער אַנדערער. ליידער קאָן איך דעם פאָלק נישט דיענען.

זי איז געוועזען באַגייסטערט פאַר לעניג׳ען אָבער זי האָט זיך ביטער געקלאָגט אויף אַנדערע באַאַמטע. ס׳איז נאָך דאָ אויף וואָס צו באַקלאָגען זיך אין מאָסקווע. די סאָוועט־טוער זיינען נישט אַלע קיין פאַנאַטיקער פון אומאייגענוציגקייט. אויך צווישען זיי זיינען פאַראַן אַ סך, וואָס דיענען נישט דעם פאָלק.

די אינגערע פרוי מיט דער זאָקענדיגער נשמה און דעם זיי־דענעם באַנד האָט מיטגעקלאָגט. זי דיענט יאָ דעם פאָלק אויף איהר שטייגער, אָבער זי פאַרדיענט דערביי נישט גענוג, סיי אין געלט און סיי אין לעבענס־מיטלען. פון אַן אמט אין מאָסקווע טראָגט נישט

אויף קיין לוקסעס זאכען. אויך קריגט מען נישט גענוג ברויט. די באַלוינונגס־סיסטעם אין מאָסקווע האָט איין גרויסען חסרון: דאָס געלט פארלירט מיט יעדען טאָג זיין ווערט און די געהאַלטען זיי־נען אַלע מאָל הינטערשטעליג.

אָבער די פרוי מיט דער זאָקענדיגער נשמה האָט נישט אויס־געקוקט אויסגעהונגערט. זי איז נישט געווען קיין סקעלעט, פאר־קעהרט — זי איז געווען גאַנץ גוט אָפגעפּאַשעט. זי האָט אויס־עקוקט גוט און פריש און איהרע נעגעל זיינען געווען גלאַנציג. זי האָט אַלזאָ געלעבט און געלעבט גוט. יעדער איינער באַקלאָגט זיך אין מאָסקווע, אָבער יעדער איינער לעבט, און הונדערטער טויזענ־טער לעבען גאָרנישט שלעכט.

קיין בורזשוא קאָן נישט ליעב באַקומען דעם נייעם רעזשים מיט'ן גאַנצען הארצען. דער מאָסקווער בורזשוא האָט אין פריע־דענס־צייטען געגעסען, געטרונקען און געשלאָפען אין לוקסוס. איצט קאָן ער זיך נישט באַפריינדען מיט דער מעסיגקייט און איינ־פאַכקייט וואָס דער נייער רעזשים האָט אויף איהם ארויפגעצוואונ־גען. דאָס איז זעלבסטפארשטענדליך.

אָבער ער לעבט אפילו ווען ער קאָן נישט דיענען דעם פאָלק. ער לעבט אזוי לאַנג ביז ער פארלעבט אַלצדינג, וואָס ער פאר־מאָגט און דאַן מוז ער זיך נעהמען דיענען דעם פאָלק.

ברויט קלאַגען, פלייש קלאַגען, עסען קלאַגען, קליידונגס קלא־גען, געלט קלאַגען — מען הערט זיי ווידער און אָבער. מען באַ־קלאָגט זיך אויף דער איצטיגער לאַגע, אויף דעם איצטיגען צו־שטאַנד. קיין פּערספּעקטיווען זעהט מען נישט, מען קוקט בלויז צוריק.

די בורזשוא זיינען נישט קיין סאָציאַליסטען און קיין קאָמו־ניסטען אודאי נישט. זיי האָבען פארלאָרען וועהרענד דער סאָ־ציאַליזם האָט געוואונען. דעריבער זיינען זיי בארעכטיגט צו שימ־פען, ווייל זיי ווייסען נישט אז דער סאָציאַליזם געווינט פאר זיי אויך.

איך האָב אויבען אָנגעוויזען אויף דעם קינדער־וועגעלע און דער אַם. דער דאָזיגער זויגלינג וועט אַמאָל דיענען דעם פאָלק און וועט זיך נישט באַקלאָגען. ער וועט נישט זיין קיין מענש וואָס

האַלט זיך אין איין באַקלאָגען אויף דעם איצטיגען צושטאַנד, ער וועט פּיליכט אַפילו נישט זיין קיין פּערספּעקטיוו מענש, נאָר אַ מענש וואָס איז צופריעדען מיט דער געגענוואַרט. זיכער וועט ער נישט זיין קיין רעטראָספּעקטיווער, קיין צוריק-קוקענדער מענש. פאַר איהם וועט די פאַרגאַנגענהייט שוין זיין אַ מוזעאום.

אפשר — האָט די קימאַנא געזאָגט. אפשר — האָט צו־געשטימט די זאָקענדיגע נשמה. אָבער וואָס קומט אונז ארויס דערפון? גאָרנישט. מיר זיינען מענשען פון דעם איצטיגען צו־שטאַנד, און דער איצטיגער צושטאַנד איז נישט קיין אַנגענעהמער צושטאַנד, ער איז אַ צושטאַנד, אַ צושטאַנד...

מיר האָבען נישט אָנגענומען דיאיינלאַדונג צום בראַטען. נישט דערפאַר וואָס איך האָב עפּעס געגען געבראַטענס. איך האָב אין מאָסקווע געבענקט נאָך געבראַטענס, איך בין מקנא געווען דער ענגלישער מיסיע וואָס מען האָט געגעבען געבראַטענס צו עסען. ווען איך בין צוריקגעפאָהרען אהיים, האָב איך זיך ביי דער ער־שטער געלעגענהייט פאַרדאַרבען דעם מאָגען מיט געבראַטענס.

אָבער יענער בראַטען וואָלט געווען אַ פּרינציפּען-קאַמף בראַ־טען, אַ קאָנטר-רעוואָלוציאָנערער בראַטען, אַזוי צו זאָגען, און איך האָב זיך בעסער באַנוגענט מיט קאַשע, וואָס סאַשע, די סאָוועט־קעבין מיט גראָבע באַקען, מיט אַ צאָהן-געשוויר און מיט כאַראַק־טעריסטישער דיענסט-באַרייטשאַפט, האָט דערלאַנגט צום טיש.

געהיימער האַנדעל און סאַבאָטאַזש.

מאָסקווע לעבט. מאָסקווע איז נישט קיין הונגער טורעם. מאָסקווער פרויען האָבען פולע באַקען, מאָסקווער מענער זיינען נישט בלוט-אָרים, נישט אויסגעצערט, נישט שוואַך אויף די פיס.

מאָסקווע לעבט, אָבער זי לעבט בלויז טיילווייז פון די פּאַר־טיילטע פּראָדוקטען, בלויז טיילווייז פון דעם פאַרהאָרעוועטען געלט. אין גאָר אַ גרויסער מאָס לעבט מאָסקווע פון פאַרבאָטענעם האַנדעל. מען האַנדעלט הינטען אַרום, מען קויפט הינטען אַרום, מען שמוגעלט און מען שיעבט און מען שמוגעלט.

דער פאַרבאָטענער האַנדעל איז אַ נויטווענדיגער איבעל, ווייל

מען קאָן נישט זאָגען דעם עולם: „לעבט פון די פארטיילטע פּראָדוקטען", ווען מען פארטיילט נישט גענוג פּראָדוקטען. דאָס איז, נאָך מיין מיינונג, אן איבערגאַנגס־ערשיינונג, אָבער זי איז איצט זעהר וויכטיג אין איהר איינפלוס אויף מאָסקווער געדאנקען־לויף.

אין מאָסקווע האנדעלט מען הינטער ארום מיט אַלצדינג. מען קאָן זאָגען — פון א שפּילקע ביז א קוה. מעבעל, ברילִיאַנטען, ווייס ברויט, פלייש — אַלצדינג ווערט געקויפט און פארקויפט הינטען ארום. די סוכארעווקע אין מאָסקווע איז א באזאר פון פארבאָטענעם האנדעל. מען האנדעלט דאָרט פראנק און פריי, און דאָך קאָן מען דעם פארבאָטענעם האנדעל נישט אָפּשטעלען. דאָס איז א פּיעלפּאַכיגע הידרע, וועלכע לעבט ווידער אויף מיט איהרע טויזענטער קעפּ.

מאָסקווע האָט א גאנצע רייהע פּרייע מערק, אָפיציעל־געדולדעטע מערק, ערגענצונגס־מערק. איינער אזא מארק געפינט זיך, צום ביישפּיעל, נישט ווייט פון דעם טעאַטער פּלאַץ. מען פארקויפט דאָרט אוגערקעס, פיש, קובען, אייער, און אַלערליי גרינסען. ביידלאָך שטעהען אויף דער גאַס, הענדלער שטעהען הינטער זיי און שושקען זיך מיט די קונים.

אן אוגערקע קאָסט פון 200 ביז 250 רובעל, אן איי — פון 125 ביז 150 רובעל און אַנדערע זאכען — עהנליכע פּרייזען. ס'איז נישט קיין סך לויט דער מערב אייראָפּעאישער אָדער אמעריקאנער וואַלוטע. ווען איך בין געווען אין מאָסקווע האָט מען פאר אן אמעריקאנעם דאָלאר געקאנט קריגען הינטען ארום 1000 באָלשעוויסטישע רובעל. מען האָט מיר דערצעהלט, אז אן אמעריקאנער האָט אומגעביטען דריי טויזענט דאלאר אויף באָלשעוויסטישע רובעל און ער האָט געקראָגען 9 מיליאָן רובעל. ס'איז פארבאָטען צו ספּעקולירען מיט אַלצדינג אין מאָסקווע און געלט איז נישט קיין אויסנאהם.

פּויערען ברענגען מילך צו פארקויפען פון אַלע עקען. מען פארבאָט נישט דעם פארקויף פון מילך. ס'איז נישט קיין געהיימער פארקויף, ס'איז אן אויסנאַנגס־פארקויף, אן ערגערצונגס־פארקויף. אָבען מען האנדעלט הינטען ארום מיט אַלצדינג. מען ספּעקולירט מיט יעדער סחורה וואָס די רעגירונג ראַציאָנירט, ד. ה.,

וואָס ווערט פארטיילט לויט קארטלעך און אין אַ באשטימטער מאָס. נישט נאָר מיט קליינע ארטיקלען ספעקולירט מען, נאָר זאָגאר מיט ברען־מאַטעריאַל, מיט קליידער — מיט אַלצדינג.

די ספעקולאַציע אין געהיים־האַנדעל זיינען אַ גרויסע שטערונג צו דער אַרבייט. די ארבייטער זיינען דורכגעדרונגען מיט דער פיבער צו האַנדלען הינטען ארום. מען האַנדעלט הינטען ארום ביי דער ארבייט, מען האַנדעלט הינטען ארום ווען מען דאַרף ארבייטען, מען האַנדעלט הינטען ארום אנשטאט צו ארבייטען.

די רעגירונג קעמפט געגען דעם געהיימען האַנדעל, אָבער זי קאָן איהם נישט אויסראָטען. דערווייל איז עס איהר נאָך נישט געלונגען. ס׳איז מלחמה צייט, און עס זיינען אין מאָסקווע נישטאָ גענוג פעהיגע אינספעקטאָרס אכטונג צו געבען אויף דעם געהיימען האַנדעל. דאס איז בלויז אַן איבערגאנגס־ערשיינונג, אַן ענטוויקלונגס־זאך. קיין קארדינאַלע זאך איז עס נישט, נאָך מיין מיינונג.

אין דייטשלאַנד האָט מען שוין לאנג פארשטאַנען, אַז אפיציעל באַשטימטע מאקסימום פּרייזען און ראַציאָנירונג ערמוטיגען איבערטרעטונגען, ערמוטיגען ספעקולאַציע. אין רוסלאַנד איז אָבער דער אונטערגרונד אַן אַנדערער, די ערפאסונגס־פּרינציפּען זיינען דאָרט ראַדיקאַלער.

מאָסקווע איז אַלע מאָל געווען אַ האַנדעלס שטאָדט. זי איז דאָס נאָך היינט אויך. בורזשוען האַנדלען אין מאָסקווע, באאמטע האַנדלען, עס האַנדלען ארבייטער. מאָסקווע איז דער גרויסער פארבאָטענער פריי־האַנדעלס האַפען פון רוסלאַנד. אָפט איז דער האַנדעל איינפאכער טויש־האַנדעל. איך האָב געזעהן, צום ביישפיעל, ווי אַ מאַן מיט שטיוועל און אַ מאַן מיט וואלענקעס זיינען ביידע אַוועק הינטער אַ לאָרבער־בוש, וואו ביידע האָבען אויסגעטאָן זייער פוס־ווארג און דער מאַן מיט די שטיוועל האָט אָנגעטאָן די וואלענקעס און דער מאַן מיט די וואלענקעס — די שטיוועל. ריינער טויש־האַנדעל, האַנדעל הינטער די בושעס, געלטלאָזער האַנדעלס־פאַרקעהר.

טויט שטראָף איז אָפּגעשאפט אין רוסלאַנד. נאָר אויף דעם פראָנט ווערט זי נאָך אָנגעווענדט. אזוי האָט מען מיר געזאָגט.

די אויסעראָרדענטליכע קאָמיסיע קעמפּט איצט געגען ספּעקולאַנ־טען און סאבאָטאזשניקעס. די ספּעקולאַציע ווערט באַגריפען אַלס אַ באוואוסטזיניגע, אַלגעמיין־שעדליכע שטערונג פון דעם ראַ־ציאָנירונג־פּראָצעס, פון דער פּלאַנמעסיגער פּראָדוקטען פאַרטיי־לונג. סאבאָטאַזש — אַלס אַ דירעקטע אָדער אומדירעקטע, אַק־טיווע אָדער פּאַסיווע צוריקהאַלטונג פון דער ארבייט, אַלס אַר־בייט־ווייכעניש, אַלס פאַרגעזעצטע פוילענצעריי.

דער ספּעקולאַנט איז פּאָפּולער אין מאָסקווע — אויף מאָסק־ווער פּלאַקאַטען, אין די מאָסקווער וואָדעווילען. ער ווערט נישט נאָר שאַרף באַקעמפט, אין טורמע געזעצט און צו ארבייט געצוואונ־גען, נאָר ער ווערט אויך געמאַכט צו שפּאָט. קאָמיקער אין די וואָדעווילען מאַכען זיך לוסטיג איבער די ספּעקולאַנטען און דאָס פּובליקום אַפּלאָדירט און פיהלט זיך נישט געטראָפען.

עס איז פאַראַן גרויס ספּעקולאַציע און קליין ספּעקולאַציע, גרויס סאבאָטאַזש און קליין סאבאָטאַזש. עס ווערען נאָך באַגאַנ־גען אונערהערטע לומפּערייען, פאַרברעכענס געגען דעם געזונט פון פאָלק. מען באַשטראַפט זיי שטרענג, און דאָס איז גאַנץ רעכט. אַזעלכע לומפּען דאַרף מען נישט לאָזען אָנגעהן מיט זייערע לומ־פּערייען. מען דאַרף זיי באַשטראָפען אַזוי, אַז די קנאָכען זאָלען קנאַקען. נאָך מיין מיינונג באַגעהט מען זיך מיט זיי אין מאָסקווע צו מילד.

צוואַנג ארבייט איז דער הויפּט מיטעל וואָס ווערט אָנגע־ווענדעט געגען פוילענצעריי און פאָלקס־שעדליכער ספּעקולאַציע. אָבער מיר דאַכט זיך, אַז ס'איז נאָך נישטאָ גענוג סיסטעם אין דער אָנווענדונג פון צוואַנג ארבייט. יעדער פאָלקס־שעדיגער דאַרף ארבייטען אַזוי, אַז דער שוויים זאָל פון איהם טריפען, ער מוז גוט־מאַכען זיין לומפּעריי מיט פּראָדוקטיווער ארבייט.

געגען דעם קליין־סאבאָטאַזש, דעם פוילענצעריי סאבאָטאַזש, ווערען נישט אָנגעווענדעט קיין דיסציפּלינערע שטראָפען. געוויסע פאַרוואַלטונגס־פיהרער האָבען אַ געוויסע דיסציפּלין־מאַכט, אומ־געפעהר ווי דער הויפּטמאַן אין דער פריהערדיגער פּרייסישער אַרמיי. זיי קאָנען פאַרשיקען אויף 14 טעג אין קאַרצער. אָבער דער פאַרוואַלטער אַליין קאָן די דאָזיגע שטראָף נישט ארויפלייגען.

ער קאָן זי בלויז רעקאָמענדירען צו דער אויסעראָרדענטליכער קאָ־מיסיע.

מען באַנוצט זיך וועניג מיט דער דאָזיגער מאַכט. מען סטראַ־שעט מייסטענס. איך האָב בייגעוואוינט דאָס פאָלגענדע: אַ סטע־נאָגראַפערין אין אַ סאָוועט ביוראָ איז עטליכע וואָכען נישט גע־קומען צו דער ארבייט. זי האָט נישט צוגעשיקט קיין דאָקטאָר־אַטעסט, זי האָט נישט אָנגעגעבען די אורזאַך פון איהר אָפּוועזענ־הייט. דער פאַרוואַלטער איז געווען דורכאויס באַרעכטיגט צו רע־קאָמענדירען די שטראָף. זי איז ענדליך געקומען אין דער ביוראָ, האָט געוויינט, געבעטען און אָנגעגעבען פוילע תירוצים. מסתמא איז זי געווען אויף אַ דאַטשע. דער פאַרוואַלטער האָט ענדליך נאָכ־געגעבען, און זיך באַנוגענט מיט אַ ווארנונג, אז ער וועט זי אַ צווייטען מאָל באַשטראָפען.

דעריבער זיינען אין די ביוראָס נישטאָ גענוג אנגעשטעלטע ווען מען דאַרף זיי; דעריבער פעהלט איבעראַל פינקטליכקייט, דע־ריבער איז מען נאַכלעסיג און פויל. מען וועט דאָס מסתמא מיט דער צייט פאַרבעסערען, סיי אין זין פון דיסציפּלין און סיי אין זין פון סיסטעם. פיליכט וועט דאָס זיין אַנדערש נאָך דער מלחמה. עס זיינען פאַראַן גאָר וועניג קאָמפּעטענטע לייטונגס־קרעפטען אין מאָסקווע. מעהרסטע פון זיי זיינען ביים פראָנט.

עס וועט אַנדערש ווערען. איך קאָן זיך דאָ נישט פארשפּריי־טען איבער די גרונדען וואָס איך האָב פאַר אזא נביאה, ווייל דאָס איז אַן עקאָנאָמיש־פּסיכאָלאָגישע זאַך, אַן אָרגאַניזאַציאָנס־פּסי־כאָלאָגישע זאַך, אַ וויסענשאַפטליכע זאַך. דער דאָזיגער בוך דאַרף נישט זיין קיין וויסענשאַפטליכע אָפּהאַנדלונג. איך האָב דאָ בלויז פאַרצייכענט איינדרוקען, טאָגע־בוך נאָטיצען, פאַר לייכטען לע־זען און נישט פאַר שוויץ ארבייט.

ביינאַכט.

איך האָב שוין געזאָגט אז קיין פּראָסטיטוטקעס וואַנדלען נישט איבער די מאָסקווער גאַסען. נישט בייטאָג און נישט ביי־נאַכט. יאָ, אויך ביינאַכט זיינען די מאָסקווער גאַסען פריי פון

פּראָסטיטוטקעס. מען שילט נישט גראָב, מען באַליידיגט נישט, מען זוכט אייך נישט צו צוציהען מיט צערטליכע ווערטער און געשלעכטליכע אָנצוהערענישען. אזעלכע באצילען באמערקט מען נישט אין מאָסקווע, נישט בייטאָג און נישט ביינאַכט.

די נאכט איז נישט פינסטער אין מאָסקווע. ס'איז נישט קיין ווייסע נאכט ווי אין וויאטקא, אין העלסינגפאָרס אָדער צווי־שען די פינישע שכערען. ס'איז אפילו נישט קיין האַלב־ליכטיגע נאכט, אָבער אויך נישט קיין שווארצע נאכט, קיין טינט־נאכט. ס'איז א האַלב ראָזיגע נאכט.

ווייניג לאַמטערנעס ברענען אויף די גאסען. די נאכט אליין לייכטעט אין מאָסקווע, אויך די באָלשעוויסטישע נאכט. דאָס לייכטען פון דער מאָסקווער נאכט איז נישט געווען קיין מאָנאָ־פּאָל פון דער בורזשואזער ליכט. די נאכט איז נישט רעוואָלו־ציאָנער אָדער קאָנטער־רעוואָלוציאָנער. די רעגירונגס־סיסטעם געהט איהר לחלוטין נישט אָן. זי ברענגט רוה אָהן פּארטייליכקייט צו סיסטעמען.

נאָך צעהן אזייגער ביינאַכט ווערען לעדיג די טעאַטערען, די קאָנצערט זאַלען און פּאָרטראַג צימערען. אָבער אין די פאמיליען־צימערען איז מען נאָך אויף און אויף דעם בולוואר הויבט זיך ערשט אָן דאָס לעבען. ארום איינס א זייגער ביינאכט איז עס שוין שטיל אויף דעם בולוואר און אויף די מאָסקווער גאסען.

אין מאי זעצט זיך די זון ארום צעהן א זייגער אין אווענט (לויט דער נייער מאָסקווער צייט). א זעליגע זון, א באזעליגונגס־זון. אין אלע קופּאָלען בליסטשעט זי. זי האָט א שפּיגעל מיט טויזענט פלאכען. זי שפּיגעלט זיך אָפּ ווי א רעגענבויגען אין די דאָזיגע גאָלדענע שפּיגלען. ס'איז א פארביגע זון, א זון וואָס געהט אויף אין אווענט איידער זי פארגעהט, וואָס געהט אויף אין אווענט אין די טויזענטער מאָסקווער קופּאָלען.

דריי אזייגער ביינאכט זיינען מיר געגאנגען א היים פון א באזוך ביים דייטשען ראט. ס'איז געווען שטיל אין די גאסען. די וואכען האָבען געדרעמעלט. איך האָב געזאָגט צו מיין באגלייטער: וואָס פאר אָן אונזין עס ווערט געשריבען אין דער אייראָפּעאישער פּרעס איבער דעם אומאָרדנונג אין מאָסקווע. ווען זיי וואָלטען

נאָר איין מאָל דורכגעגאנגען דורך די גאסען, איינגעהילט אין דער נאַכט־שטילקייט... ער האָט אַ שאָקעל געטאָן מיט׳ן קאָפּ און געוואָלט מיר ענטפערען. פּלוצים אָבער האָט זיך דערהערט אַ שאָס. אַ ביקס האָט אויסגעשאָסען פינף שריט פון אונז. דער שאָס האָט געיאָגט די שטילקייט פון אַלע עקען, האָט זי אויפגעהויבען און געטריבען איבער אַלע גאסען.

וואָס איז דאָס ? מענשען זיינען פאַרבייגעגאנגען און האָבען אפילו נישט אַ קוק געטאָן אויף דעם פּאָסטען פון וואַנען דער שאָס איז געקומען. מיר זיינען פאַרבייגעגאנגען דעם פּאָסטען, און ווי־דער האָט פון דאָרט אויסגעשאָסען. מיר האָבען דאַן, בייגאַכט, נישט געקענט אויסגעפינען די אורזאַך, און מיר זיינען געווען אומ־רוהיג. הערשט נאָך, הייסט עס, טעראָר אין די מאָסקווער גאַ־סען ?

אויף מאָרגען האָט מען מיר דערצעהלט, אַז עס זיינען דאָ יונגע מיליציסטען, גרינע וואַכליוט, וואָס האָבען ליעב צו שיסען גלאַט אזוי זיך, ווייל ס׳איז אַ נאָווינע ביי זיי. זיי טאָרען נישט שיסען אָבער זיי שיסען. איין ציה מיט׳ן פינגער און די קויל איז אין דרויסען. נישט צו די וועגט פון די הייזער פליהט זי, נאָר אויף אַ פאַרביילויפענדער קאַץ אָדער גלאַט אזוי אין דער לופטען. די פינגער־ציהער ווערען באַשטראָפט, ווען מען געפינט אויס וועגען זייערע אומזיסטע שיסערייען, ווייל דאָס איז אומזיסטע פאַר־שווענדונג פון אמוניציע, דאָס איז אומגעהאָרכזאמקייט, דאָס איז סתם קינדעריש. אין די פאָלגענדע עטליכע נעכט האָב איך גע־הערט נאָך עטליכע אזעלכע שיסערייען. אָבער דערנאָך איז שטיל שטיל געוואָרען בייגאַכט אויף מאָסקווער גאסען. מען האָט, דענק איך, באַשטראָפט אַ פּאָר פון די קינדערשע פינגער־ציהער.

אַ פרוי קאָן געהן בייגאַכט איבער מאָסקווער גאסען אָהן מורא פאַר אומאנגענעהמליכקייטען. מיסס האריסאן, די מוטיגע וועלט־רעפּאָרטערין, פּלעגט געהן אַלע אָווענט, עלף אָזייגער, אין דעם אויסערן־מיניסטעריום און פלעגט זיך אומקעהרען צוריק ערשט אזייגער צוויי אָדער דריי בייגאַכט. אין בערלין, האָט זי אונז דער־צעהלט, האָט מען מיט איהר בייגאַכט געזוכט צו פאַרבינדען אַ געשפּרעך, און נישט קיין „פראָסטער״ מענש, נאָר אַ מאַן, וואָס

קוקט אויף אייך מיט א מאָנאָקעל, א מאן פון „הויכער געזעלשאפט", א האנד־קושער. אין מאָסקווע אָבער פארטשעפעט מען זי נישט אויף די גאסען מיט רייד, אפילו נישט מיט בליקען. און דאס איז ווירקליך דער אמת וועגען די נאכט־שטילע, געפאהרלאָזע מאָסקווער גאסען.

פערד, הינט, חיות און חיה'לאך.

אין מאָסקווע איז א מאנגעל אין פערד. די פערד זיינען נישט אָפגעפאשעט, אָבער די ריפען שטעקען ביי זיי נישט ארויס. דאָס זיינען געוועהנליכע קליינע פערד, צוג־פערד. די דראָזשקע־פערד זיינען א ביסעל גרעסער אָבער זעהען אויס ערגער. פיטערען און אויסהאלטען א פערד איז זעהר קאָסטבאר אין מאָסקווע, און עס זיינען דאָ לומפען צווישען די דראָזשקע-טרייבער, וואָס לאָזען זייערע פערד הונגערען כדי צו פארדיענען מעהר געלט.

פאָהרען אויף א דראָזשקע פון דעם ניקאָלאַי־וואָקזאל ביז צום טעאטער פלאץ האָט אין מאי, 1920, געקאָסט 3 טויזענט באָלשע־וויסטישע רובעל. באלד נאָך דער רעוואָלוציע האָט דער מאָסקווער שטאָדט סאָוועט אלצדינג נאציאָנאליזירט, נאטירליך אויך די דראָזשקעס. איצט זיינען זיי פריי פון דער נאציאָנאליזירונג. מעהרסטע פון די דראָזשקעס ווערען געברויכט פון די ביוראָס און די באאמטע, און די איבעריגע זיינען פריי און ווארטען אויף פאסאזשירען וואו זיי ווילען.

אָבער מיר האָבען די הינט אינטערעסירט מעהר ווי די פערד. איך האָב אמאָל געלייענט וועגען די הינט אין קאָנסטאנטינאָפאָל אין די אכציגער יאָהרען, פון די בלאָנדזשענדע, היימלאָזע, דארע הינט, קוים וואָס זיי שלעפען מיט די פיס. קאָנסטאנטינאָפאָל איז צו יענער צייט געווען פארפלייצט מיט הינט. אין מאָסקווע זיינען אפילו נישטאָ אזוי פיעל הינט, אָבער הונגעריג, היימלאָז און דאַר זיינען זיי. זייער פעל, זייערע בליקען דערצעהלען אייך וועגען דער רעוואָלוציע.

זיי לעבען אין די גאסען, אויף די טרעפ, נעבען די ווענט — איבעראל. דעם גאנצען טאָג און די גאנצע נאכט שלאָפען זיי אויף

זייערע פלעצער. איך ווייס נישט ווי אזוי און פון וואנען זיי לעבען, ווייל זיי ריהרען זיך נישט פון ארט. צווישען זיי זיינען דא שווערע פעלץ־הינט, איי־געלע בערנאַרדינער, אמאַליגע הערען־הינט; לאַנג פיסיגע רוסישע ווינט־הינט מיט פאַרשמוצטער ווייסער פעל. די האָר פון די פעל איז אויסגעקראַכען און אויסגעצופּט. די אויגען זיינען פאַרקלעפּט — ס׳איז בלויז אַן עראינערונג פון דער אמאַליגער הערען־צייט. עס איז מעהר נישטאָ קיין סיסטעם אין די מאָסקווער הינט. די הונט־ווירטשאַפט איז פאַראַיבער. עס זיינען מעהר נישטאָ קיין הערען און קיין הינט. עס זיינען בלויז פאַרבליבען הינט עראינערונגען. אויך זיינען נאָך פאַרבליבען הינט, וואס זיינען פריהער געווען הערען.

מיין פרוי האָט מיר איינגעפּאַקט אַ בלעכענע פּושקע מיט אַ געוויסען פּולווער געגען געוויסע באשעפענישען און מיר אָנגעזאָגט למען השם צו באַשפּרענקלען מיין בעט יעדע נאַכט מיט דעם פּולווער. זי וויל נישט האָבען, האָט זי געזאָגט, קיין צוקראַצטען מאַן. זי וויל אַ ריין־הויטיגען מאַן, און איך זאָל למען השם באַשפּרינקלען די בעט מיט דעם פּולווער. איך האָב דאָס פּושקעלע נישט געעפענט. איך האָב אין מאָסקווע נישט געקראַגען קיין לייז און אפילו נישט קיין פליי. ערשט אין עסטלאַנד איז אויף מיר די ערשטע פליי ארויפגעשפּרונגען, ביי אַ דאָקטאָר אין הויז. דער דאָקטאָר האָט מיר ארויסגעגעבען אַן אטעסט אז מיין לייב איז ריין און גראדע דאַן איז אויף מיר פון ערגעץ ארויפגעשפּרונגען אַ פליי. אין מאָסקווע אָבער האָבען זיי מיך נישט געטשעפּעט.

עס זיינען אָבער יאָ פאַראַן לייז אין מאָסקווע, אויך פליי און וואַנצען. אָבער דער טיפוס־שרעק איז אין מאַי, 1920, שוין געווען פאַראיבער (לייז זיינען פאַרשפּרייטער פון טיפוס־באַצילען). אין אַנדערע געגענדען האָט ער נאָך געהערשט, און מען האָט זיך באַקלאָגט אויף דעם. מען האָט ענדליך געזאָלט אַהין שיקען דאָקטוירים, מיט נויטיגע מעדיקאַמענטען, מיט סאַלוואַרסאַן און כּיוצא.

די הויפּט טיפוס געגענדען זיינען די, וואו דעניקינ׳ס און קאָלטשאַק׳ס מחנות האָבען פריהער גע׳בעל־הבית׳עוועט. דאָרט דערצעהלט מען מיר, איז די עפּידעמיע געווען שרעקליך.

מאַכאָרקע.

מען מוז זיך צו דעם צוגעוואוינען. ס'איז אין דעם דאָ עט־וואָס פון דעם רוסישען וואלד, פון דעם רוסישען פעלד, פון דעם רוסישען לאַנדשאפט. עס געהט פון דעם ארויס אַ גערוך, עטליכע גערוכען. דאָס איז מענער־טאבאק. ער רייסט און שמייסט. מען מוז זיך צו איהם צוגעוואוינען. גאַנץ מאָסקווע רויכערט מאַכאָרקע — אין לולקעס אָדער סיגארעטען. דאָס איז, אזוי צו זאָגען, אַן איינגעבראָקטער לאַנדשאפט מיט אביסעל טאבאק צוגעמישט. גאַנץ דין געבראָקט, מיט ווייסע הארטנעקיגקייטען דעריין. מען מוז צו דעם געוואוינט ווערען.

איך האָב זיך צו דעם צוגעוואוינט. איך האָב דאָס נישט באדארפט, ווייל איך האָב מיט זיך געבראכט פון דייטשלאַנד 20 פעקלאך טאבאק. אַ חוץ דעם האָט אונז סאשא געגעבען 25 רוסישע סיגארעטען אם ווייניגסטען יעדען צווייטען פריהמאָרגען, סיגארעטען מיט לאַנגע פאפירענע מונדשטוקען און גוטען טאבאק אין די גילזען.

אָבער איינער פון אונזער דעלעגאציע איז בארוישט געוואָרען פון מאַכאָרקע, זיך פארליעבט אין מאַכאָרקע. ער האָט געדוי־כערט בלויז מאַכאָרקע, געשוואָרען ביי מאַכאָרקע, געהאלטען מאַ־כאָרקע פאר דער בעסטער זאך אין דער וועלט.

מאַכאָרקע (געדויכערט אויך אין פריעדענס־צייטען) איז אַ צייכען פון אָרימען שטאַנד, אַ נויט־געוואוקס, אַ סאָבסטיטוט־גע־מישעכץ. די צייטען פון טאבאק־דופט זיינען דערווייל פאָראי־בער. נישטאָ מעהר די וואונדערבארע פאפיראָסען פאר אַ קאָפּיקע אַ שטיק. אין מאי, 1920, האָט מען פאר 25 פאפיראָסען גע־צאָהלט פון 400 ביז 700 באָלשעוויסטישע רובעל. דער וואָס האָט זיך צוגעוואוינט צו מאַכאָרקע וויל קיין אנדער טאבאק נישט רויכערען. איך האָב אָנגעבאָטען אַ פריהערדיגען דירעקטאָר פון אַ גרויסער באַנק ענגלישע סיגארעטען. ער האָט זיך ענטזאגט זיי צו נעהמען — ער רויכערט בלויז מאַכאָרקע.

יעדער סאָרט פאפיר איז אין מאָסקווע סיגארעט־פאפיר. מען רויכערט מאַכאָרקע אין פאַק־פאפיר, אין צייטונגס־פאפיר, אין קלאַ־

זעט־פּאַפּיר, אין אַלערליי סאָרטען פּאַפּיר, אין וועלכען פּאַפּיר ס'ניט איז.

די ענגלענדער האָבען דאָס בעסער געהאַט. דער פאַראיין פון טאבאק ארבייטער האָט זיי געשיקט גרויסע שאכטלען מיט לאַנגע סיגאַרעטען מיט ווידמונגען אויף די שאכטלען. אויך שיידעמאַן וואָלט געקראָגען גרויסע שאכטלען מיט לאַנגע סיגאַרעטען און ווידמונגען אויף די שאַכטלען. ער וואָלט נישט געדאַרפט רויכערען קיין מאַכאָרקע.

דער רובעל.

אַמאָל האָט דער רובעל געגילט אין דער וועלט. אַריבער צוויי מארק איז ער ווערט געווען. ס'איז דערביי געווען אַ גרויסער שווינדעל, דער וויטע־שווינדעל, דער קאָקאָווצאָוו־שווינדעל מיט דער גאָלד־וועהרונג, מיט דעם גאָלד־סטאַנדאַרד. רוסלאַנד האָט קיינ־מאָל נישט געהאַט קיין גאָלד־סטאַנדאַרט, ד. ה., דער רובעל האָט הינטער זיך קיינמאָל נישט געהאַט קיין ענטשפּרעכענדע מאַס גאָלד. ס'איז דאָרט בלויז געווען אַ צענטראַליזאַציע פון גאָלד. די רעגי־רונג האָט צענטראַליזירט דאָס גאָלד כדי צו צוציהען די לייכט־גלויביגע אויסלענדער. אין לאַנד גופא האָט מען דעם גאָלד־סטאַנדארד נישט באַמערקט. דאָרט האָט געפּלאַטערט דער פּאַ־פּירענער רובעל, די רובליאָווקע, די פאַרשקלאַפּענדע, פּראָסטיטו־אירענדע, רויבערישע רובליאָווקע. מיט גיפט האָט געפּלאַטערט די ריבליאָווקע און פאַר'סמ'ט די נשמות פון די רוסישע באַאַמטע. און אפילו היינט זיינען נאָך אַלע רוסישע נשמות נישט געלייטערט פון דעם רובעל־גיפט.

נאָך אין פריעדענס־צייטען האָט מען אין רוסלאַנד געקאָנט באַמערקען אַ רובעל־פאַרב פּסיכאָלאָגיע, אַ לאָקאַלען פּרעמיום אויסטויש לויט דער עלטער און דער פאַרב פון דעם רובעל. איין סאָרט רובעל האָט דער עולם גענומען גערנער ווי אַן אַנדער סאָרט. אויך די רוסישע סאָוועט רעפּובליק מוז זיך רעכענען מיט דער דאָזיגער פּסיכאָלאָגיע. דער ראָמאַנאָוו רובעל, דער צאַרען־

רובעל האָט אַ גרעסערע קויף־קראפט איידער דער באָלשעוויס־טישער רובעל. אין מאי, 1920, האָבען ספעקולאנטען געצאָהלט פון 20 ביז 22 טויזענט באָלשעוויסטישע רובעל פאר איין טויזענט ראָמאנאָוו־רובעל.

דאָס רוסיש געלט, דאָס באָלשעוויסטיש געלט, איז קיין געלט נישט אין דעם אייראָפּעאישען זין. ס'איז בלויז אַן אויספלוס און גאָרנישט קיין איין־פלוס פון פאפירען געלט. ס'איז אין רוס־לאנד נישטאָ קיין אינסטיטוציע וואָס זאָל איינקאסירען, „קעשען", באָלשעוויסטיש געלט ווי די בענק און ענגלאנד קאסירט די סטער־לינג נאָטע. אין דעם דאָזיגען הינזיכט זיינען אנדערע אייראָפּע־אישע לענדער נישט בעסער פון רוסלאנד. אויך דאָרט „קעשט" מען נישט קיין קרעדיט-בילעטען. די דייטשע רייכסבאנק, צום ביי־שפּיעל, קאן געבען בלויז פאפיר פאר פאפיר, אַנווייזונגען פאר אַנ־ווייזונגען, דאָס איז נישט קיין איינלייזונג. פּיליכט איז דאָס אַ לייזונג, אבער קיין איינלייזונג איז עס נישט. פארלויפיג איז עס אַ שווינדעל, וואָס מען זוכט צו באהאלטען. דער באָל־שעוויסטישער שווינדעל איז אַן אָפענער שווינדעל — דאָס איז דער אונטערשיעד. דער באָלשעוויסטישער רובעל איז אַן אָפענער שווינדעל און די אראָפּעאישע באנק־נאָטע איז אַ פארשלייערטער שווינדעל. דאָס איז די גאנצע פּראָבלעם. מען מוז שווינדלען אָפען, נישט פארשלייערט, ווען מען וויל די גאנצע געלד־ווירטשאפט פארשווינדלען אויף טויט. פאר אזא צוועק איז קיין מאָס שווינדעל נישט גענוג. די סאָוועט רעפּובליק האָט אריינגעשווינדעלט אין רוסלאנד סך הכל פון 600 ביז 700 ביליאָנען רובעל. זי קאן נישט דרוקען אזוי פיעל געלט וויפיעל ווי וואָלט געוואָלט דרוקען. איינ־גאנצען דרוקט מען אַ פּאָר ביליאָן רובעל אַ טאָג. דאָס איז נישט גענוג ווען מען וויל פארשווינדלען די געלד ווירטשאפט אויף טויט. און מען מוז זי פארשווינדלען אויף טויט, ווייל מיט איין קלאפּ קאן מען זי נישט טויטען, מיט איין שלעפּ קאן מען זי נישט אויס־וואָרצלען. די מענשען ווילען אזוי. זיי ווילען נישט מען זאָל דעם געלט אָפּהאקען דעם קאָפּ. זיי ווילען בעסער אַז ס'זאָל שטארבען פון שווינדעל, און זיי באמערקען נישט אַז זיי נארען זיך אליין. דאָס איז אַן אינטערעסאנטער, אַ רייצענדער קאפּיטעל, אַ לעקער־

ביסען פאר דעם פינאנץ־קריטיקער. וואָס גראַנדיעזער דער שווינ־דעל, אַלץ געשמאַקער דער ביסען פאר דעם פינאַנץ־קריטיקער.

די סאָוועט רעפּובליק האָט איצט ארויסגעלאָזט רעוואָלוציאָנע־רע געלט־פּאַפּירלאך, פּראָפּאַגאַנדע פּאַפּירלאך, אויף וועלכע עס גע־פינט זיך אין פּיעלע שפּראַכען דער רוף „פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער פאַראייניגט אייך". די פּאַפּירעלאך זיינען קלענער איי־דער די פריהערדיגע באָלשעוויסטישע געלט־פּאַפּירלאך. איך האָב געזעהן 500־רובעלדיגע און 1000־רובעלדיגע באַפּירעלאך אזוינע. דער רוף פון דעם קאָמוניסטישען מאַניפעסט, דער רוף פון מאַרקס און ענגעלס שטעהט אויבען אין דער דייטשער שפּראַך, און ציהט זיך ווייטער אין דער פראַנצויזישער שפּראַך, אין דער ענגלישער, טערקישער, רוסישער, א. ז. וו. אין דער לענג און אין דער ברייט פון פּאַפּירעל.

דער דאָזיגער פּראָפּאַגאַנדע רובעל, דער דאָזיגער טענדענץ־רובעל איז אין אויסטויש ווערט ווענינגער ווי דער אַלטער סאָוועט רובעל, דער רויטער פּאַפּיר־רובעל. פאר צעהן טויזענד רויטע סאָ־וועט רובעל האָט מען, צו מיין צייט, געקאָנט קריגען עלף טויזענט מאַניפעסט־רובעל.

מען דרוקט קליינע פּאַפּירלאַך, כמעט די גרויס פון בריעף מאַרקען, פון אַלערליי קאָלירען — גרינע, געלע, ברוינע. אויך די דאָזיגע פּאַפּירלעך זיינען מאַניפעסט־פּאַפּירלעך. אָבער דער רוף איז געדרוקט בלויז אין דער רוסישער שפּראַך. עס זיינען נאָך דאָ קערענסקי־פּאַפּירלאַך, וואָס זייער ווערט ליגט צווישען דעם ראָמאַנאָוו־רובעל און דעם באָלשעוויסטישען רובעל. פּאַפּירלאַך, פּאַפּירלאַך, פּאַפּירלאַך. הויפענס פּאַפּירלאַך, צוקנייטשטע פּאַפּיר־לאַך, אָפּגעפּליקטע פּאַפּירלאַך, פאַרשיעדענע פּאַפּירלאַך. די קליינע מאַרקען־פּאַפּירלאַך באַמערקט מען קוים. זיי האָבען כמעט קיין שום באַדייטונג נישט. דאָס קליינינקע פּאַפּירעל איז בלאָטע, נישט קיין געלט. עס איז, אזוי צו זאָגען, א קאַריקאַטור, א געלט־וויץ, א פּאַראָדיע אויף דער קאַפּיטאַליסטישער געלט ווירטשאַפט. וואָלט עס געוועזן גרעסער — וואָלט מען נאָך געקאָנט מיט דעם אונטער־נעהמען עפּעס, אָבער ווי דאָס איז — איז עס בלאָטע ווערט.

אין מאָסקווע רעכענט מען מעהר נישט אויף רובלען, נאָר

אויף ברויט. מען פרעגט אפילו: וויפיעל ברויט קריג איך פאר אזוי פיעל רובעל, אָדער וויפיעל רובעל באַצאָהל איך פאר אזוי פיעל ברויט, אבער דער טראָפ איז אויפ'ן ברויט און נישט אויפ'ן רובעל. ברויט איז די מאָס, איז דער סטאנדארד, ברויט און נישט פאפיר געלט. דאָס איז א טיעפער זין, דאָס איז א סאָציאליסטישער זין. אין דעם צייגט זיך שוין ארויס דער ערפאָלג פון דעם סיסטע־מאַטישען ריזען־שווינדעל, פון דער אבזיכטליכער מאסען־פּראָדוק־ציע פון געלט.

דער רובעל איז, אלזאָ, א פּסיכאָלאָגישע ערשיינונג, א פּסי־כאָלאָגיע פון פארב און גרויסקייט. קיין געלט איז דער רובעל שוין נישט. ער איז א געלט קאטאסטראָפע, א משונה'דיגע באַ־שאַפונג פון קויף־קראַפט. וואָלט דאָס פאָלק נישט גע'גנב'עט (סאָ־ציאַליסטיש גערעדט), וואָלט דער גאנצער שווינדעל געווען איבע־ריג. אָבער דאָס פאָלק מוז באשווינדעלט ווערען, ווייל דאָס פאָלק גנב'עט. דאָס איז דער זין פון דעם פאפיר־געלט.

אין אויסלאנד גילט נישט דער באָלשעוויסטישער רובעל. דאָס איז אויך נישט נויטיג, ווייל דער רוסישער האנדעל מיט אויס־לאנד ווערט אנדערש פינאנסירט. ער ווערט פינאנסירט מיט גאָלד, אויסלענדישע ווערט־פאפירען, קאָנצעסיעס און פּראָדוקטען. די אויסלענדישע געשעפטס־לייט דארפען קיין מורא נישט האָבען. די סאָוועט רעפּובליק צאָהלט פּינקטליך מיט אמת'ן געלט אדער געלט־ווערט. אין אויסלאנד שווינדעלט זי נישט. זי נויטיגט זיך נישט אין דעם. זי האָט געגוג צאָהל־מיטלען. אינוועניג האָט זי א ווערטלאָזען געלט־סטאנדארד, אָבער פאר אויסלאנד האָט זי א זעהר ווערטפולען סטאנדארד, דעם ווערטפולסטען סטאנדארד. קיין לאנד אין דער וועלט, אפילו אמעריקא, איז נישט אזוי רייך ווי רוס־לאנד.

אָהן אלקאָהאָל.

איך מוז זיך דאָ ערלייכטערען, אניט קאן איך נישט שרייבען ווייטער. פרוי סנאודען האָט געקראָגען נייע הויכע, געלע לעדערנע שיך כדי זי זאָל קאָנען געהן זעהן רוסלאנד. פרוי סנאודען האָט אויך געקראָגען פון איהר מאן א הערליכען הוט מיט הערמעס־פלי־

געל, כדי איהר מארך זאָל נישט אָנגעגריפען ווערען פון דער רו־
סישער זומער־זון. אָבער די שיך, די הויכע שטארקע, געלע לע־
דערנע שיך און דער הוט מיט די פליגעל האָבען איהר קיין נוצען
נישט געבראכט. דער הוט האָט זי נישט באַשיצט פון דער רו־
סישער זון און אין די שיך איז זי אפילו געגאַנגען דורך רוסישע
שטעדט און אויף רוסישע וועגען, אָבער נישט דורך רוסלאַנד. אין
דער „פאָסישער צייטונג" האָט זי אָפּגעדרוקט אַ האַמבאַג. אַ
האַמבאַג, זאָג איך אייך, האָט זי דערצעהלט — עפּעס וועגען קאַרל
מארקס, עפּעס וואָס האָט אַ שייכות צו רוסלאַנד. עס האָט קיין
זין נישט, און עס ווייזט, אז פרוי סנאודען האָט נישט נאָר נישט
געזעהן קאַרל מארקס'ען, נאָר רוסלאַנד אויך נישט. זי דערצעהלט
ווייטער עפּעס וועגען דער רוסישער לאַנד־ווירטשאַפט, וואָס שטימט
גאָרנישט, און זי דערצעהלט ווייטער וועגען רוסישע שטעדט, וועל־
כע זי האָט נישט אָנגעהויבען צו פארשטעהן. זי איז, ווי פיעלע
אַנדערע, געפיהרט געוואָרען דורך רוסלאַנד, און האָט נישט באַגרי־
פען דעם מינדסטען שפּור פון דעם עצם סאָוועט־רוסלאַנד. אָבער
זי אורטיילט. זי איז געפּאָהרען שפּאַצירען אין אויטאָמאָבילען,
מען האָט איהר געצייגט אויסשטעלונגען, היימען, שטעדט און דער־
פער. אָבער מען דארף ארבייטען, מיין ליעבע פליגעל־הוטיגע פרוי,
מען דארף ארבייטען, אניט קאַן מען נישט פארשטעהן רוסלאַנד.
ווען פרוי סנאודען האָט פארלאָזט מאָסקווע, זיינען די פּאָדעשוועס
פון איהרע הויכע שיך נאָך גאַנץ געזונט געווען. מען האָט עס מיר
געזאָגט. ווען אונזער דעלעגאציע האָט פארלאָזט מאָסקווע, זיינען
אַלעמענס פּאָדעשוועס און נאָך עטליכע זאַכען געווען קאַפּוט. דאָס
איז דער אונטערשיעד, פליגעל־הוטיגע, הויך־שיכיגע, הארמלאָזע
פרוי, מיט דער ענגלישער ענערגיע און מיט אַ בליק ווי... עה, איך
וויל דאָס גאָרנישט זאָגען מיט וואָס פאַר אַ בליק.

אָבער ניט פרוי סנאודען אליין איז געווען אַהן אַלקאַהאָל, אַהן
בראַנפען אין מאָסקווע. איך האָב געזעהן פיעלע מענשען אין
מאָסקווע, פיעלע מענשען מיט ספּירט *) אָבער נישט מיט אַלקאַ־
האָל. פיעלע זיינען געווען בארוישט און קיינער נישט אזוי ניכ־

*) אַ וואָרט־שפּיעל: „ספּירימוס" מיינט גייסט, באַגייסטערטקייט
און אויך ספּירט, בראַנפען. — איבערזעצער.

טער ווי פּרוי סנאודען, אָבער באַטרונקען איז קיינער נישט געוועז. באַרוישט זיינען פיעלע געווען פון דער אי ד ע ע. זיי זיינען פון דער אידעע נישט געבליבען אזוי ניכטער ווי פרוי סנאודען, וועלכע ווערט נישט באַרוישט פון דער אידעע, ווייל זי זעהט זי נישט. זי זעהט נישט די סאָוועט אידעע און נישט די מאַרקס־אידעע.

איך האָב קיין שיכור'ע ניט געזעהן אין מאָסקווע. שיכרות איז פאר רוסלאנד א סאציאלע קראנקהייט, א סאציאלע קראנקהייט, וואס מוז אויסגעראטעט ווערען און וואס איז שוין כמעט אויסגעראטעט. איך וויל ניט באהויפּטען, אז עס זיינען איבערהויפּט ניטאָ מעהר קיין שיכורים אין מאָסקווע. אבער קיין שכרות איז מעהר ניטאָ אין מאָסקווע. עס איז ניטאָ מעהר קיין שיכרות אין דער רוסישער ארמיי, אין רוסלאנד, אזוי ווייט ווי דער סאָוועט אָרעם גרייכט. עס זיינען נאָך דאָ שיכורים, אָבער קיין שיכרות ניט.

זענט איהר באקאנט מיט דער געשיכטע פון דעם רוסישען בראנפען־מאָנאָפּאָל? מיט אָט דער זויף־געשיכטע, מיט דער וואנזין־געשיכטע, דורך וועלכער דער שטאאט האָט זיך פינאנסירט? זענט איהר באקאנט מיט דער געשיכטע פון דעם בראנפען־מאָנאָפּאָל? דאס איז א געשיכטע פון איינפלאנצען א מגפה אין פאָלק, א געשיכטע פון פאלקס־פארדומונג. א געשיכטע פון א מיליאנען־מאָרד, פון א הונט־געמיינער שטאאטליך באצירטער פארשווערונג. די גאנצע וועלט האָט געשטורעמט געגען דעם רוסישען בראנפען־מאָנאָפּאָל, געגען דער דאזיגער שנאַפּס־געמיינהייט. די דייטשע פּרעסע האָט געשטורעמט געגען דעם, די ענגלישע, די אמעריקאנער, יעדע אנטי־שנאַפּס צייטינג אין דער וועלט האָט געגען דעם געשטורעמט. פּארוואָס אנערקענט איצט ניט יעדע אנטי־שנאַפּס צייטונג אין דער וועלט דעם סאציאלען אויפטו פון סאָוועט־רוסלאנד, די אונגעהויערע ענטניכטערונג פון א פאָלק, די ריזיגע געזונטונגס־טאט? דאָס אַם ווענינגסטענס קאָנט איהר דאָך אנערקענען! איהר קאָנט דאָך אנערקענען דעם פאקט, אז סאָוועט־רוסלאד האָט באזייטיגט פּראסטיטוציע און פּאַריאָגט דעם שנאַפּס טייוועל. מעהר פּאַרלאַנגט מען פון אייך ניט אין מאָסקווע.

האָט איהר געליינט טאָלסטאָי׳ס באלעהרונגס־ערצעהלונג, ווארנונגס־ערצעהלונג, ערציהונגס־ערצעהלונג געגען שנאַפּס? דער רוסישער פּראלעטאריאט האָט אין די צאַרען צייטען געמוזט זופען בראַנפען. ער האָט געמוזט מיט שנאַפּס זיך אויף די פיס האלטען ביז די פּיס האָבען איהם אויפגעהערט אינגאנצען צו דיע־נען, ביז ער איז אַנידערגעפאלען. דער שטאַאט האָט פון איהם פארלאנגט ,אז ער זאָל זויפען שנאַפּס. דער בראנפען מאָנאָפּאָל האָט אריינגעבראכט יעהרליך 600 מיליאָן רובעל פון די הערצער, די לעבענס, די מארכעס, די נירען פון די פויערען. ער האָט אריינגעבראכט יעהרליך 600 מיליאָן רובעל פון די הערצער, די לעבענס, די מארכעס, די נירען פון דעם אינדוסטריעלען פּראלע־טאריאַט. ער האָט גאַנץ רוסלאנד באַזויפט און פארפעסטעט. דאָס איז געווען — איהר וועט דאָך דאָס צוגעבען — א מאָרד־געמיינהייט, א פארשווערונגס־געמיינהייט, א פארגיפטונגס־געמיינ־הייט געגען א פאָלק.

וואָס איך שרייב דאָ איז נישט קיין טענדענץ אָדער פּראפּא־גאנדע. איך גיב דאָ איבער די ערצעהלונג פון א מאן צו וועמען איך האָב צוטרויען. ער האָט מיר דערצעהלט אז די ווייסע ארמייען זיינען, א חוץ אנדערע זאכען, געווען שנאַפּס־פארפעס־טעט. די קאָלטשאקיסטישע ארמיי איז געווען א שכור׳ע ארמיי. זי האָט געקעמפט געגען א ניכטערער ארמיי און די ניכטערע האָט געזיעגט. אימער וועלען די ניכטערע ארמייען זיעגען. אימער וועט די ניכטערהייט זיעגען. נישט די ניכטערהייט פון פרוי סנאודען, וועלכער יעדע בארוישונג איז פרעמד, נאָר דאָס צוריקהאלטען זיך פון אלקאָהאָל, פון קאָקאין און רייץ־מיטלען בכלל.

מאָסקווער פיגורען.

1. שטינקעל.

ווען איהר קומט קיין מאָסקווע פארגעסט נישט צו באזוכען שטיקלען. אָבער לאָזט איהם וויסען פאראויס, ווייל ער איז זעהר א פארנומענער מענש. ער ארבייט אין צימער 125 אין דער געביידע פון אויבערשטען פאָלקסווירטשאפטס־ראט. ער איז איינער פון די מעטאל־הערשער פון רוסלאנד, אן ארגאניזאטאָר פון דער מעטאל אָפטיילונג פון דעם אויבערשטען ווירטשאפטס ראט, וועלכע כאפט ארום די גאנצע מעטאל אינדוסטריע פון רוסלאנד. זיין פריוואט אדרעס וועל איך אייך נית געבען, ווייל ביינאכט מוז שטינקעל זיך אָפרוהען. ער ארבייט פון אין דער פריה ביז שפעט ביינאכט. ביינאכט מוז ער רוהען, ווייל מאָרגען דארף ער ווידער ארבייטען ביז שפעט ביינאכט.

איהר האָט געוויס נאָך נישט געהערט פון שטינקלען. איהר הערט בלויז, איהר האָט בלויז געהערט פון די סאָוועט־שטערען, פון די „סטאַרס". אָבער איך וויל אייך איינראַמען א סוד אין אויער: די פאָליטיקער קומט דאָס לעבען אָן פיעל גרינגער ווי די ווירטשאפטס ארגאניזאטאָרען. איך האָב א סך זאכען געבראכט פון מאָסקווע, צווישען זיי — גארנית קיין גינסטיגען געפיהל געגען די פאָליטיקער. דער פאָליטיקער — דאָס איז עפּעס אן אפגעשטאנענע באשעפעניש, אן אומפּראָדוקטיווע, א לייט־אַרטיקעלדיגע, א לייט־רעדעוודיגע, אבער נישט קיין ארבייטענדע באשעפעניש. ער איז אן אפגעשטאנענע זאך, ער האָט מיט דער נייער צייט גאָרנישט נית צו טאָן. פונקט ווי דער מיטעל־אלטער איז פאראיבער אָהן פאָליטיקער, אזוי, לאָמיר האָפען, וועט די נייע צייט אָנקומען אָהן פאָליטיקער. די נייע צייט וועט נישט געמאכט ווערען פון פאָליטיקער, נאָר פון די ארבייטער פון אלע מינים. עס וועלען זי מאכען די מאשינען־ארבייטער, די גארטען ארבייטער, די ווירטשאפטס אָרגאניזאטאָרען, די דאָקטוירים, די לעהרער, די פאָלקס קינסטלער, די ארכיטעקטען, די טעכניקער, די ארבייטער מכל המינים, אָבער נישט די פאָליטיקער. עס זיינען דאָ

פּאָליטיקער אין מאָסקווע, וועלכע זיינען אויך ארבייטער. לענין, צום ביישפּיעל, איז א פּאָליטישער ארבייטער און אן ארבייטענדער פּאָליטיקער. אבער אפילו די לענינס וועלען נישט מאכען די נייע צייט, וויכטיג ווי זיי זיינען פאר דער איבערגאנגס צייט. די נייע צייט וועלען מאכען אנדערע. שטינקעל, צום ביישפּיעל.

שטינקעל איז א פינלענדער מיט דייטשער בילדונג. ער איז אן אינזשינער, איינער פון די וועניגע אינזשינערען, וועלכע האָבען פאָראויסגעזעהן די ענטוויקלונגס מעגליכקייטען אין רוסלאנד. ער שפּיעלט א ראָל אין דעם רוסישען אינזשינערען-פאראיין, און שפּי-לען א ראָל אין דעם רוסישען אינזשענערען פאראיין מיינט שיפּעלען א ראָל אין א שטיק נשמה פון דער רוסישער רעוואָלוציע. איך קאָן זיך דאָ לענגער נישט אָפּשטעלען אויף דעם ענין, איך וועל בלויז זאָגען, אז דער דאָזיגער פאראיין איז עטוואָס זעהר באדייטונגספולעס פאר רוסלאנד, פאר דער רוסישער רעוואָלוציע.

שטינקעל איז פריינדליך, שטינקעל איז קיהל, שטינקעל האָט אויגען וואָס זעהען ווייט און ברייט. ער דערזעהט באלד, אז אין קאָלאָמנא קלאַפּט עפּעס ניט גוט, אין קאָלאָמנא, אין איינעם פון די מעטאל-הערצער פון רוסלאנד. ער זעהט דעם ענטוויקלונגס-קרייז, דעם ענטוויקלונגס וועג, ער זעהט די עקאָנאָמישע טענדענץ, ער זעהט די פעהלער און די מעגליכקייטען און ער האנדעלט לויט דעם וואָס ער זעהט. ער האנדעלט שנעל, אָהן א גרויסען אפּאראט, אָהן קאזיאָנשטשינע, אָהן לאנגווייליגע קאָנפערענצען, אָהן ארו-מיגע וועגען, אָהן פּרוכטלאָזע דיסקוסיעס. שטינקעל איז א פּראכטפולער מענש.

אין זיין פּאָרצימער (125a) שטעהען שוין בארוהיגטע לייט, וועלכע זיינען זיכער, אז שטינקעל וועט זיי זאָגען עפּעס פּאָזיטי-וועס, אז ער וועט זייערע שוועריגקייטען ענטשיידען. צי גינס-טיג-פּאָזיטיוועס, צי אומגינסטיג-פּאָזיטיוועס, אָבער ער וועט זאָגען עפּעס פּאָזיטיוועס, עפּעס באשטימטעס און ענטשיי-דענדעס. ער טוט עס גאנץ רוהיג, נישט אלעס מיט אמאָל, מיט א סדר. ער טעלעפאָנירט צווישען איין ענין און דעם צווייטען, שטיל און מיט א קלאָרער שטים, מיט א פריינדליכער בייטש, אזוי צו זאָגען. ער איז אן אויסגעצייכענטער געשעפטסמאן, א

קאַלט־גלאַטער אָרגאַניזאַטאָר, אַ רוהיג־ענערגישער אַנטרייבער. סאָוועט רוסלאַנד נויטיגט זיך אין אַזוינע מענשען. סאָוועט רוסלאַנד פאַרמאָגט וועניג אַזעלכע מענשען. דייטשלאַנד האָט אַזוינע מענשען, אַמעריקאַ האָט זיי. דייטשלאַנד און אַמעריקאַ וואָלטען סאָוועט רוסלאַנד די גרעסטע טובה געטאָן ווען זיי וואָלטען אַהין אריבערגעשיקט אַזוינע מענשען.

אין אַ שטילער גאַס, הינטער דעם מאָסקווא־טייך, אין אַ קארשען גאָרטען האָב איך מיט איהם געארבייט, ביז אין דער נאַכט געארבייט. דאָס הייסט, ער האָט מיט מיר געארבייט. די גוטע פרוי שטינקעל האָט אונז דערלאַנגט טיי, און טרינקענדיג טיי האָט מיר שטינקעל דערצעהלט זאַכען וועגען וועלכע איך האָב קיין אהנונג נישט געהאַט. אין פיער אָוועגטען האָט ער מיר געגעבען אַן אויספיהרליכען לעקציע קורס איבער דער געשיכטע פון דער נאַציאָנאַליזירונג אין רוסלאַנד. איך האָב באַגריפען די נויטווענדיגקייטען, די ענטוויקלונגס־פאַראויסזעצונגען, די אונ־טערשידען. ער האָט גענומען אַ צייכנונגס־ברעט און אילוסטרירט מיט צייכנונגען און דיאַגראַמען די געשיכטע פון דער נאַציאָ־נאַליזירונג.

איך האָב פאַר זיך געזעהן די גאַנצע צורודערטע ווירטשאַפט, דעם כאַאָס, וואָס שטרעבט נאָך אָרדנונג. איך האָב געזעהן די מענשען אין דעם דאָזיגען כאַאָס, איך האָב געזעהן דאָס געלט אין דעם דאָזיגען כאַאָס, דאָס אַנטלויפענדע, פאַרלאָרענע געלט. איך האָב געזעהן די פּראָוועראָטס־דרינגענדע און די צוריקהאַל־טענדע, די פאַרשטעהערס און די נישט פאַרשטעהערס, די ווילערס און די נישט־ווילערס. אַלץ איז איצט געווען קלאָר, גראַד־ליניג, און איך האָב אויפגעאָטעמט. שטינקעל האָט פאַר מיר באַשאַפען דעם באַרג, פון וואַנען איך האָב אַלעס געקאָנט זעהן מיט אַמאָל.

איך האָב איצט פאַרשטאַנען רוסלאַנד'ס סאָציאַלע עקאָנאָמיע, די סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע פאַקטאָרען, וואָס האָבען געפיהרט צו דער רעוואָלוציע, די סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע ענדערונגען, זייערע אורזאַכען, זייער איינפלוס אויף דער רעוואָלוציע. איך האָב באַגריפען דעם קאַמף פון די באַאַמטע און די פּריוואַט־אָנגעשטעל־טע געגען די ארבייטער, דעם קאַמף פון די אינזשינערען געגען די

ארבייטער און דעם גענגען־קאמף פון די ארבייטער. איך האָב צום ערשטען מאָל פארשטאנען די נייע ווירטשאפטס געאָגראפיע, די נייע עקאָנאָמישע מאפע פון רוסלאַנד.

אין דעם קליינעם קארשען גאָרטען האָט שטינקעל פאר מיר אנטפלעקט אָט די אלע זאכען. איך דאנק איהם דערפאר. זעלטען ווען איך האָב געהאט אזא אויפקלערענדען לעהרער.

2. — קריזשאַנאָווסקי.

די ביורא פון דער עלעקטריציטעט־אַפּטיילונג געפינט זיך אויף יענער זייט פון דעם מאָסקווא טייך. אויף די גאסען דאָרט באמערקט מען נישט קיין געווירבעל, קיין ביהן־שטאָק טומעל. דאָ איז א סך שטילער ווי אין דער געביידע פון דעם אויבערשטען פאָלקסווירטשאפט ראט.

דאָ ארבייט קריזשאַנאָווסקי, לעניג׳ס פריינד. ער איז אן עלטערער מאן, פיליי͏כט שוין אן אלטער מאן אין יאָהרען, פיליי͏כט שוין 60 יאָהר אלט. קוים פון מיטעל וואוקס, שמאָל, עטיואס געהיימראטליך, עטוואָס פראָפעסאָריש. אָבער ער איז נאָך א פייער־דיגער מענש, אן אָנטרייב־מענש, א מענש מיט א געזונטען מוח, א פלאַן־מענש פון גרויסען פאָרמאַט.

צוויי דורכדרינגענדע איבערלעבונגען האָב איך געהאט אין מאָסקווע. איך האָב דאָס שוין פריהער געזאָגט: די זיצונג מיט דער פאבריק־קאָמיטע פון דער פּאָראָכאָראָוו מאנופאקטור אין דער באזוך ביי קריזשאַנאָווסקי׳ן.

ער איז לעניג׳ס א פריינד. ער האָט א דירעקטען טעלעפאן צום קרעמעל, צו לעניג׳ס ארבייט־צימער. איך גלויב אז לעניג לאָזט זיך באאיינפלוסען פון איהם אין עקאָנאָמישע פראגען, און ער טוט גוט וואָס ער לאָזט זיך, ווייל קריזשאַנאָווסקי איז, אזוי צו זאָגען, א פארפיינטער שטינקעל. ער איז נערוויגער, דין־גייסטיגער. ער איז נישט אזוי הארט ווי שטינקעל, זיין מארך איז צארטער געגלידערט.

ער האָט געהאט א טאָלמאטשער, אן עלעקטרא־טעכניקער, וועלכער האָט שטודירט אין דייטשלאַנד. קריזשאַנאָווסקי אליין רעדט אויך דייטש, אָבער ער באהערשט נישט די דייטשע שפראך.

זיי האָבעןביידע גערעדט מיט באַגייסטערונג וועגען דייטש־לאנד. זיי האָבען ביידע געלעגט האָפנונגען אויף דער ארגאניזאַציאָנס־הילף, די טעכנישע הילף פון דייטשלאנד. זיי האָבען שטודירט קלינגענבערג׳ס פלענער, אָבער די דאָזיגע פלענער האָט קריזשאַנאָווסקי געזאָגט, קאָנען דורכגעפיהרט ווערען בלויז אונטער דעם סאָציאַליזם.

עלעקטריציטעט איז די קראפט פון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאפט. דאמף איז און איז געווען די קראפט פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאפט. עס הויבט זיך איצט אָן די עפּאָכע פון עלעקטריציטעט.

דאַן האָט ער פאר מיר ענטוויקעלט זיינע פלענער. א קארטע איז געלעגען דערביי, א קארטע וואָס איז כדאי צו פארעפענטליכען, ווייל דאָס איז א קארטע נישט נאָר פון דער רוסישער צורודערטער ווירטשאפט, נאָר׳ פון דער פארקריפּעלטער ווירטשאפט פון דער גאנצער וועלט. דאָס איז א גאנץ נייע קארטע, אַן אונגעהויערע קארטע, א וואונדער־קארטע.

ער האָט פאר מיר ענטוויקעלט זיינע פלענער. איך האָב געזעהן פאר מיינע אויגען, ווי אויף דער וואהר, ווי די רוסישע אינדוסטריע האָט געוואנדערט, זיך באזעצט אויף קאָלאָניעס, איז פארפלאנצט געווארען דאָ אין צפון און דאָ אין דרום; זי האָט מארשירט מזרח צו, צו די אוראל בערג, נאָך סיביר. די עלעקטריצעט האָט זי געטריבען, געצויגען, צוזאמענגעהעפט, ארגאניזירט, באלעבט. רייכטימער, וואָס איך האָב פון זיי קיין אהנונג נישט געהאט, זיינען פאר מיינע אויגען ווי אויפגעשוואומען. דער מוטער־שליסעל איז געפונען געווארען. מינעראלען זיינען ארויסגעצויגען געווארען פון דער ערד, ריזיגע גערדיכטע פעלדער האָבען זיך געצויגען איבער דעם לאנד. קאָלאָסאלע עלעקטרישע קראפט־סטאנציעס האָבען געפּאָמפּעט דעם עלעקטרישען שטראָם דורך א סיסטעמאטישער נעץ.

איך האָב באגריפען דעם גאנצען זין פון דער נייער ווירטשאפט, פון דעם עקאָנאָמישען און סאָציאַלען סאָציאַליזם. דאָס איז א פּראָדוקציאָנס־וואנדערונג נאָך רויהע מאטעריאלען, א צענטראליזאציע, געמאכט מעגליך דורך דער עלעקטרישער קראפט, א

צענטראַליזאַציע, געמאַכט מעגליך דורך די נייע סטאַנציעס. אַזוי האָט פאַר מיר קריזשאַנאָווסקי ענטוויקעלט זיינע פּלענער.

ער האָט גערעדט וועגן פאַרשידענע פּלענער, וועגן פּראָדוצירען קינסטליכע באַמיסטיגונגס-מיטלען אויף אַ גרויסען מאַסשטאַב, וועגן דעם סיבירער געגענט, וואָס האָט גענוג שפּייז פאַר 40 מיליאָן מענשען. ער האָט גערעדט וועגן די קאָמיסיעס פון וויסענשאַפטס-לייט און עקספּערטען, וועלכע האָבען אונטערזוכט רוסלאַנד'ס רייכטימער. ער האָט פאַר מיר אויפגעדעקט אַ גן-עדן, אַן איינגעאָרדענטען גן עדן מיט באַשניטענע ביימער און אויסגעלעגטע אַלעען, מיט געזעטיגטע מענשען, מיט צייט-רייכע מענשען.

איצט, האָט ער מיר געזאָגט, ווערען ערשט קלאָר די עקאָנאָמישע פעהלערען פון דער אַלטער צייט, די פאַרשווענדונגס-פעהלערען איהרע. איצט ווערט ערשט קלאָר וואָס פאַר אַ גן עדן די אַלטע צייט האָט געהאַט פאַרדעקט און פאַרבאָרגען און איז ניט געווען בכוח ארויסצוברענגען.

ער האָט געפּלאַמט מיט באַגייסטערונג. ער איז ניט געווען גענאַרט, וואָס אַמבאַלאַנגט די שוועריגקייטען, די רוסישע שוועריגקייטען, וועלכע מען וועט דאַרפען בייקומען. אָבער ער איז געווען פייער און מוט. די פּלענער וועלען נישט פאַרלאָרען געהן. מען האָט וועגען זיי געוואוסט נאָך פאַר דער מלחמה. אָבער צו מאַכען די דאָזיגע פּלענער קאָנקרעט, צו מאַכען זיי מעגליך — דאָס איז די אַרבייט פון דער נייער צייט, דאָס האָט ניט צו טאָן מיט פּאָליטיק, דאָס איז אַ-פּאָליטיש, דאָס איז אויסער פּראַקציע און פּאַרטיי, אָהן פּאַרטיי טאַקטיק, ווייל דאָס איז די נייע צייט. ס'איז נישט רוסלאַנד, ס'איז די וועלט. דאָ הויבט זיך אָן די נייע וועלט.

איך האָב אין יענער שעה געהאַט ווייניג אָטעם, צו ווייניג אָטעם אַלעס אַריינצוציהען אין זיך. דאָ איז פאַר מיר געווען אַ סטראַטעגיקער פון אַ גאַנץ אַנדערן סאָרט ווי די פראָנט-סטראַטעגיקער אָדער די פּאָליטישע סטראַטעגיקער. דאָ איז געווען פאַר מיר דער פריעדענס-סטראַטעגיקער, דער נאַטור-קראַפט סטראַטעגיקער. איך גלויב אַז אויך אין דייטשלאַנד זיינען פאַראַן

אזוינע סטראַטעגיקער. גליקליך זיינען די מענשען וואָס ווערען געפיהרט פון אזוינע סטראַטעגיקער. די דאָזיגע פיהרערשאפט — דאָס איז דער גאנצער זין פון דער נייער צייט. נישט פּארטיי־רייסעריייען, נישט שמויס־ווארפען, נישט די שארפזיניגע אדוואָקאַטען און די געהויבענע ריכטער, נאָר אזוינע סטראַטעגיקער, אזא סטראַטעגיק — דאָס איז די נייע צייט, דאָס איז דער פרידען, דאָס איז די ליכט פון לעבען, פון צוועקמעסיגען שאפען. מעגען אונזערע קינדער דאָס געניסען.

3. פּלאַוונ יק.

דער גלאַווק־טעקסטיל*) איז פריהער געווען א נעבען־אפּטיילונג פון דער כעמישער אפּטיילונג פון דעם אויבערשטען פאָלקס־ווירטשאַפטס־ראַט. איצט איז ער א זעלבסטשטענדיגע אפּטיילונג, ווייל די טעקסטיל אינדוסטריע איז איינע פון די גרעסטע רוסישע אינדוסטריען.

פּלאַוניק איז א מיטגליד פון דעם פּרעזידיום פון דעם גלאַווק־טעקסטיל. ער פאַרוואַלטעט די פינאנץ־ביוראָ, די בוכהאַלטונג, די קאַסע פון דער דאָזיגער ריזיגער אינדוסטריע. ער איז א מאַן פון א יאָהר 34, הויך, שמאָל־ביייניג, מיט זעהר שנעלע באוועגונגען. יום טוב טראָגט ער א ווייסע רוסישע העמד מיט רויטער שטיקעריי.

פיער וואָכען לאַנג האָב איך מיט איהם טעגליך געארבייט, אָדער פיער וואָכען לאַנג האָט ער מיר טעגליך געהאַלטען א פאָרטראַג איבער דער אָרגאַניזאציע פון דער רוסישער טעקסטיל אינדוסטריע. ער האָט מיר געצייגט ווי אזוי די טעקסטיל אינדוסטריע איז פאַרוואַלטעט געוואָרען פון אָנהויב, ווען די רעגירונג האָט זי איבערגענומען, און ווי אזוי די פאַרוואַלטונג האָט זיך ענטוויקעלט. ער האָט מיר אָנגעוויזען אויף די געגענזעצליכקייטען, אויף די שוועריגקייטען, און ווי אזוי מען האָט זיי בייגעקומען.

ער האָט מיר ערקלערט דעם עצם פון דער פאַרטראָסטונג, פון דער סאָציאַליסטישער פאַרטראָסטונג אין דער טעקסטיל אינ־

---

*) הויפּט ביוראָ פון דער טעקסטיל אינדוסטריע.

דוסטריע. פון איהם האָב איך געקראָגען א באגריף וועגען דעם פּראָדוקציאָנס־בודזשעט, וועגען דעם גאנץ נייעם בודזשעט, דעם סאָציאַליסטישען בודזשעט, וועלכער איז מעהר נישט קיין געלד־בודזשעט, קיין רענט און פּראָצענט בודזשעט. איך האָב מיט זיין הילף אָנגעהויבען צו פארשטעהן דעם דורכגעפיהרטען געלטלאָזען אויסטויש, דעם אומלויף אהן אומלויף־מיטלען, די צאָהלונג אָהן צאָהלונגס־מיטלען, די דורכגעפיהרטע סאָציאַליסטישע בוכהאל־טעריע, וועלכע איז אַ גאנץ אנדערע ווי אין דער פּריוואט־עקאָנאָמיע.

ער האָט פאר מיר געלאָזט צייכנען אילוסטראציעס פון דעם טעקסטיל־טראָסט*) און צוגרייטען סטאטיסטיק וועגען דער פּראָ־דוקציע. ער האָט מיך געפיהרט דורך אַלע סעקציעס און אָפּטייַ־לונגען און אויך דורך דער ביורא פון דעם טעקסטיל פאראיין (יוניאָן).

פּלאַוניק איז נישט אומבאקענט אין דייטשלאנד. ער איז געוועזן אין דייטשלאנד ביז 1918. ער איז געוועזן פארבונדען מיט דער סאָוועט־געזאנדשאפט אין בערלין, און פריהער האָט ער פאר־נומען וויכטיגע פארוואלטונגס־שטעלען אין דער דייטשער טעקס־טיל אינדוסטריע.

פּלאַוניק האָט א קלאָרען קאָפּ אויף די פּלייצעס. ער איז אַן ענערגישער מענש, שנעל אין פארהאנדלונגען, אלע מאָל באשעפ־טיגט. ער האָט נאָך אנדערע מאנדאטען. פעהיגע פיהרער זיינען קנאפּ אין מאָסקווע און די איינצעלנע קומט אוים צו ליידען פון א בארג עמטער אויף זייערע פּלייצעס.

ער בענקט נאָך דייטשלאנד, ער רייסט זיך אהין צו ארבייַ־טען אלס עקאָנאָמישער פארבינדונגס־מענש. די פעהיגקייטען דערצו האָט ער — דאָס קאָן מען נישט אָפּלייקענען. אין זיין ביורא האָב איך געהאט א געלעגענהייט צו שטודירען די גאנצע מאשינעריע פון דער טעקסטיל־אינדוסטריע. פאבריק־פיהרער, טראָסט־פיהרער פון דער פּראָווינץ זיינען געקומען און פארגעלייגט זייערע וואונשען. מענשען זיינען אָנגעשטעלט געווארען און אראָפּ־

*) דער שרייבער געברויכט דאָס וואָרט „טראָסט" צו באַציהען אַ פאראייניגטע אינדוסטריע.—איבערז.

גענומען געווארען פון שטעלען, דיסציפּלינארע באַפעהלען זיי־נען ארויסגעגעבען געווארען, פּראָבעס איבער מאַטעריאלען זיינען געמאכט געווארען — אלץ אין פלאווניק'ס ביורא. אָפטמאָל איז זיין ביורא געווען א שטורם־צענטער פון אויפגערעגטע מענשען, וואס האָבען געהאט יעדער זיין פּעקעל קלאגען און פאדערונגען. ער איז מיט זיי שנעל פארטיג געווארען. א קליין עלעקטריש לעמפּעל האָט געברענט הינטער איהם. האָט דאָס לעמפּעל געברענט, האָט עס געהייסען אז ער איז באַשעפטיגט. אָבער נישט אלע מאָל האָבען די באַזוכער זיך גערעכענט מיט דעם דאָזיגען לעמפּעל. איך האָב אייך שוין דערצעהלט ווי אזוי די רוסען רייסען איבער א געשפּרעך, פאלען אריין אינמיטען דרינען און קימערען זיך ניט צי זיי שטערען אייך צי נישט.

דער טעלעפאן האָט נישט גערוהט. אָפטמאָל איז פלאווניק געווען באַשעפטיגט מיט צוויי טעלעפאנען מיט אמאָל — דעם ווייט־שטרעקע טעלעפאן אין דעם הויז־טעלעפאן. מען האָט גע־קאָנט זעהן אז דאָ איז אלעס ארגאניזירט, אז אלעס וועט דאָ זיין ארגאניזירט. די רוסישע טעקסטיל אינדוסטריע איז פאלשטענדיג נאַציאנאליזירט. זי איז איינגעקלאמערט אין אן ארגאניזאציאנס־סיסטעם און זי וועט זיך פון די קלאמערען נישט ארויסדרעהען.

פלאווניק באהערשט די דייטשע שפּראך. ער באזיצט אויך די אידישע שפּראך. ער איז איינער פון די בעסטע אידישע שריי־בער אין רוסלאנד. אויב איך האָב קיין טעות נישט רעדאגירט ער אליין א אידישע צייטונג. איך האָב איהם צוגעזאָגט אן ארטיקעל פאר דער דאָזיגער צייטונג, אָבער איך האָב קיין צייט נים געהאט צו האלטען מיין פארשפּרעך.

ער איז אן איבערגעשפּיצטער געשעפטסמאַן, אביסעל צו אי־בערגעשפּיצט פאר מיר. אָבער ער איז א טיכטיגער געשעפטס־מאן, א נייער ציעל־געשעפטסמאן, א געשעפטסמאן מיט אידעען. אויך די סאָציאליסטישע געזעלשאַפט נויטיגט זיך אין געשעפטס־לייט. נישט קיין געשעפטסלייט פון אלטען שניט, נישט קיין קויפער און פארקויפער, נאָר געשעפטסלייט אין גאר אנאנדער זין. פלאווניק איז אזא געשעפטסמאן, דער נייער טיפּ געשעפטס־מאן— דאָס איז זיכער.

4. — לאַנדאַ.

לאַנדאַ איז אַ בלאָנדער אידישער יונגערמאַן פון אַ יאָהר 26 אדער עטוואס עלטער. איך האָב איהם שוין דערמאָנט, מיט זיין לעדערנעם אנצוג און זיין עווערקלין. אבער דאָס איז ניט דאָס וועזענטליכסטע אין איהם. דאס וועזענטליכסטע אין איהם איז זיין כמעט אומגלויבליכער בליק איבער דאס גאנצע, דער פּאָבעל־האַפטער כוח צו קאָמבינירען זאכען, זיין כמעט איבערנאַטירליכע פעהיגקייט דורכצושטראהלען אַ זאַך און זי זעהן דורך און דורך.

אין מאי 1920 איז ער געווען אַ סעקציאָנס־שעף אין דער אויסלענדישער אפּטיילונג פון דעם אויבערשטען פאָלקס־ווירט־שאַפטס־ראַט. ער האָט מיט מיר געאַרבייט טעגליך, אָפטמאָל עט־ליכע שעה אין טאָג. ער האָט מיר געצייגט די אָרגאַניזאַציע פון די לאָקאַלע עקאָנאָמישע ראַטען, גובערניע־ און איעזד־סאָוועטען. ער האָט מיר ווייטער געוויזען דעם עצם און די אָרגאַניזאַציע פון דער רוסישער קליין־אינדוסטריע און נאָך אייניגע זאכען דערצו.

אין אוקראַינע איז ער געווען דער אנפיהרער פון אַן עקאָנאָ־מישען גובערניע־ראַט. ער האָט געקאָנט די ווירטשאַפטליכע פּסי־כאָלאָגיע פון דער אוקריינע ווי זיינע פינף פינגער.

אין מאי 1920 האָט ער געוואוינט אין אַ טונקעלען צימער אין דעם מעטראָפּאָל. לאַנדאַ איז אַן אומגעווענליך באַשיידענער מענש. ער איז מיט אַלצדינג צופרידען. זיין צימער איז אַזוי פינסטער און אַזוי שלעכט מעבעלירט, אַז ער אַרבייט אויף אַ באַנק אין דעם גערטענדעל פון דעם מעטראָפּאָל.

אָפט טרעפט מען אין רוסלאַנד אַזוינע לאַנדאַס — איבער־באַשיידענע און דאָך פלאַמענדע מענשען, וואָס טראָגען אין זיך הימעל־שטורמען און וואוינען אין טונקעלע, ניט מעבעלירטע צי־מערען אויס ענוות.

איך ווייס ניט צי דער דאָזיגער פּרעכטיגער מענש, דער דאָ־זיגער אוניווערסאַל קלוגער מענש איז אַ פיהרער. אבער ער איז ניט געווען אויף דעם ריכטיגען פּלאַץ. אַזעלכע מענשען דאַרף מען שטופּען פאָראויס, מען דאַרף זיי צווינגען אין זיך אַליין אַריינצו־קוקען. זיי קענען זיך אַליין ניט, מען מוז זיי צווינגען זיך אַליין

צו שטודירען, כדי מען זאָל אַם בעסטען קאָנען אויסנוצען זייערע כחות. עס זיינען דאָ אַ סך לאַנדאַס אויף דער וועלט. זיי זיינען שלעפּ־חיות אין דער צייט, ווען זיי וואָלטען געקאָנט זיין אָנפיהרער און וועג־ווייזער.

5. — ראַדעק.

באַלד נאָך מיין אַנקומען אין מאָסקווע האָב איך זיך געטראָפען און געהאַט אַ געשפּרעך מיט ראַדעק'ען אין מירבאַך'ס ארבייטס־צימער, אין דער פריהערדיגער דייטשער געזאַנדשאַפט, ד. ה. אין דער איצטיגער געביידע פון דעם דריטען אינטערנאַציאָנאַל.

איך בין מיט איהם ניט געווען באַקאַנט. איך האָב איהם ניט באַזוכט אין דער דייטשער געפענגניס. ער איז אַ מיטעל־וואוקסיגער שמאַלער מאַן מיט אַ ליכטיגען קאָפּ האָר און עטוואָס רעוואָלוציאָנער־קאָקעטישע באַקענבאַרדען. אַ בלאַס־פאַרביגער און דאָך אַ שימערירענדער בליק. נערוועז. אויף די בילדער אין די מאָסקווער שויפענסטער האַלט ער אַ זשורנאַליסטען־פּיפּקע אין מויל.

ראַדעק איז אַ זשורנאַליסט, אַ פעהיגער זשורנאַליסט. די געדאַנקען שפּרינגען ביי איהם, שטירצען, לויפען איינער איבער דעם אַנדערען, דרעהען זיך. ער איז אַ גוטער דיאַלעקטיקער. ער דענקט און אַרגומענטירט שנעל.

מען זעהט אַז ער איז נישט אָהן אַ האַרץ, ער איז זאָגאַר גוטמוטיג. קיין שטאַאַטסמאַן איז ער אָבער ניט. ער איז אַ פעהיגער, פיעל־פאַכיגער זשורנאַליסט. שנעל באַגייסטערט, האַסטיג, מיט אויגען אויף דעם אויבערגרונט. ער פיילט אַרטיקלען, ער שיסט אַרטיקלען אין דעם געגנער פּראָנט אַריין, ער איז אַן אויגענבליק־פעכטער. קיין שטאַאַטסמאַן איז ער ניט.

ער גליהט, ווען ער רעדט וועגען די אויפטוען פון דער רויטער אַרמיי, וועגען דער באַשיצונג פון פּעטראָגראַד געגען יודעניטש'ען. ער איז פאַרדאַפּעלט אין דעם דאָזיגען אויגענבליק, ער איז ווירקליך באַגייסטערט.

אַ געלונגען שטעכוואָרט פרעהט איהם. ער רייבט גערן אָן אַ מאָרדע. אָבער ער טרעפט מעהר ווי ער טוט וועה. זיינע קלעפּ

זיינען ווי פון אַ הילצערנער שווערד. זיי טרעפען, אבער זיי טוען ניט וועה.

איך גלויב, אז ער שטעהט אויף דעם אויסערען גרעניץ פון דעם אלטען. דאס נייע איז ער נאָך ניט. ער איז א פאליטיקער, אבער ניט קיין שטאאטסמאן. מען דארף נאָך איצט האָבען פאליטיקער, שפּעטער אבער וועט מען קיין פאליטיקער מעהר ניט דארפען האָבען.

איך האָב אויפגעשריבען דעם געשפרעך מיט איהם, כמעט וואָרט ביי וואָרט. עס זיינען דאָרט פאראן אנגריפען געגען לאָגיק, אבער אויך — ווארמהערציגקייט, פייערדיגקייט, גוטע שפּרוכען. ער איז ניט באלאנסירט, ער זידעלט זיך לייכט, אבער קיין שלעכטס קומט פון דעם ניט ארויס. ער האָט אזוי צו זאגען, דורכגעמאכט די זידעל־שול, אבער ער מיינט קיין בייז ניט.

דאָס איז אַ מענש פון באדייטונג. ניט פאַר דעם בויען און וואקסען, נאָר פאר דעם ווירבעל, פאר דעם קאמף פון טאָג. ער קאָן ניט פארטראגען די אינטעליגענטען, אבער אליין איז ער אַן אינטעליגענט פון קאָפּ ביז די פיס. אין מאָסקווע האָט מען איהם א נאָמען געגעבען א שטיק לענין — אבער אָהן ארגאנישער פאַרבינדונג מיט לענינען. איך דענק, אז דאס איז זעהר פּאָרטרעפליך.

ער האָט א סך געלייענט, האָט מען מיר דערצעהלט. ער איז דורכגעפאהרען דורך דער וועלט־ליטעראטור מיט דער שנעלקייט פון אן עקספרעס־צוג. ער איז איינער פון די גרויסע זשורנאליסטישע „קענער”, וואס קאנען פון צוויי ברעקלעך צוזאמענשטעלען א גרויסע פּראָבלעם. דאס איז ניט קיין קליינינקייט, דאס איז כמעט א מתנה פון גאָט דאָס איז נביאות.

ער איז א גוטער מענש, ער העלפט אייך גערן. ער האָט אויך מיר געהאָלפען אין מאָסקווע, און איך דאנק איהם דערפאר. איך דענק, אז ער פארנעהמט דעם ריכטיגען פּלאַץ און אז די רוסישע רעוואלוציע האָט איהם געדארפט און דארף איהם נאָך איצט האָבען.

ער איז ניט קיין רעוואלוציאנערע גיוואלדיגקייט, נאָר א רעוואָלוציאָנערער שומער, א רעוואלוציאנערער אויפבליץ. זיין אויפבליצען איז אן אָנזאָג און ביז צו א געוויסען גראד א ווענוויי־

זער. ער איז א סיגנאַל און אַ וועגווייזער. ער האָט געליטען פאר דעם פּראָלעטאריאט. דאָס אליין איז א ליכטיגער שטריך. דער גאנצער מענש איז פון קאָפּ ביז די פיס פארטאָן אין דעם קאמף פאר דער רעוואלוציע. ער איז דער לאָסאַל פון דעם אינטערנאַציאָנאל. דאָס וואָס ער איז.

6. א פ ר ו י.

א פרוי וויל מיט מיר רעדען, א אידישע פרוי, א גייסט־שווערע, הארטע פרוי, זאָגט מען מיר אָן. אין לאנדא׳ס צימער אין דעם מעטראפּאָל.

זי האָט מיט מיר גערעדט וועגען דער דייטשער רעוואלוציע, וועגען איהר ענטוויקלונגס־גאנג, וועגען דער פיהרער פּראבלעם און נאָך אזוינע זאכען.

איך האָב שוין פארגעסען איהר נאָמען. זי שפּילט א ראָל אין דער פּארטיי, האָט מען מיר געזאגט. זי מוז דאָרט שפּיעלען א ראָל, ווייל זי איז א פעלז.

איך האָב אנאליזירט, געשלעפּט, געצויגען, געקנאָטען, אבער זי האָט ווייניג גערעדט אנטקעגען מיין ווערטער מבול. ווען זי האָט אבער גערעדט האָט זי גערעדט פעלזענשטיינער, פעלזענמאַסען.

דעם ערשטען מאָל אין מיין לעבען האָב איך געזעהן אזא פרוי. ליעבליך. איהר שווארצער קאָפּ אָנגעבויגען צו מיר. קיין צאָרן, אָן אייזערנע דולדונג, א פעלזיגע דולדונג, א שמייכלענדיגער פעלז.

דאָס איז געווען א פּאָליטישע פרוי, א קלוגע פרוי און א פרוי דערצו. איך האָב ביז דאן נישט געוואוסט, אז עס זיינען פאראן אזוינע פרויען. פּאָליטישע פרויען זיינען פאר מיר געווען שוידער מעשה׳לאך. קיינמאָל האָב איך זיך נישט איינגעהערט אין די רעדען פון פּאָליטישע פרויען.

די דאזיגע פרוי אין לאנדא׳ס טונקעלען צימער אין דעם מעטראפּאָל, איז געווען א פּאָליטישע פרוי. א ליעבליכער פעלז, א פעלזיגע רעדנערין.

דאָס איז נישט געווען רחל און אויך נישט פרוי פּאָן שטיין.

דאָס איז געווען א גאַנץ אַנדער פרוי. פעלזען האָט זי גערעדט, די דאָזיגע פרוי, און איז געווען ליעבליך דערביי. א וואונדער, אווירקליכער וואונדער.

אין דעם אויבערשטען פאָלקווירטשאַפט־ראַט.

אמאָל איז דאָס געווען דער סיבירער האָטעל, איינער פון די פרעהליכע האָטעלען אין מאָסקווע. דאָ פלעגט מען צוברעכען שפּיגלען מיט שאַמפּאַניער־פלעשער, דאָ פלעגען די ציגיינער טרו־פען שפּילען און טאַנצען, דאָ פלעגען זיך פארזאמלען האנדעלס־מיליאָנען. דאָס איז געווען איינער פון די מאָסקווער פּלעצער, וואו ס'איז געווען א מין פליכט זיך אָנצוזויפען מיט שאַמפּאַניער. איך האָב שוין פריהער דערצעהלט, אז איינער פון אזעלכע הול־טאיסקע פלעצער ווערט איצט אין מאָסקווע באנוצט אלס טורמע פאר ספּעקולאַנטען. אויך א קלויסטער ווערט איצט באנוצט פאר דעם זעלבען צוועק. א שעהנער קלויסטער. א וואַך שטעהט אין דרויסען און דער קלויסטער איז ארומגערינגעלט מיט שטעכיגע דראָטען. אויך דאָ, האָט מען מיר געזאָגט, זיצען ספּעקולאַנטען.

די ריזיגע געביידע איז איצט פאָלשטענדיג ניכטער. איבעראַל פון ברעטער צונויפגעשלאָגענע צימערען, וועגט פון רויע ברעטער די סאָפאַס זיינען אפּגעבליאקעוועט. נישטאָ מעהר די רייכע שטו־לען מיט עלעגאַנטע ליניען. דאָ און דאָרט זעהט מען נאָך גרעסערע שפּיגלען.

דאָס איז א בין־שטאָק. דער שטראָם פון גאס צום אויבער־שטען עטאַזש רייסט זיך נישט איבער. די קייט האַלט זיך אין איין ציהען. ווייל דאָ זיינען קאָנצענטרירט די עקאָנאָמישע כחות פון רוסלאנד, פון דאנען ווערט די רוסישע ווירטשאַפט פארוואל־טעט. די באזוכער און די נאָכזוכער זיינען נישט מעהר די גראָב־בויכיגע קויפלייט, וואס שטופען אונטער טויזענט־רובעלדיגע. זיי זיינען מייסטענס ארבייטער־באַאמטע אָדער סאָוועטען־באַאמטע מיט דער איינפאַכער עמבלעם אויף דער היטעל — דער אויסער־ליכען סמן פון אלע סאָוועט־באַאמטע.

דורך א ברעטער־צימער קומט מען אריין אין צענטרום, דאָרט

וואו עס געפינט זיך דער פּרעזידיאום פון דעם אויבערשטען פאָלקס־ווירטשאפטס־ראַט. צו מיין צייט איז דאָרט געווען דער שטעל־פארטרעטער פון דעם פארזיצענדען, מילוטין. דער פארזיצענדער אליין, ריקאָוו, איז דאַן געווען אין באקו. באקו איז איצט א זעהר וויכטיגער פּלאץ פאר רוסלאנד, ווייל דאָס איז דער נאפטע־צענטער פון רוסלאנד, און נאפטע איז די הויפּט שפּייז פון דער רו־סישער אינדוסטריע און פון די רוסישע לאָקאָמאָטיוועו. די נאפטע רעזערוואוארען אין דער פּראכאראוו פאבריק זיינען געווען ליידיג. די מייסטע נאפטע רעזערוואוארען אין דעם מאָסקווער ראַיאָן זיי־נען געווען ליידיג. מען האָט דאריבער געמוזט שיקען קיין באקו אזא וויכטיגע פּערזאָן ווי ריקאָוו. מען האָט מיר געזאָגט אז ביז אַריאָל ווערען שוין לאָקאָמאָטיוען באהייצט מיט נאפטע. אבער דאָס איז נישט גענוג. באקו מוז שיקען שטראָמען אויל איבער גאנץ רוסלאנד, באקו מוז דערלייכטערען דעם טראנספּאָרט, באקו מוז אָנפילען די נאפטע־קעסלען — באקו איז די רפואה (פארגעסט אָבער נישט די קויהלען!).

מילוטין איז נאָך א יונגער מענש מיט גרויסע שווארצע אוי־גען און קליינע שווארצע וואנצעס. א טעלעפאָן־באטעריי שטעהט אין זיין צימער און ווערט באנוצט טיילווייז פון איהם אליין און טיילווייז פון זיין סעקרעטאר, א שארף־אויגיגען מאַן אין א רו־סישער העמד. דאָס איז א גרויסער ווינקעל צימער מיט פיעלע פענסטער. אויף מילוטינ'ס טיש הערט מען ניט אויף צו לייגען פּאפּירען וועלכע ער דארף אונטערשרייבען. דאָ הערשט אכטונג, רעוועֶרענץ, ווי אין א מיניסטער ביורא אדער אין דעם שעף־קאַ־בינעט פון א גרויס געשעפט. פּילייכט עטוואס לעבהאפטער, עט־וואס ווענינער אפּגעשלאסען.

מילוטין (א מאַן פון א יאָהר 40) האָט זיך פריהער נישט אויסגעצייכענט אלס פּראקטישער ווירטשאפטסמאַן. אין זיינע אויגען זעהט מען א געוויסע שטוינונג. איך האָב מיט איהם גע־האַט א לעבהאפטע אונטעררעדונג מיט דער הילף פון א טאָלמאַ־טשער. מיר האָבען גערעדט וועגען דער אויסוואנדערונג פון דיי־טשע ארבייטער נאָך רוסלאנד, וועגען מיינע עקאָנאָמישע שטודיען אין רוסלאנד, וועגען די איינדריקען וואס איך האָב געקראגען פון

די שטודיען. „דיסציפּלין" — האָט ער צוגעזעצט, ווען איך האָב אויסגערעכענט די עקאָנאָמישע טרייבקרעפטען. דאָ און ביורא האָט געהערשט אכטונג און אָרדנונג. דאָ רייסט איינער דעם צווייטען נישט איבער אין מיטען געשפּרעך. דאָ געהט אלצדינג אָן כסדר.

דורך דער גאַנצער צייט וואס די ביורא איז אָפען שטעהען גאַנצע מחנות פאַר דער טיר פון מילוטינ'ס צימער. צוויי מיידלאך מיט געשאָרענע האָר לויפען הין און צוריק פון פאָדער צימער צו מילוטינ'ס ביוראָ און פון דער ביוראָ אין פאָדער צימער. נעבען דעם פאָדער צימער געפינט זיך א קלייגער צימער וואו די לויף־מיידלאך רוהען און טרינקען טיי. אין די רוסישע ביוראס טרינקט מען נאָך אלץ טיי. גליה־הייסע טיי אין גליה־הייסען וועטער. זודיגע טיי. א שוידערהאפטע זאך פאַר א מאָגען, וואס איז געוואוינט אין הייסע טעג צו זויפען קאַלט וואסער, סעלצער וואסער אָדער לימאָנאַד. אין מאָסקווע טרינקט מען אָבער זודיגע טיי בעת די זון ברענט. א שוידערהאפטע זאך. אבער מען זאָגט מיר, אז דאָס איז דער בעסטער מיטעל געגען דער היץ. סאשא האָט מיך אויסגעלאכט, ווען איך האָב געבעטען קאַלט וואסער אנשטאט זודיגע טיי.

לאַנגע קאָרידאָרען מיט נומערירטע טירען, ווי אין אייראָפּעאישע רעגירונגס־געביידעס. די ביוראס זיינען איינפאך מעבעלירט. איינפאַכע הילצערנע שטולען ביי איינפאכע טישען. וואלט די רעגירונג געווען אין פּעטראָגראַד, וואלט זי דאס געהאַט באַקוועמער. מאָסקווע איז נישט קיין רעגירונגס שטאָדט. דאָרט זיינען נישטאָ קיין רעגירונגס געביידעס, קיין עמטער־געביידעס. מען מוז באנוצען די האָטעלען, זיי איינריכטען, צופּאסען. און מען קומט אויס — מיט שוועריקייטען, מיט שטענדיגען ארויסקלייבען זיך און אריינקלייבען זיך, מיט ברעטערנע צימערען און מיט גוטען ווילען.

אין אלע פאָדער צימערען געפינען זיך מחנות מענשען. אין אלע פאָדער צימערען זיצען פרויען וואס נעהמען אויף און מעלדען אָן די אָנגעקומענע. אפטמאָל זיינען זיי אויך די טיי־צוגרייטערינס. אין יעדער ביורא זעהט מען די רוסישע רעכען־מאשין, די

„סטשיאָטי", וועלכע געהערט צום רום ווי דאָס העמד זיינס. מען זעהט סטשיאָטעס אין די קראָמען, אין די פּריוואַט־וואוינונגען — איבעראל. די רעכען־קנעפּלאך פליהען הין און צוריק, געטריבען פון א פלינקער האנט. אויף רעוואלוציעס טויגט איהר זיך אויס, האָב איך ביי זיך געטראכט, און אויפ'ן קאָפּ רעכענען קאָנט איהר נישט.

ביים הויפּט אריינגאנג שטעהט א וואך. א באוואפענטע וואך ווי נעבען יעדען האָטעל אדער קאָמיסאריאט געביידע. אבער די וואך איז דאָ מילדער ווי, צום ביישפּיעל, די וואך ביים אויסערן־קאָמיסאריאט אָדער די קרעמל־וואך. די קרעמל־וואך איז די שטרענגסטע אין מאָסקווע. די וואך ביי דער געביידע פון אויבער־שטען פאָלקסווירטשאפטס־ראט פארלאנגט פון אייך נישט קיין פּראָפּוסק. זי שטעלט נישט אָפּ דעם שטראָם מענשען, וועלכער ציהט זיך פון דער גאס ביז צו די שטיגען, וואו ער צופאלט זיך און פארצווייגט זיך. דער גערדאנג איז גרויס אין דער געביידע, דער שטראָם איז געדיכט, אבער אלעס געהט דאָרט אָפּ גלאַט. דער מענשען שטראָם לויפט דאָרט הין און צוריק מיט מעהר אָרדנונג ווי די רוסישע ווירטשאפט גופא. אין אלע ביוראָס העגגען גראַ־פישע און סטאַטיסטישע שילדערונגען פון דעם צושטאנד פון דער ווירטשאפט. דאָס זיינען אלץ פּראָספּעקטיווע צייכנונגען, וועלכע ווייזען וואס „ס'וועט זיין". ליידער זיינען נאָך נישטאָ קיין צייכנונגען וואס ווייזען „וואס ס'איז שוין". אבער מען איז אויפ'ן וועג, און פון דעם „עס וועט זיין" וועט ווערען „עס איז".

אין דעם גלאָווק־טעקסטיל.

איינמאל האָט מיך פלאווניק אוועקגעפיהרט אין זיין קאנצע־לאריע צו ווייזען מיר ווי אזוי עס געהט דארט אלעס צו. פון דאנען האָבען מיר געמאכט א רונד־גאנג איבער דער געביידע פון דעם גלאווק־טעקסטיל. דאס איז אן אומגעהויער גרויס הויז. דאָ פלעגט אמאל וואוינען איינער פון די טעקסטיל קעניגע, איינער פון די בוימוואל קעניגע פון רוסלאנד.

מיר געהען אריין אין דער צענטראלער פינאנץ־ביורא. זי

מאכט דעם איינדרוק פון א באנק. איבער צוויי ביליאָן רובעל
א חודש ווערען דאָ אויסגעצאָהלט אדער פאררעכענט. די מייסטע
צאָהלונגען ווערען געמאכט אין דער פארם פון טשעקס אויף דער
שטאאט באנק. א בוכהאלטערין ציינט מיר דעם הויפט בוך,
די טשעק פארמולארען, א. ז. וו. אלעס איז נאָרמאל, אלעס געהט
צו פינקטליך און עכט.

פלאוונִיק האָט מיך דורכגעפיהרט דורך די פארשיעדענע ביור־
ראָס — די רויע־מאטעריאלען ביורא, די סטאטיסטישע אפטיי־
לונג, מיט איינעם פון די באריהמטסטע רוסישע סטאטיסטיקער
בראש, די פרעזידיום־ביוראס, די גרעסערע און די קלענערע. ער
האָט מיר אויך געוויזען די טעקסטיל אויסשטעלונג, וועלכע גע־
פינט זיך אין דער געביידע פון דעם גלאווק און איז רייך אין
אינהאלט. ער האָט מיך אויך צוגעפיהרט צו דער טיר פון דער
פאך־שול. די בעסטע טעקסטיל קרעפטען פון רוסלאנד אונטער־
ריכטען דאָ די מענער און פרויען, וואס שטרעבען צו ווערען אנ־
פיהרער אין זייער פאך. איבער גאנץ רוסלאנד זיינען די טעכני־
שע שולען פארשפרייט און מען האָפט איבער גאנץ רוסלאנד צו
פארשפרייטען טעכניש וויסען. א צענטראל־אפטיילונג געפינט
זיך אין מאָסקווע, מיט אן ערפינדונגס־אויסשטעלונג, מיט אויס־
שטעלונגען, וואס אילוסטרירען די פראדוקציאנס־מעגליכקייטען
פון רוסלאנד, און מיט פיעלע אינסטיטוטען אין מאסקווע און אין
דער פראווינץ. ס'איז ערשט אן אָנפאנג, ווי אלצדינג אין רוס־
לאנד, אבער ס'איז דאָך אן אָנפאנג. איך האָב דארט געזעהן רו־
סישע ערדען, רוסישע זויערען, רוסישע מינעראלען, פאבריצירטע
ארטיקלען, סאָבסטיטוטען. אלץ ערשט אין אָנפאנג, אבער אנ־
פאנגען מוז מען דאָך.

דאָ האָט מיך פלאוונִיק דורכגעפיהרט דורך די געווערקשאפט־
ביוראס, די ביורא פון די ארבייטער פאראיינען, וואס זיינען פאר־
בונדען מיט דער טעקסטיל אינדוסטריע. איך האָב געהאט גע־
שפרעכען מיט די פיהרער פון דער טעקסטיל געווערקשאפט. זיי
האָבען מיר ערקלערט די טאריף־פאָליטיק און די פרעמיאום־פאלי־
טיק. דער פרעמיאום לייטער האָט א סך שטאפלען. די טיכ־
טיגע ארבייטער ווערען עקסטרא באלוינט, ווערען טעילאריזירט,

אזוי צו זאגען, און וואס טיכטיגער און פעהיגער דער ארבייטער, אלץ א גרעסערע פרעמיאום קריגט ער.

אין דער אגראנאָמישער אפטיילונג פון דער טעקסטיל־גע־ווערקשאפט ווערט רעגולירט די באארבייטונג פון די פאבריק־פעלדער. אין דער פראכאראוו פאבריק האָב איך געזעהן און גע־הערט אן אגראָנאָמישע פארזאמלונג. א פאכמאן האָט דארט גע־האלטען א פארטראג פאר מענער און פרויען איבער קארטאָפעל וואקסען. ווייטער האָט מיר פלאוונזיק געוויזען די רעדאקציע פון דעם „טעקסטיל ארבייטער”, ארגאן פון דער טעקסטיל געווערק־שאפט און דאן — די אפטיילונג פאר ארבייטער קליידער. די קליידער ווערען געגעבען צו ארבייטער, וואס מוזען שטארק אפ־נוצען די קליידער בעת זיי זיינען באשעפטיגט.

אלעס איז דאָ איינגעאָרדענט, אפגעגרעניצט, אפגעטיילט, רע־גולירט. אלעס איז אין מוסטערהאפטער ארדנונג.

אין דייטשען ראַט.

אין מאָסקווע איז פאראן א אונגארישער ראַט, אן עסטרייכי־שער ראט, א דייטשער ראַט, א. ז. וו. זיי האָבען מייסטענס צו טאָן מיט די מלחמה־געפאנגענע, מיט זייער אהיימקער.

דער דייטשער ראט האָט א ציכטיג הויז און א ריין וואוינ־הויז. דעפעשען, סטאטיסטישע טאבעלען, בילדער הענגען אין דעם טרעפען־גאנג פון דעם ביורא הויז. אויבען געפינט זיך א גרויסער זאל, וואו די שרייב־מאשיניסטקעס ארבייטען. נעבען דעם — א צווייטער גרויסער צימער.

דאָ אין דעם צווייטען צימער הערט מען נישט אויף געהן אריין און ארויס א גאנצען טאָג. די היימקעהרער האלטען זיך אין איין פארזאמלען אין מאָסקווע, אין דעם דייטשען ראַט, וואו זיי ווערען רעגיסטרירט, מעדיציניש באהאנדעלט און באזארגט מיט שפייז.

ס'איז זעהר זויבער אין דעם דייטשען ראַט. דאָס עסען איז גוט. איך האָב דארט פיער מאָל געגעסען. מיט התלהבות דער־מאָן איך זיך אָן די מאכלים, וואס איך האָב דאָרט געגעסען —

אָן דעם דיקען לינזען־געריכט און אָן דעם געבראַטענעם פלייש מיט געברוינטע קאַרטאָפעל. מיט דאַנקבאַרקייט דערמאָן איך זיך אָן דעם אויטאָמאָביל פון דעם דייטשען ראַט, וואָס האָט מיך גע־פיהרט איבער דער שטאָדט, ווען מיינע פיס האָבען זיך ענטזאַגט מיר מעהר צו דינען. דאָס איז אַ פּינקליגער אויטאָמאָביל, אַ פּראָמ־טער אויטאָמאָביל, אַ דייטשער אויטאָמאָביל.

איין זאַך מוז מען זאָגען וועגען דייטשען ראַט: ער ווערט געפיהרט מיט אָרדנונג און סיסטעם. מען צורייבט דאָרט נישט קיין צייט, נישט אין די ביוראָס און נישט אין דעם וואוינהויז. די אַרבייטס־צייט ווערט אָפּגעהיט און אַרבייטס־ביישפּיעלען ווע־רען געגעבען. פאַר אַ יאָהרען וויכטער האָט דער דייטשער ראַט געוויזען די רוסען ווי אַזוי מען האַקט האָלץ, און מען רעדט נאָך איצט וועגען דעם דאָזיגען אַרבייטס־ביישפּיעל. דאָ קאָנען די רוסען זיך לערנען ווי אַזוי איינצושפּאָרען געצייג און ווי אַזוי צו אַרבייטען ראַציאָנאַל. דייטשע אַרבייט איז דייטשע אַרבייט. איך זאָג דאָס נישט אויס נאַציאָנאַלען שטאָלץ. די רוסען אַליין זאָגען דאָס. די רוסישע אַרבייט מוז, אַזוי צו זאָגען, געראַציאָנאַליזירט ווע־רען. דאָס איז אַ דרינגענדע נויטווענדיגקייט. די ווירטשאַפטס־פיהרער אין רוסלאַנד וויסען דאָס גאַנץ גוט. זיי לויבען די דייט־טשע אַרבייט, זיי שטרעבען נאָך דייטשער אַרבייט. דייטשע אַר־בייט איז — אויפ'ן אַלטען לשון גערעדט — מיט גאָלד צוגלייך אין רוסלאַנד.

אַהיימקעהר.

איידער אַ טראַנספּאָרט מיט קריעגס־געפאַנגענע פאָהרט אָפּ נאָך דייטשלאַנד מאַכט מען אַ שטיקעל יום־טוב. עס ווערט אָפּגע־האַלטען אַ פעסט־פאַרזאַמלונג, עס ווערען געהאַלטען אָפּשיעד רע־דעס, מוזיק שפּיעלט, מען זינגט. די אַנאָנסען ערשיינען אין דער „רויטע פאָהן", דעם וואָכענבלאַט פון דעם דייטשען ראַט.

דער פאָרזיצענדער האָט מיך געבעטען צו רעדען פאַר אַ היים־פאָהרענדען טראַנספּאָרט. איך האָב גערעדט פאַר די דאָזיגע קאַ־מעראַדען, וועלכע האָבען געוואָלט הערען עפּעס פון דייטשלאַנד,

עפּעס וויכטיגעס און צופאַרלעסיגעס. זיי האָבען זעהר ווענינ געוואוסט וועגען דייטשלאַנד. מאַנכע פון זיי זיינען זעקס יאהר אין דער היים נישט געווען און האָבען נאָך געהאַט דאס אַלטע דייטשלאַנד אין קאָפּ און אין האַרצען. אַנדערע האָבען געהאַט אַן אומקלאָהרע פאַרשטעלונג. אויך זיי האָבען נישט באַגריפען דאַס איצטיגע דייטשלאַנד. איך האָב זיי דערצעהלט וועגען דער דייטשער ווירטשאַפט. זיי זיינען געשטאַנען רוהיג, מענער און פרויען, — די פרויען וואס זיינען מיטגעפאהרען נאָך דייטשלאַנד מיט זייערע ערשט געהייראַטע מענער. א שעה און א האַלב האָב איך צו זיי גערעדט, ביז ס'איז געוואָרען גאַנץ פינסטער. אבער זיי זיינען געשטאַנען רוהיג, שלינגענדיג דאַס איצטיגע דייטשלאַנד, די נייע ווירטשאַפט. זיי זיינען געשטאַנען שטוינענד, זיי זיינען געשטאַנען ערשיטערט. נישט דאָס אַלטע דייטשלאַנד האָבען זיי פאַר זייערע אויגען געזעהן. דאס איז געווען אַנאַנדער דייטשלאַנד, א קראַנק דייטשלאַנד, א ליידענד דייטשלאַנד, א ביטער ליידענד דייטשלאַנד. איך האָב געמוזט זיי ציינען די דייטשע ווירטשאַפט אזוי ווי איך האָב זי געזעהן און אזוי ווי זי איז. עס האָט קיין זין נישט געהאַט אָפּצונאַרען די דאָזיגע היים־פאָהרענדע מענשען, צו מאָלען די היים מיט העלע פאַרבען. איך האָב געמוזט פאַר זיי שילדערען דאס לאַנד ווי דאס איז. עס האָט קיין זין נישט געהאַט צו זאָגען ליגען. עס האָט קיינמאָל קיין זין נישט געהאַט.

אין דעם פאַרזאַמלונגס־גאָרטען ביים דייטשען לאַזאַרעט בין איך פאַרבייגעגאַנגען בונטע גרופּען. אַלע מונדירען פון דער פרידען־צייט האָט מען דאָ געקאָנט זעהן. דאָס זיינען מייסטענס געווען סאָלדאַטען, וואס מען האָט געפאַנגען אין די ערשטע חדשים פון קריעג. מען האָט זיי געפאַנגען... ערשט דאָ האָב איך אָנגעהויבען צו פאַרשטעהן, וואס דאס מיינט. מען פאַנגט מענשען, מען זעצט זיי אריין אין שטייגען, מען רינגעלט זיי ארום, מען באַוואַכט זיי, מען לויערט אויף זיי, מען באַהאַנדעלט זיי ווי טשערדעם פיה. מען האַלט מענשען געפאַנגען. אזוי לאַנג ווי ס'איז נאָך ערלויבט צו פאַנגען מענשען איז נישטאָ קיין פרייהייט אויף דער וועלט. מענשען פאַנגען — דאָס איז מענשען־יאַגד, דאס איז

שמייסען מענשען, זיי זעצען אין קאַרצער. דאָס איז אומווירדיג פאַר מענשען. דאָס איז נאָך מיטעלאַלטער, דאָס איז נאָך אַלטערטום, דאָס איז נאָך נישט די נייע צייט.

אויף איינער פון די מאָסקווער גאַסען האָב איך גערעדט מיט אַ דייטשען סאָלדאַט, וועלכער איז אַהיים געפאָהרען פון טאַשקענט. ער האָט מיר דערצעהלט וועגען שרעקליכע קערפּערליכע יסורים. נישט וועגען הונגער לײדען. עס זיינען דאָ אַנדערע יסורים, מענער־ליידען, וואָס זיינען שרעקליכער ווי הונגער ליידען.

מען הערט פאַרשיעדענע מעשות וועגען דער באַהאַנדלונג פון די געפאַנגענע. אייניגע זיינען געוואָרען צופריעדענע קאָלאָניסטען אין סיביר, אַנדערע האָט מען געשלעפּט פון געפענגנים צו געפענגנים, און זיי האָבען געהונגערט. טויזענטער זיינען געשטאָרבען פון מגפות און פון אויסצעהרונג. זינט דער אָקטאָבער רעוואָלוציע זיינען די געפאַנגענע מעהר נישט געווען קיין געפאַנגענע. זיי זיינען געווען פריי. זינט דאַן איז אפילו נישט אַלצדינג געווען ווי עס באַדאַרף צו זיין: אין די לאַגערען זיינען נאָך אַלץ פאָרגעקומען צרות און אומגליקען. אָבער די געפאַנגענע זיינען מעהר קיין געפאַנגענע נישט געווען. פיעלע פון זיי האָבען געאַרבייט און פאַרדיענט. אין מאָסקווע האָבען דייטשע קריעגס־געפאַנגענע געמאַכט שעהן געלט.

וואו איך האָב נאָר געהאַט אַ געלעגענהייט האָב איך גערעדט מיט אַהיימפאָהרענדע לאַנדסלייט. אין מאָסקווע — אויף די גאַסען און אין די ביוראָס פון דעם דייטשען ראַט און אויף מיין צוריק־רייזע — אין דעם לאַגער פון קריגס־געפאַנגענע ביי נאַרוואַ. דאָ האָב איך שטונדען לאַנג גערעדט מיט די אַהיים פאָהרענדע. אַלערליי זיינען דאָ געווען: גוטמוטיגע, מעלאַנכאָלישע, אויפגערעגטע, באַשיידענע, איבער־וויכטיגע — אַלע טיפּען זיינען דאָ געווען פאַרטראַטען. איך האָב פון די געשפּרעכען מיט זיי באַקומען דעם איינדרוק, אַז רוסלאַנד איז אַ ברייט לאַנד, אַ גרויס לאַנד מיט פיעלע לעבענס־אונטערשיעדען, מיט פיעלע געמיטס־אונטערשיעדען, און ווייל רוסלאַנד איז אַזאַ פאַרשיעדענאַרטיג לאַנד האָט יעדער איינער איבערגעלעבט עפּעס אַנדערש און האָט באַקומען

זיינע אייגענע איינדרוקען. אייניגע האָבען געטרויערט נאָך די פארשטאָרבענע קאַמעראַדען, אנדערע האָבען גאַנץ גלייכ־גילטיג גערעדט וועגען די מגפות, באַזונדערס וועגען דער טיפ־עפּידעמיע. נאָך אנדערע האָבען מיר דערצעהלט ווי אַזוי זיי האָבען זיך אַקלימאַטיזירט, ווי אזוי זיי האָבען זיך צוגעפּאַסט צום אָרטיגען לעבען, געבויט זייערע אייגענע הייזער, און געוואָרען פּויערען, סוחרים און מעקלער מיט אַמאָל. זיי האָבען זיך באַקלאָגט אויף די הויכע פּרייזען אדער געלויבט די נידעריגע פּרייזען פון די געגענדען, וואו זיי האָבען זיך געפונען.

אבער אַלע האָבען געבענקט אהיים, אַלע האָבען זיך געפרעהט וואָס זיי פאָהרען אהיים. א סך האָבען אויפגעהערט גלויבען אַז ס'איז דאָ א היים, אַז דאָס איז א וואָהרע זאַך, און האָבען געגלויבט אַז די שיף וואָס דאַרף זיי אַפּפיהרען פון נאַרוואַ אַהיים און די היים גופא איז נישט מעהר ווי צויבער־מעשה'לע.

מיין צוריק־רייזע.

אויף דעם ניקאָלאַיעווסקי וואָקזאַל האָבען באַאַמטע פון דעם אויסערן־קאָמיסאַריאַט זיך געזעגענט מיט די מיטגליעדער פון דער ענגלישער מיסיע, שאָ און טוירנער. איך גלויב אַז זיי האָבען אויך געבראַכט מיט זיך אַן אָפּשיעד בריעף פון לענינ'ען. איך גלויב, אַז דאָס איז נישט געווען קיין האָניג־זיסער בריעף. דאָס איז געווען אַן אייגענאַרטיגער אָפּשיעדס־בריעף מיט אייניגע ניט גאַר אנגענעהמע אמת'ען אויף דעם חשבון פון די ענגלענדער. איך ווייס נישט אויב די ענגלענדער האָבען דערצעהלט זייערע לאַנדסלייט וועגען דעם דאָזיגען בריעף. העפליך איז ער געווים נישט געווען. אָבער לענין דענקט, אַז אין א צייט פון שטורמישע וועלט־פּאַסירונגען טאָר מען נישט זיין העפליך, ווען מען איז וואָהרהאַפטיג. און צו זיין וואָהרהאַפטיג מיינט פּשוט צו זיין אזוי ווי מען איז, צו זאָגען דאָס וואָס מען דענקט. צו זיין וואָהרהאַפטיג איז דער היפּוך פון צו זיין דיפּלאָמאַטיש. לענין פאַרשטעהט זיך אפילו אויף דיפּ־לאָמאַטיע, אָבער קיין דיפּלאָמאַט איז ער נישט.

ווידער בין איך געפאָהרען פאַרביי וואַלד־ווערסטען, גרינע און

גאלדענע קופּאלען, דעמבענע, ליפּעווע און בערעזענע וועלדער, וואונדערבארע גראז־פעלדער צווישען מאסקווע און פּעטראגראד. מיר האָבען ווידער געטרונקען מילך צו 125 רובעל א גלאָז און ווי־דער געשלאָפען אין דעם סאוועט וואגאן. ווידער איז דער לאָ־קאָמאָטיוו געגאנגען פון 20 ביז 25 קילאמעטער א שעה, ביז פּעט־ראגראד.

פון דארטען האָט מען אונז צוגעטשעפּעט צו א שנעל צוג, און מיר זיינען געזעסען אין א סאלאָן־וואגאן גערעדט און געטרונקען טיי מיט רוסישע אייזענבאהן־באאמטע. איינער פון זיי איז גע־ווען א מיטגליעד פון דעם צענטראלען אויספיהר קאָמיטעט פון דער רוסישער אייזענבאהן געווערקשאפט. ער האָט דורך מיר איבער־געגעבען א גרוס צו די דייטשע גענאָסען.

אין זיבען שעה זיינען מיר געווען אין יאמבורג. דאָ האָבען מיר געהאט צרות מיט די פּארפּאָרטען, מיט די וויזירונגען, מיט פּאָליטישע קליינליכקייטען. די עסטען זיינען נישט געווען צו־פריעדען מיט אונזערע פּאספּארטען און אונז נישט געוואלט דורכ־לאָזען. דער ארטיגער סאוועט האָט אונז אפילו געטרייסט מיט גוטע מאָלצייטען, אבער מיר זיינען געווען מיעד און זיך געריסען אהיים. איך האָב געבענקט נאָך ים לופט, נאָך היים־ארבייט, איך האָב געוואלט זיך ארויסרייסען פון מזרח.

איך האָב געוואלט זיך ארויסרייסען פון מזרח, ווייל איך האָב זיך איבערגעגעסען. נישט מיט פליייש און נישט מיט קאשע נאָר מיט וויסען, מיט ערפאהרונגען, מיט אינפארמאציע האָב איך זיך איבערגעגעסען. מיינע נערווען זיינען געווען אויסגעמוטשעט. איך בין געווען איבער־שוואנגער מיט מאטעריאל, איך האָב שיעור נישט געפּלאצט — איך האָב געמוזט זיך אוועקזעצען און ארבייטען און ענטבונדען זיך און געבוירען בוך־קינדער.

ענדליך האָט מען אונז דורכגעלאָזט. אין האפען פון רעוואל איז ווידער געלעגען אונזער גוטע שיף. אַנאַנדער קאפּיטאן אבער א טיכטיגער קאפּיטאן. קאלבע האָט ער געהייסען. מאמש האָט געהייסען דער אויבער־סטוארט און ער איז געווען אן אויסגעצייכענטער פּארזאָרגער. מיט קאָלבע'ן און מאמש'ען זיינען מיר אָפּגעפאָהרען נאָך שטעטין.

מיר זיינען געפאָהרען דורך די ווייסע נעכט; דורך די ווייסע נעכט פון די פינלענדישע שכערען. האָט איהר אמאָל געזעהן די ווייסע נעכט פון די פינלענדישע שכערען?

דאָס זיינען גאָרנישט קיין נעכט, דאָס זיינען גאז־וואונדער, דאָס איז אייביגע ליכט, מילך־ליכט איז עס, צארט מילך־ליכט. א ים־פויגעל, א ברייט־פליהענדיגער ים־פויגעל איז איינער אליין נעפלויגען נאָך דער שיף. די שטילקייט איז געווארען אלץ שטי־לער און שטילער. איהר האָט פארלאָרען דעם חוש פון ריכטונג און ווייסט מעהר נישט צי די שיף פאָהרט פאָראויס צי צוריקוועגס. די וואסער פלעשטשעט צארט אָן די ווענט פון א שיף, אזוי ווי די שיף וואָלט געשטאנען אויף איין אָרט.

פלוצים אָבער שיסט די זון ארויס פון די שכערען. זי געהט נישט אויף, נאָר זי שיסט אויף ווי א דיקער גליהענדער פינגער. זי באווייזט זיך פלוצים, מיט איין רוק. זי איבערראַשט אייך. אין איין מאָמענט פארוואנדעלט זי דאָס וואסער אין א ציטערענדען גאָלדענעם ים. לאנגזאם שטייגט זי דאן אויף, און דאן ערשט געהט זי אויף — די רויטע זון פון די שכערען.

דורך צוויי ווייסע שכערען־נעכט בין איך געפאָהרען, דורך צוויי גליקליכע נעכט, צארטע מילך נעכט, ווארימע צפון נעכט. צוויי מאָל האָב איך געזעהן ווי די זון איז פלוצים ארויס פון צווישען די שכערען און האָט באגאָסען דאָס וואסער מיט גליהענד גאָלד. צוויי מאָל האָב איך געזעהן דעם ברייט־פליגעלדיגען, שטאָל־צען ים־פויגעל, דעם צארט־ווייסען, מילך־ווייסען שלייער פון דער שכערען נאכט, באזוימט מיט רויטען ווען די זון האָט זיך פלוצים באוויזען.

און דאן בין איך אָנגעקומען קיין שטעטין.